STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06820

MENTSHN FUN NEKHTN

Perets Granatshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ גראַנאַטשטיין / מענטשן פון נעכטן

פרץ גראַנאַטשטיין

מענטשן פון נעכטן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ביבליאָטעק
תל-אביב, ישראל
1959

Perez Granatstein / Menshn Fun Nechtn
Publishing I. L. Peretz Library,
31 Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.

פרץ גראַנאַטשטיין / מענטשן פון נעכטן
פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „אלישע" בע"מ, רח' הבטחון 53 ת"א

פרץ גראַנאַטשטיין

מענטשן פון נעכטן

דער „רבי" פון די אפיקורסים

„זכרתי לך חסד נעוריך
אהבת כלולתיך לכתך אחרי
במדבר בארץ לא זרועה."
(ירמיה)

אברהם הערש דער קצב פון שול־הויף, ביי וועמען די פרומע יידן פון שטעטל קויפן פלייש, ווייל מ׳האַלט אים פאַר אַ ירא־שמים, איז אַ היים געקומען פרייטיק אָוונט נאָך קבלת שבת פון אמשענאָוווער שטיבל אַ דערשלאָגענער, אַ צעבראָכענער. ער האָט געעפנט דעם סידור און אָנגעהויבן זאָגן „שלום עליכם" מיט אַ טרויעריקן ניגון, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַן אבל. זיינע בני־בית האָבן אים אָנגעקוקט מיט גרויס חידוש און געטראַכט: — וואָס איז געשען מיטן טאַטן? צי איז ער, חלילה, קראַנק?

דער גוטער תמימות׳דיקער שמייכל, וואָס ליגט תמיד אויסגעגאָסן ביי אים אויפן פנים, איז פלוצים פאַרשוווּנדן. ס׳איז אים פשוט נישט צו דערקענען.

אברהם הערש האָט אָנגעגאָסן דעם ראָזשינקע־וויין פון דער פולער רויטער קראַפינקע, וועלכע האָט געבלענדט מיט שבת׳דיקער זיסער פרייד אויפן ווייסן פאַרשפּרייטן טישטעך. ער האָט געמאַכט קידוש. נאָך אים דיינע זין ישראל און שמואל לייב.

אברהם הערש דער קצב האָט זיך געוואַשן צום עסן, צעשניטן דעם גרויסן ברוינעם קוילטש און אריינגעזיפּצט אין זיין ווייסער שמאָלער באָרד.

— וואָס איז מיט דיר טאַטע, צי ביסטו נישט מיט אַלעמען? — האָט אים זיין זון ישראל געפרעגט.

— ס'איז מיר גאָרנישט — האָט ער שטיל געענטפערט און גענומען ברומען כל מקדש.

— עפּעס איז דאָך מסתמא געשען? — האָט זיך זיין ווייב בלימע די קצב'טע, אַ נידעריקע יידענע, אָנגערופן דערלאַנגענדיק טעלערלעך מיט פיש צום טיש.

— אוודאי איז עפּעס געשען! מיר איז שוין באַשערט צו האָבן אַ צעשטערטן שבת.

— וואָס? נו, דערציייל! נעם נישט אַרויס דאָס חיות. אַ טבע פון אַ מענטשן צו שווייגן, נישט דערציילן דעם אייגענעם ווייב, די אייגענע קינדער.

— איר האָט היינט באַדאַרפט זיין אין אמשענאַוווער שטיבל ביים דאַווענען, וואָלט איר געזען מיין נחת! דער לאָמער אברהם יואל האָט געפּאַטשט אונדזער יעקבן.

— פאַרוואָס? — האָבן אַלע אויסגערופן;

— ווייל אברהם יואל, מיט נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטישע יידן, האָבן געפונען ביי אים אין פּאַלטן־קעשענע אַ ביכל געשריבן מיט לשון־קודש'־דיקע אותיות. אונדזער יעקב גיט דאָס ביכל יעדן בחור צום לייענען און דאָס פירט צו אפיקורסות.

— פאַר דעם קומט צו פּאַטשן? — האָט די קצב'טע געפרעגט מיט טרערן אין אירע אויגן און פאַרבראָכן אירע דאַרע הענט.

— אברהם הערש! איז דאָס חלילה נישט אַמאָל פון יענע טריפה ביכלעך, וואָס די פּאָליציי זוכט זיי אַרום ביי די שטרייקער און מען פאַרשיקט פאַרן האַלטן אַזעלכע ביכלעך אין טורמע?

— איך וויס? איך האָב אַ ידיעה אין ביכער? פרעג מיר אַ גרינגערע זאַך!

מאַמע, דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן. ס'איז נישט פון יענע ביכער וואָס די פּאָליציי זוכט אַרום. איך וויס וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז. אויך איך האָב שוין דאָס בוך געלייענט — האָט זיך אַריינגעמישט דער עלטערער

זון ישראל. נישט נאָר איך, אַלע בית־מדרש בחורים האָבן געלייענט, זיי האָבן דאָס בוך געגומען ביי אונדזער יעקבן. צוליב דעם זענען אַלע עלטערע יידן אויף אים אין כעס, צוליב דעם האָט מען אים געפּאַטשט.

— זיי זאָגן אין שטיבל, אַז ער פירט אַראָפּ פון דרך הישר אַלע יונגעלייט. איר ווייסט וויאַזוי זיי רופן אים? זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: „דער רבי פון די אפיקורסים״.

— ישראל, וואָס איז עס פאַר אַ ביכל, פאַר וועלכן מ׳קריגט פּעטש. וואָס איז דאָרטן געשריבן? — האָט די מאַמע, די קצב׳טע, רויק גע־פרעגט איר זון.

— מאַמע, דאָס איז אַ בוך פון אַ שרייבער אַ ליטוואַק. מען רופט אים אברהם מאפו. דאָס בוך הייסט „אהבת ציון״. ער דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן ווען יידן זענען געזעסן אין אונדזער אייגן לאַנד — אין ארץ־ישראל, אין דער צייט פון די נביאים ישעיהו און יחזקיהו. דאָן איז אַ לייב באַפאַלן אַ יידיש מיידל מיטן נאָמען תמר, וועלכע איז געגאַנגען רייסן בלומען, האָט דערזען דער פּאַסטוך אמנון, וואָס איז געשטאַנען פונקט אויפן פעלד, האָט ער מיט זיין בויגן געשאָסן צום לייב און אים דורכגעלעכערט זיין האַרץ. אַזוי אַרום האָט ער געראַטעוועט דאָס שיינע מיידל.

— דו ווייסט, טאַטע, ווען דער ווילדער צלאָפּ, דער לאָמער אברהם יואל, וואָלט מיך געפּאַטשט, וואָלט איך אים אויסגעדרייט דעם צווייטן פוס — האָט מיט שטאָלץ דערקלערט זייער זון ישראל — זיין נס איז, וואָס איך האָב היינט נישט געדאַוונט אין שטיבל. טאַטע, יעקב האָט געשוויגן? ער האָט נישט אָפּגעענפערט מיט פּעטש?

— ניין, ער האָט נישט צוריק געגעבן, ער האָט געשוויגן. ער האָט זייער גוט געטאָן. גיין זיך שלאָגן שבת אין שטיבל מיטן ווילדן אברהם יואל? ער האָט מיר געזאָגט, אַז מער וועט ער נישט קומען דאַוונען אין אמשענאָווער שטיבל. ער וועט פון היינט אָן גיין דאַוונען אין נייעם בית־מדרש.

ווען זיי האָבן געענדיקט זייער שבת׳דיקע סעודה און אָפּגעבענטשט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און זיך געזעצט אויף דער פּריזבע.

זייער הויז איז געשטאַנען נאָענט צום אַלטן בית עולם, צווישן אַלטע צעהויקערטע הילצערנע הייזער — דער צענטער פון דער שטעטלדי־קער אָרעמקייט. אַלע טרעגער, פורמאַנעס, שמאַטניקעס, אָרימעלייט וואָס גייען איבער די הייזער, דינסטן וואָס דינען אין די רייכע שטיבער, האָבן דאָרט געוווינט.

צופוסנס פון די אַלטע פוילנדיקע שטיבער, מיט גרינעם מאָך באַ־דעקטע, צעלעכערטע שינדל־דעכער, אויף וועלכע די שטאָט־ציגן קלע־טערן אַרויף און גריזשען דאָס ווילדע גראָז וואָס וואַקסט אויף די אַלטע חורבות, ליגן אויסגעשפרייט גרינע פעלדער מיט שאָטנדיקעביימער.

שבת פאַרלאָזט די אָרימקייט זייערע טוכלע הייזער, זיי שפרייטן אויס לעבן בית־עולם אויפן ווייכן גראָז קאָלדרעס, אַלטע מלבושים, זעק. מען קנאַקט באַני־קערן, מען עסט געזאָטענעם באָב. די פורמאַנעס, די דאָרפסגייער דערציילן מעשיות, מ׳פאַרברענגט אויפן פרייען פעלד.

אברהם הערש, דער קצב, איז געזעסן מיט זיין זוגתו אויף דער פריזבע פאַרזונקען אין שווייגן, זיך איינגעקוקט אין דעם אויסגע־שטערנטן הימל, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ בלויע חופה איבערן שטעטל, און דער זילבערנער לבנה, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין דעם שמאָלן טייכל, אין דער סטריגע, וואָס פליסקעט לעבן אַלטן בית־עולם. ער האָט איינגעאָטעמט די קיל מחיה׳דיקע ווינטלעך, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן פון די קופּעס פריש אָפּגעשניטענעם היי, וועלכע זענען גע־לעגן אויף די אַרומיקע פעלדער. פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעטויכט נאָכאַמאָל דאָס בילד אין אמשענאָווער שטיבל: זיין זון יעקב אַ בליי־כער, צעטומלט, ווישט זיך מיט אַ טיכל דאָס פנים, טאַפּט זיין נאָז צי עס רינט נישט קיין בלוט. דער לאָמער אברהם יואל שרייט ווי אַ געקוילעטער אָקס: פושע ישראל! שמדניק! מיר וועלן דיך עוקר זיין, אַז דו וועסט ברענגען אין שטיבל אַריין ביכער. דו שטעלסט אין סכנה אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן.

ער האָט איבערגעריסן זיין שווייגן, זיך געווענדט צו זיין ווייב: —

דו הערסט בלימע? ביים עסן אין שטוב, האָב איך נישט געוואָלט דערציילן, נישט געוואָלט די קינדער זאָלן הערן. זיי האָבן מיר דער־

ציילט אין שטיבל, אַז ביי נאָטע פינקעלשטיין אין שטוב, דער וואָס שרייבט פראָשעניעס, קומט מען זיך צוזאַמען אַלע אָונט, אויך אונדזער יעקב. ס׳קומען אַהין ווייבער, זיי לייענען ביכער, מ׳זינגט לידער, זיי האָבן מיר אפילו דערציילט ווער ס׳זענען די ווייבער. איז דאָס אַ דרך, אַז אַ מאַן פון אַ פרוי זאָל קומען צוזאַמען מיט פרעמדע ווייבער? אונדזער יעקב האָט דאָך אַ ווייב, ביז הונדערט מיט צוואָנציק יאָר! נאָך וואָס קריכט ער אין פרעמדע שטיבער, צו דעם בעל עבירה׳ניק נאָטע פינקעלשטיין?

— דו זאָלסט אַלץ הערן, וואָס בייזע צינגער ריידן! — האָט אים זיין ווייב האַלב פאַרשלאָפן געענטפערט.

— אדרבה, אברהם הערש, ווייז מיר נאָך איינעם אין שטאָט, ער זאָל זיך קענען גלייכן צו אונדזער יעקב׳ן? מיט תורה און מיט שכל! מיט לייענען און שרייבן. ער איז צו גאָט און צו לייט! אַלע רייכע חסידישע יונגעלייט קומען דאָך צו אים זיך לערנען, זיך פרעגן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אונדז האָט נישט געקאָסט ווי אַלע אַנדערע עלטערן קיין געלט, ער האָט זיך אַליין געלערנט. יאָרן איז ער געזעסן אין בית מדרש און געלערנט. ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט שרייבן לשון־קודש, פויליש און רוסיש. זע אַלע קצבישע קינדער, וואָס זענען זיי?: שינדער, קאָרטן־שפּילער, טויבן־כאַפּער, פאַסערס און גנבים, אָבער אונדזער יעקב, אַ קצב׳ס אַ זון, קען בעסער לערנען תורה ווי דעם רבינס קינדער.

מידע פון אַ גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט האָבן זיי ביידע געכאַפּט אַ דרעמל לעבן זייער שטוב אויף דער פריזבע.

*

יעקב איז געווען פון די בעסטע לערנער אין שטיבל, אַ למדן מופלג. אַז מען האָט זיך געאַמפּערט אויף אַ שווערער סוגיה, פלעגט מען צורופן יעקב טייטלבוים. אויך נאָך דער חתונה, ווען ער איז געווען אַ בעקער און געאַרבעט שווער צו פאַרדינען אַ קערבל, זענען

אַלע באַלעבאַטישע חסידישע יונגעלייט געקומען צו אים, אויפן שול־הויף לעבן בית עולם. אויף די קלעצער, וואָס זענען געלעגן לעבן זייער שטוב, האָבן זיך די יונגעלייטלעך אַוועקגעזעצט און געלייענט מיט התמדה די „הצפירה", וואָס יעקב טייטלבוים, דער איינציקער אין שטאָט, האָט דאַן אַבאָנירט.

ער פלעגט איינלייגן די אַרבעט און מסביר זיין מיט טעם, מיט שכל נחום סאָקאָלאָוו׳ס מאמרים, וואָס ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אונטערן קעפּל: „אורח לשבת". אויך די באַוווסטע, עלעגאַנטע פּיקחות׳דיקע פעליע־טאָנען: „משבת לשבת". די פרומע יידן האָבן געקוקט אויף אים קרום, מיט חשד, הגם זיי אַליין פלעגן אויך פון צייט צו צייט אַראָפּכאַפּן זיך אויפן שול־הויף צו אים, כדי צו הערן פון יעקב׳ן אַ שטיקעלע וועלט־פּאָליטיק.

ער פלעגט פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס איינקויפן זיך ביכער. דער שטעטלדיקער מוכר ספרים־ניק, ר׳ אשר, האָט פאַר אים געברענגט פון וואַרשע די נייע דערשינענע העברעישע ספרים. ער פלעגט זיי געבן צו לייענען, אָדער אַליין פאַרלייענען פאַר זיין ענגן קרייז חסידים ביי נאָטע פינקלשטיין אין שטוב. ער האָט דאָרטן פאַרגעלייענט יל״ג׳ס פּאָעמע „קוצו של יוד", וואָס רופט צום קאַמף קעגן די רבנים. אויך משה לייב ליליענבלום׳ס „חטאת נעורים", זיין גרויסן מאמר אין „המליץ" „ארחות התלמוד", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער רעליגיעזער וועלט, ווייל ער האָט דאַן גערופן צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. פּרץ סמאָלענסקיס ראָמאַן „התועה בדרך החיים", האָט דאַן געוואַנדערט צווישן די בחורים אין שטעטל פון האַנט צו האַנט, אַלץ אַ דאַנק יעקב טייטלבוים, — יעקב פלעצל, ווי מען האָט אים דאַן גערופן.

ווען ס׳איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן ד״ר הערצעלס טויט, האָט ער צוזאַמענגערופן אַ טרויער־אסיפה און געהאַלטן אַ הספד. אויך פאַרגעלייענט פּרקים פון „יודנשטאַט". די פרומע יידן בראש מיטן רב, האָבן וועגן דעם געוווסט, זיי זענען אָבער נישט געווען בכוח אָפּצוהאַלטן די בחורים, אַז זיי זאָלן נישט לייענען די ביכער, וואָס יעקב פלעצל האָט זיי געגעבן. די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־

ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך אין צאַ־רישן רוסלאַנד, אין אָנהויב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט און צעטרייסלט די וואַקלדיקע, פוילנדיקע יסודות פון דעם אַלטן יידישן לעבן, האָבן אויך דערגרייכט קיין סאָקאָלאָוו פּאָדלאַסקי.

זיי זענען אַריינגעדרונגען אינעם פּרימיטיוון, פאַרגליווערטן יידישן רעליגיעזן לעבן און איינגעבראָכן די פונדאַמענטן פון דעם לאַנג דורות־דיקן לעבנס־שטייגער. די ווינטן וועלכע האָבן געטראָגן מיט זיך די בשורה פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, האָבן זיך אַריינגעריסן דורך טיר און פענצטער אין די בתי־מדרשים, חסידים שטיבלעך און ישיבות, אין וועלכע עס זענען געזעסן בחורים און עוסק געווען אין תורה יום ולילה. צעטומלט, צעמישט זענען געוואָרן די שאַרף־לומדישע קעפּ. זיי האָבן פאַרמאַכט די גמרות און זיך געלאָזט מיטן נייעם נאַציאָנאַלן דרך.

צוויי שטראָמען, צוויי אידעען, ציוניזם און בונדיזם, האָבן פאַראַ־לעל זיך אַריינגעריסן אינעם שטעטל און האָבן אויפגעוועקט צו אַקטיוו־מענטשלעך לעבן די פּאַסיווע, דרעמלענדיקע כחות פון די יידישע מאַסן, פון דער יידישער אָרעמקייט. ביי די בחורים פון שטעטל האָבן זיך דאַן די וועגן צעטיילט, אַ טייל איז געגאַנגען צום „בונד", זיך גע־וואָרפן אין קאַמף פאַר אַ בעסערער, שענערער וועלט, אין קאַמף קעגן צאַרישן רעזשים, און אַ טייל האָט זיך באַהאַפטן מיטן ציוניסטישן אידעאַל, אויפצובויען ארץ־ישראל און אויפלעבן די העברעישע שפּראַך.

יעקב טייטלבוים איז געוואָרן מיטגעריסן נישט מיט די רעוואָלו־ציאָנערע קאַמפּס־לאָזונגען, וואָס זיינע חברים האָבן געטראָגן אין שטעטל צווישן די אַרבעטער. אים האָט געצויגן, פאַרכישופט זאב פייערבערגס „לאן", וואָס רופט אַהין, קיין מזרח, קיין ציון. חיים נחמן ביאַליקס „אל הצפור" און „אכן, חציר העם" — זיי האָבן געפאַנגען דאָס האַרץ פון יידישן בית־המדרש בחור — יעקב טייטלבוים.

נאָכדעם ווי דער לאָמער אַברהם יואל האָט אים געפאַטשט און אַרויסגעטריבן פון אמשענאָווער שטיבל, איז ער געקומען דאַווענען אין בית־מדרש. משה אהרן מלמד, אַ הויכער ייד מיט אַ גרויסער געדיכטער

באָרד, אַ כעסן, אַ קנאי, וואָס האָט שוין אַלע בחורים פון גערער שטיבל, וועלכע לייענען ביכער, אַרויסגעטריבן, איז צוגעגאַנגען צו אים מיט רוגזה און אָפּגעדעפּטשעט מיט זיינע שמוציקע שטיוואַלעס יעקב פלעצלס אָפּגעפּוצטע גלאַנצאָוונע שטיוול.

— עוכר ישראל! — האָט משה אהרן מלמד געשריגן — אין אַ מקום קדוש קומסטו מיט געפּוצטע שטיוועלעך?

דער גבאי, משה מלכה׳ס, אַ געמיטלעכער שטילער ייד, האָט זיך אַריינגעמישט: — לאָז געמאַך משה אהרן! מ׳קען זיין אַן ערלעכער ייד און טראָגן געפּוצטע שטיוול.

משה אהרן האָט אויסגעצויגן זיינע לאַנגע הענט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטענדער, זיינע אויפגעריסענע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי צוויי פייערדיקע קוילן, ער האָט מיט אימפּעט, מיט ברען, מסביר געווען דעם ענין.

— טפשים וואָס איר זענט! איר פאַרשטייט נישט, עס הייבט זיך אָן ביי די פיס און עס גייט ביז צום האַרץ. ס׳גייט נישט אין די געפּוצטע שטיוול. דאָס איז רבותי אַן אָנהויב: אַז מ׳פּוצט זיך די שטיוול, טוט מען אָן אַ שטייפן געפּרעסטן קאָלנער, דערנאָך שערט מען צו די באָרד, מען הערט אויף דאַווענען, ביז מען ווערט אויס ייד! איר מיינט אַז איך ווייס נישט אַז יעקב פלעצל קומט צום גאָלעבראָדניק, צום נואף, נאָטע פינקלשטיין אין שטוב צוזאַמען מיט נשים, מיט הולטייקעס? זיי זינגען דאָרטן לידער, זיי לייענען ביכער. יעקב פלעצל, דו האָסט דאָרטן געהאַלטן אַ דרשה וועגן דעם שבתאי צביניק ד״ר הערצל!

— רבותי! ער איז דער רבי פון אַלע אפיקורסים! אַלע יונגעלייט פאַרקוקן זיך אויף אים, זיי קומען צו אים לייענען די „הצפירה״. ער האָט אַלע יידישע קינדער אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. אפילו דער אָנפירער פון די שטרייקער, פון די סאָציאַליסטן אין שטאָט, ישראל לייבעלע מגיד׳ס תכשיט, דער בונדיסט משה מרדכי, איז דאָך זיין תלמיד. ער האָט געגעבן ביכער צו לייענען!

משה אהרן האָט זיך געשאָקלט ווי ביי דער גמרה און געטענה׳עט:

— מיר יידן זענען געגליכן צו אַ שווימענדיקער שיף אויף אַ שטורעמ־

דיקן ים. צוליב אַ קליין שפּעלטעלע קען אומקומען די גאַנצע שיף. צוליב איין אַפּיקורוס קען חלילה קומען אַן אומגליק אויף אַ גאַנצער שטאָט מיט יידן.

*

נאָכן אַרויסטרייבן אים פון אמשענאָווער שטיבל און פון בית מדרש, איז יעקב טייטלבוים געפאָרן צום אמשענאָווער רבי׳ן ר׳ מנחם קליש. אים בעטן אַז ער זאָל ווירקן אויף זיינע חסידים, זיי זאָלן אים נישט רודפן. איידער ער האָט געעפנט זיין מויל, האָט אים דער רבי אַ זאָג געטאָן: — יאַנקעלע, איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר דערציילן.

דער רבי האָט אַנגענומען יעקבן פאַר דער האַנט און געגלעט זיין שוואַרץ קורץ בערדל, כדי צו וויסן אויב דאָס בערדל איז אונטערגע־שוירן געוואָרן.

— דו פאַרשטייסט, יעקב — האָט דער רבי גערעדט בנעימות — דאָס הייבן אַ האַנט איז נישט קיין יידישע מידה. הידים ידי עשיו. מען דאַרף זיך אָנלאָדן מיט כוח, כדי צו קענען זיין אַ ייד. מ׳דאַרף טרייבן פון זיך די מחשבות זרות מיט בייטשן. מען האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט געבראַכט אין שטיבל אַריין פאַר די בחורים צו לייענען דאָס בוך „אהבת ציון״ פון דעם ליטווישן שרייבער אברהם מאפו. זאָג מיר, יאַנקעלע, צי לוינט צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטער מעשה וועגן אַ ליבע־שמיבע מבטל זיין דאָס לערנען תורה? אַ שאָד, דו האָסט אַ גוטן קאָפּ! זאָג מיר, יעקב, צו קוקסטו נאָך אַריין אין אַ ספר?

— יאָ רבי — האָט יעקב פלעצל געענפערט — אָבער זיי זאָגן אין שטיבל אויף מיר, אַז מיין פשט איז אַן אפיקורסישער.

דער רבי האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַפעלן זיינע חסידים, זיי זאָלן אים נישט רודפן, זיי זאָלן אים לאָזן דאַוונען אין שטיבל. ווען ער האָט זיך געזעגנט פון רבי׳ן האָט אים דער רבי געדריקט לאַנג זיין האַנט און גערעדט:

— דיין דרך איז געפערלעך, פונקט ווי דו וואָלסט געטראָגן הייסע

קוילן צווישן פולע שייערן מיט שטרוי. איין פונק קען ברענגען אַ שרפה. געדענק יאַנקעלע, וואַרף אַוועק די נאַרישקייטן: דו זאָלסט לערנען, דו הערסט, דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, עס וועט דיר שטענדיק צונוץ קומען.

יעקב פלעצל האָט נישט געבראַכט קיין שרפה אין שטעטל, אָבער קליינע ליכטעלעך האָט ער אָנגעצונדן אין די פינצטערע געסעלעך, וואָס האָבן באַלויכטן דעם וועג, אויף וועלכן עס זענען דורכגעגאַנגען די צוויי נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען: ציוניזם און בונדיזם.

לאַנג, לאַנג האָבן יידן אין שטעטל דערמאָנט זיין נאָמען. ווען פרומע עלטערן האָבן זיך געקריגט מיט זייערע קינדער, האָבן זיי דערמאָנט יעקב פלעצלען. ער איז שולדיק, ער האָט איבערגעפירט אַלע יידישע קינדער. אַלע פרומע יידן האָבן זיך געפרייט ווען דער רבי פון די אפיקורסים, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

יעקב פלעצל האָט אויך דאָרטן נישט פאַרגעסן אין גירסא דינקותא. דריי און פערציק יאָר האָט ער געפעדלט אין די פאַריייניקטע שטאַטן און צום סוף איז ער אין טיפער זקנה געקומען קיין מדינת־ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים. ער וווינט אין רחביה אויף דער גאַס מטודלה, זיצט אויפן באַלקאָן און האַלט אין זיינע ציטערדיקע הענט אַ ספר, קוקט מיט זיינע אַלטע מאַטע אויגן צו די ריזיקע בערג, וואָס ווייען מיט טויזנטיעריקער יידישער געשיכטע, צו דעם ווילדן אורפראַכט, וואָס דעמערט פון די ווייטע נאַקעטע מדבר־פעלזן, צו די קליינע יונגע ביימעלעך, וועלכע קרייזלען אַרויס זייערע גרינע קעפּעלעך פון דער שטיינערנער וויסטעניש, וואָס גליווערט אַרום ירושלים.

אַנטקעגן זיין הויז בויט מען אַ פּרעכטיק נייע שול. יעקב פלעצל, דעם וואָס מען האָט מיט פינף און פופציק יאָר צוריק געפּאַטשט אין אמשענאָוועד שטיבל צוליב אברהם מאַפּוס „אהבת ציון", איז מנדב געווען פאַר דער שול פופצן טויזנט דאָלאַר. ווען זיינע לאַנדסלייט קומען

צו אים, פירט ער זיי צו דער שול, ווייזט זיי זיין נחת, דערמאָנט זיי יענע יאָרן, שוועבט אַוועק אין דמיון אויף די פאַרבערענטע שליאַכן פון אַמאָליקן שטעטל.

ווייט איז דער וועג וואָס ציט זיך פון אמשעגאָווער שטיבל ביז אַמעריקע און פון דאָרט קיין ישראל, קיין ירושלים. אַ בלוטיקער תהום ליגט אויפן וועג. יעקב טייטלבוים געהערט צו די ראשונים וואָס האָבן דעם וועג געצייכנט.

דעם מגיד׳ס זון

ביידע יונגעלייט, וואָס האָבן באַווירקט, פאַרמירט, רעוואָלוציאָניזירט אַלע בית־מדרש בחורים, אַלע אַרבעטער, אויסגעלערנט יידישע יונגעלייט לייענען ביכער, זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער אָרעמקייט. זיי זענען נישט געקומען פון די זאַטע הייזער, פון די גבירישע עלטערן, נייערט פון מיזערנעם יידישן לעבן, פון די פינצטערע קויטיקע געסלעך.

דער פאָטער פון ציוניסטישן מטיף יעקב טייטלבוים, איז געווען אַ קצב, און דער פאָטער פון משה מרדכי, דער רעוואָלוציאָנער, דער בונדיסט, וואָס האָט דערצויגן די אַרבעטער צום קאַמף, וואָס האָט אָרגאַניזירט די ערשטע שטרייקן אין שטעטל, דער וואָס האָט גענומען אין שוץ יידישע אַקטיאָרן, ווייל די רעליגיעזע יידן האָבן זיי געוואָלט פאַרטרייבן פון שטאָט, איז געווען אַן אָרימען מגיד׳ס אַ זון, וועמענס מוטער פלעגט אַרומטראָגן מילך אין די רייכע שטיבער.

אויף דער שעדלעצקער גאַס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן שורות הילצערנע הייזער. די גאַס האָט דורכגעשניטן אַ צעבראָכן בריקל, דורך וועלכן עס האָבן געפלאָסן, געריזלט, די אָפּלויפנדע וואַסער־שטראָמען פון אַלע אַרומיקע פלעצער און געסלעך.

דער שטראָם האָט זיך געטאָגן דורך דעם רינשטאָק, אַראָפּ צו דער סטריגע, וואָס איז געפלאָסן הינטערן שטאָט. ווען עס פלעגט רעגענען, איז געוואָרן אַ ברייטער סטאַוו, וועלכער איז איבערגעלאָפן איבערן ברוקירטן שאָסיי. זומער האָבן די קינדער פאַרשאַרצט זייערע הייזלעך און געטאָפּטשעט מיט די נאַקעטע באָרוועסע פיסלעך אינעם גרויסן זומפּ.

ווינטער איז דער רינשטאָק מיט די אַרומיקע קאַלוזשעס געוואָרן

פאַרפרוירן, און אַלע חדר־יינגלעך האָבן זיך געגליטשט אויפן געפרוי־רענעם זומפּ.

לעבן רינשטאָק איז געשטאַנען אַן אַלט הילצערן הויז מיט אַ צעלעכערטן שינדל־דאַך. דאָס הויז האָט געהערט צו מענדל סטאָלער, אַ ייד אַ שווערער מיט אַ פּאָר ברייטע, פעסטע ידיים און צו באַשע נאַסקע כינדיקס, אַ יידענע אַ דראָבנע, הויט און ביינער, געטראָגן אויף אירע שמאָלינקע דאַרע אַקסלען אַ קעפּל ווי ביי אַ הינדל, אָט, אָט נאַר־וואָס אויסצוגיין.

אין דעם הויז האָט געוווינט ישראל לייבעלע דער מגיד. ער פלעגט האַלטן אין בית־מדרש בין מנחה למעריב, אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, זיינע האַרציקע דרשות, פאַרפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל און רביאיש־חסידישע מעשיות פון בעל שם טוב, מעזריטשער מגיד, ר׳ זישע אַנטרעפּאָלער און ר׳ לייב שרה׳ס.

ישראל לייבעלע איז אויך געווען אַ בעל מנגן. פרייטיק צונאַכטס, ביי דער שבת׳דיקער סעודה פלעגן די שכנים אין געסל שטיין הינטער זיין פענצטער און זיך צוהערן ווי ער צירקלט מיט וואַרקער דבקות זיינע זמירות.

אויך זיין זון משה מרדכי איז געווען געראָטן אין אים. ער האָט אויך געקענט פיל חסידישע מעשיות, תורה ווערטלעך פון רבנים. ער פלעגט זיך צוהערן מיט קאָפּ צום טאַטנס דרשות, פלעגט אויך פון צייט צו צייט כאַפּן אַ בליק אין די חסידישע ספרים פון ר׳ לוי יצחק בער־דיטשעווער און ר׳ נחמן בראַצלאַווער, מיט וועלכע זיין טאַטע דער מגיד האָט זיך באַנוצט.

אויך ימים נוראים איז משה מרדכי מיטגעפאָרן מיט זיין טאַטן צו די סאַדאָווניקעס אין די פּריצישע הייף אין וועלכע ישראל לייבעלע איז געווען בעל תפילה. משה מרדכי האָט צוגעהאָלפן דעם טאַטן אין דער פרנסה. ער האָט געלערנט ביז פופצן יאָר ביי די בעסטע מלמדים אין שטעטל. דערנאָך האָט דער טאַטע דער מגיד מיט אים געלערנט אין שטוב.

שיינדל די מגיד׳טשיכע, אַ בלייכע דאַרע יידענע, אַ שטילע ווי

אַ טויב, האָט אַרומגעטראָגן מילך אין די רייכע שטיבער. זי האָט פון אירע פאַרדינסטן געצאָלט פאַר משה מרדכי׳ן שכר לימוד. אויך פון אירע פאַרדינטע גראָשנס געמאַכט אים אויף פסח אַ פאָר שטיוול און אַ מלבוש.

ווינטער, ווען דאָס שטעטל ליגט איינגעהילט אין ווייסן שניי, און די בלאָטיקע ערד ווערט פאַרפרוירן ווי האַרטער קופּער, איז שווער שיינדל דער מילך־יידענע צו טראָגן אירע עמערס מילך איבער די פאַרפרוירענע גאַסן. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז זי האָט זיך אויס־געגליטשט און אויסגעגאָסן די עמערס מילך, העלפט אויך משה מרדכי זיין מאַמען טראָגן די עמערס מילך אין די הייזער.

פאַר משה מרדכין אַנטפּלעקט זיך אַן אַנדערע סביבה, אַנדערע מענטשן, דער תהום פון אַן אומגערעכט צעטיילטער וועלט. ער האָט שטענדיק געמיינט, אַז אַלע מענטשן עסן נאָר שוואַרץ־ברויט און קאַר־טאָפל, אַז אַלע יידישע מאַמעס קרעכצן און האָבן אומעטיקע, פאַר־דאגה׳טע פּנימער פונקט ווי זיין מאַמע, אַז אַלע יידישע מיידלעך זעען אויס פונקט ווי די מיידלעך ביי זיי אויפן הויף, אַלע טראָגן צעריסענע שיך מיט אַלטע פאַרלאַטעטע קליידלעך.

מיט זשעדנע, נייגעריקע אויגן קוקט זיך משה מרדכי צו אין די רייכע שטיבער צו די פריילעכע זאַטע פּנימער, צו די רחבות׳דיקע מעבלירטע צימערן ביים גביר אהרן קאַרפּלס, אַ ייד מיט אַ רויטן אָנגעגאָסענעם בלוטיקן קאַרק, וואָס שפּילט זיך שטענדיק מיט דער שווערער גאָלדענער קייט, וואָס באַמקעט זיך אויף זיין ברייטן בויך.

אהרן קאַרפּלס איז געווען אין שטעטל אַ גביר. געהאַט די גרעסטע מויער, געהאַט אַ באַנק, געוווינט אין אַ שיינער דירה. משה מרדכי קוקט זיך צו ווי אהרן זיצט אויף אַן אויסגעבעטן לעדערנעם שטול, גיסט זיך זאָרגלאָז דעם טיי פון דעם גרויסן סאַמאָוואַר, וועלכער פאַרעט זיך אויפן גרויסן דעמבענעם טיש. אַ זיסע פריידיקע זאַטקייט ווייעט פון יעדן ווינקל. דער גרויסער קרישטאָלענער זשיראַנדאָל, וואָס הענגט אין דער אָפענער סאַלע, שפּיגלט זיך, מינעט אין די פאַרביקע שטראַלן, אין די וויאָלעט־גאָלדענע שטרייפן, וואָס שיינען אַריין דורך די פענצטער.

דער זאַנפטער אַראָמאַט פון די געבראָטענע געווירצטע פליישן און געפילטע פיש, וואָס טראָגט זיך פון דער גרויסער קיך, רייצט זיין אַפּעטיט, מאַכט אים הונגעריק.ביים גביר אהרן קארפלס אין שטוב האָט אַרומגע־פלאָטערט ווי אַ שמעטערלינג, ווי אַ צעזונגענער פויגל, אַ מיידל — אַ ליד.

ווער האָט נישט געקענט אין שטעטל די שיינע פערל, אהרן קארפלס טעכטערל? פערל האָט זיך גרויס געהאַלטן, נישט מיט יעדערן גערעדט. אירע חבר׳טעס זענען נישט געווען קיין יידישע מיידלעך. זי האָט געקוואַלן, געקליבן נחת פון זיך אַליין, זיך געפרייט מיט אירע געטאָקטע מיידלישע גלידער, ווי אַ פּאַווע מיט אירע קאָליר־פולע פליגל.

משה מרדכי שטייט אָפּט צעטומלט, צעמישט, קען נישט איבער־ציילן דאָס געלט וואָס פערל גיט פאַר דער מילך. אירע צוויי בלויע וויכע אויגן מיט איר נאָרדיש איידל פאַרשניצטער נאָז שטעכן אים ווי מיט שפּיזלען זיין צאַפּלדיק ייִנגליש האַרץ. טעג און נעכט קומט דער שיקסישער יצר הרע, דער בלאָנדער געקרייזלטער קאָפּ — אַ הענגל טרויבן, צו אים אין געדאַנק. די שיינע פערל גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, ווען ער טראָגט די עמערס מילך איבערן שטעטל.

פערל האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן נישט ווי קיין יידיש מיידל, נייערט אַ שיקסע, וואָס נאָר ביי די גויים זענען פאַראַן אַזעלכע מיידלעך. ער האָט אויך געטראָגן מילך אין נאָך פיל גבירישע הייזער.

נעבן די סטראַגאַנעס איז געשטאַנען אַ שיינע גרויסע מויער מיט פראָנטאָווע געוועלבן. די מויער האָט געהערט צו אלתר דוד׳ס ראָזענ־בוים. ער איז געווען אַ מיטל־וויקסיקער ייד מיט אַ פיין פאַרקעמטער גרויער באָרד און אַן איידל סימפּאַטיש געזיכט. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענע גברים אין שטאָט, פלעגט ברענגען וואַגאָנען מעל, צוקער, רייז און אַנדערע פראָדוקטן. פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער האָט מען ביי אים געקויפט.

אלתר ראָזענבוים איז אויך געווען אַ יודע ספר. געקענט אַ

סך לערנען. ער האָט אָפט צוזאַמען געלערנט אַ בלאַט גמרה מיט ישראל לייבעלע מגיד, האָט טאַקע — מיטן טאַטנ׳ס הילף — משה מרדכי אויך צו אים געטראָגן די מילך. אויך ביי אלתר דוד׳ס איז שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט שיינע מיידלעך. אַמערסטן פלעגט ער וואַרפן זינדיקע בליקן צו זיין טאָכטער מנוחה, וועלכע האָט אָפט מיט אים געשמועסט. פון אלטער דוד׳ס האָט ער געשפּאַנט מיט זיינע עמערס מילך ווייטער, צום צווייטן שטאָט־גביר, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן גרויסן מאַרק — צו יעקב משה דער שוויצער.

אַ מאָדנעם מזל האָט דער יונגער בחור! אומעטום דאָס זעלבע! פונקט ווי דער שטן, דער יצר הרע, לילית אַליין האָט זיך פאַרלייגט צו פאַנגען אים אין איר נעץ, צו דערקוטשען זיין יינגליש, אומעטיק געמיט. יעקב משה דער שוויצער האָט געהאַט אַ שיין מיידל, זי האָט געהייסן לאה. דער טאַטע האָט זיך געשפּילט, געצאַצקעט מיט זיין טעכטערל ווי מיט אַ ווערטפולן ברילאַנט, ווי מיט אַן אתרוג א הדר. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שמאָלע יונגע בעריאָזע. זי האָט געהאַט אַ פּאָר סאַמעטענע פאַרחלומ׳טע מאַנדל־אויגן. מיט איר זיסער מיידלשער תאווה האָט זי געצויגן אויפמערקזאַמקייט ביי אַלע בחורים פון שטעטל. זי האָט אָפטמאָל פאַרפירט מיט משה מרדכין אַ שמועס, עס געפעלן איר זיינע זאַכלעכע קלוגע רייד, זי פאַרבעט אים פון מאָל צו מאָל זיצן. ער טראָגט טאַקע מילך, אָבער זי ווייסט אַז ער שטאַמט פון אַ פיינער משפחה, קען לערנען, קען זינגען, חבר׳ט זיך מיט אַלע באַלעבאַטישע יינגלעך. ער זיצט ביים טיש מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ, קוקט זיך איין אין אירע פעך־שוואַרצע צעפּ פאַרפלאָכטן מיט צוויי רויטע שלייפן, וואָס וויקלען און גליטשן זיך עלאַסטיש ווי צוויי שלאַנגען אויף איר ווייס מערמלדיקן צאַרטן האַלדז.

גליקלעך־טרויעריקע געפילן האָט לאה אריינגעטראָגן אין זיין בלוט, אין זיין האַרץ. זי האָט געלעבט אין זיין פאַנטאַזיע ווי רחל פון חומש, זי איז געשטאַנען אין צענטער פון זיין טראַכטן. ער האָט פיל מאָל באַשלאָסן ביי זיך, נישט מער טראָגן צו איר די מילך, כדי זיך צו באַפרייען פון שרעקלעכע מחשבות, וואָס דריקן אויף אים ווי אַ

שווערע לאַסט. ער איז אָבער הילפסלאָז. זיינע פיס טרייבן אים צו איר קעגן זיין ווילן. נישט ער איז דער בעל־הבית איבער זיך, נייערט עפעס אַ געהיימער, פאַרבאָרגענער כוח רעגירט מיט אים, באַפעלט אים וואָס ער זאָל טאָן.

אומעטום גייט אויף לאה פאַר זיינע אויגן. אין זיין אָרעמער שטוב, ווען ער שלאָפט מיט זיין ברודער אויף דער צעבראָכענער היל־צערנער סאָפקע, קומט זי צו אים צו שוועבן. ביים לערנען, ביים לייענען, אַפילו ביים דאַווענען, ווען ער שטייט שמונה עשרה מיט צוגעמאַכטע אויגן, באַווייזט זיך איר געשטאַלט פאַר אים.

✶

שבת פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט אין בלוטיקער שקיעה און צעגיסט אירע רויטע פלאַמען איבער די גרינפלושענע לאָנקעס, שפּאַצירט די יוגנט הינטערן שטאָט, אויפן זאַמדיקן וועג צום באַן, צווישן די געדיכטע טאָפּאָלן. עס קומען אַהין אַלע מיידלעך, וואָס וואַרפן בליקן צו יינגלעך, אַרבעטער, און ווילדע יונגען, וואָס זאָגן שבת נישט קיין פּרק און גייען נישט אין בית־מדרש צו מינחה. משה מרדכי, אַ דאַנק זיין חבר דעם שוסטער לייבעלע משה שמחה יואלס, הויבט אויך אָן שפּאַצירן צווישן די שאָטנדיקע טאָפּאָלן אויפן וועג צום באַן. מ׳טרעפט זיך מיט לאה׳ען, מען שפּאַצירט אַריין צוזאַמען אין שטאָט ווען עס פאַלט צו די נאַכט.

✶

פאַר דער צייט איז משה מרדכי געוואָרן רייפער, אָנגעהויבן לייענען ביכער און האָט אויפגעהערט צו טראָגן די עמערס מילך אין רייכע הייזער. ער באַשליסט ביי זיך צו זוכן אַ תכלית. ס׳איז נישט קיין פּלאַן פאַר אים צו עסן דאָס אָרעמע ברויט ביי זיין מאַמען. ער מוז זיין זעלבסטשטענדיק, האָבן אַן אייגענעם גראָשן פּונקט ווי זיין חבר דער שוסטער לייבעלע. ער ווערט אַן אַרבעטער, אַ סטאָלער.

נאָך דער שול, הינטערן אַפּטייקערס סאַד, אויפן וועג צום אלטן בית־עולם, וווינט יעקב מענדל דער סטאָלער. ער איז געווען אַ שווע־

דער געפּראָפּטער ייד, ווי אַ בער. מיטלוויקסיק, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פּאָר גראָבע פון מאָזאָלעס פאַרהאַרטעוועטע הענט. אויף צווי קלע־צערדיקע פיס האָט זיך געהוידעט זיין אויסגעאַרבעטער סטאָלאַרסקער גוף.

זיין פּנים איז געווען רויט. זיינע צווי געשוואָלענע פייכטע אויגן האָבן געגלאַנצט פון אונטער זיין שטערן מגושמדיק טעמפּ. די אַרבע־טער האָבן געציטערט פאַר אים אימת־מות. ס׳איז נישט געווען מקנא צו זיין אַן אַרבעטער ווען ער האָט חלילה אויסגעשטאַמט קרום אַ טיר, אָדער געמאַכט צו לויז אַ שליץ. אויסערלעך איז ער געווען אַ שטרענגער, אָבער בטבע איז ער געווען זייער אַ גוטער ייד. אים איז אָנגעגאַנגען דאָס פאַך. אַן אַרבעטער דאַרף קענען מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט, אויב נישט וועט דאָס פאַך איבערגיין אין גויאישע הענט. ווער עס האָט אין שטעטל געוואָלט קענען גוט סטאָלעריי איז געגאַנגען אַרבעטן צו יעקב מענדלען.

חול המועד סוכות איז משה מרדכי אַוועק צו יעקב מענדלען און זיך געשטעלט אַרבעטן אַלס לערן־יינגל. זיי האָבן דאַן געאַרבעט אין די דערפער. מען האָט געבויט אין אַ פּריצישן הויף שייערן. מ׳איז אַוועקגעגאַנגען זונטיק באַגינען אין הויף און מען איז אַהיים געקומען פרייטיק פאַר ליכט־צינדן.

משה מרדכי האָט זיך פאַרפליכטעט צו אַרבעטן צוויי יאָר אָן געלט. ער איז געווען זייער צופרידן וואָס ער אַרבעט ביים פּריץ. דאָרטן האָבן די סטאָלערס באַקומען צו עסן קאַרטאָפל, מעל און מילך, וויפל זיי האָבן געוואָלט. די סטאָלער־יונגען האָבן געקאָכט צוויי מאָל אין טאָג גרויסע טעפּ קלוסקעס מיט מילך.

אַלע אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן צו משה מרדכין מיט רעס־פּעקט, מיט דרך ארץ. זיי האָבן געוווּסט אַז ער קען לערנען, לייענען ביכלעך, קען אויך שיין זינגען. ביים זעגן די ברעטער, ביים שטעמען די לעכער פון די בעלקעס האָט ער זיך צעזונגען די ימים־נוראים׳דיקע תפילות, וואָס ער העלפט צו זיין טאַטן. דער מייסטער יעקב מענדל פלעגט אָפּט מאָל איינלייגן די אַרבעט און זיך צוקאַטשען צו משה

מרדכין, אַוועקלייגן זיין שווערן גוף אויף אַ קופּע סטריזשענעס און זיך איינהערן מיט פאַרווונדערטע, אויסגעגלאָצטע אויגן אין זיינע געשמאַקע ניגונים. — אַך זיין „הנני עני מעש״.

אין די ווינטערדיקע קאַלטע, פינצטערע נעכט, ווען אויף די פעלדער האָבן שטורעמס, זאַווירוכעס, געריטשעט, געוויעט ווי סטאַדעס הונגעריקע וועלף, האָבן זיך אַלע סטאָלערס אַוועקגעזעצט אויפן שטרוי, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן דיל צום שלאָפן. משה מרדכי האָט זיי דערציילט מעשיות, לעגענדעס, וואָס ער האָט געלייענט אין די ספרים, וועלכע געפינען זיך ביי זיין טאַטן אין שטוב. ער האָט געהאַט אַ געבוירענעם טאַלאַנט צו דערציילן, צו ריידן. די לאַנגע ווינטער־נעכט זענען שנעל געלאָפן, די אַרבעטער האָבן געטרונקען, געשלונגען זיינע רייד. ווי ביי אַ קילן קוואַל האָבן זיי אָפּגערוט, אָפּגעפרישט, זייערע פאַרמאַטערטע גלידער.

אין די שבת׳דיקע ווינטער־נעכט פלעגט ישראל לייבעלע מגיד לערנען מיט זיין זון. משה מרדכין ציט שוין נישט צום לערנען. ער לייענט שוין ביכער, וועלכע ער באָרגט ביי זיינע חברים יעקב פלעצל און לייבעלע משה שמחה יואלס, וואָס קויפן ביי אַ מוכר ספרימ׳ניק, וועלכער קומט פון צייט צו צייט אין שטעטל.

מאָדנע, דוקא ווען דער טאַטע לערנט מיט אים פרשה חומש, די סדרה פון דער וואָך, טויכן אויף אין זיין זכרון געשטאַלטן, אָן וועלכע ער האָט שוין פאַרגעסן ביים הובלעווען און שניידן די ברעטער. די מיידלעך, פון וועלכע ער האָט אַמאָל געטראַכט גייען אויף אין זיין געדאַנק און שטעלן זיך צוריק פאַר זיינע אויגן פונקט ווי דאַן, ווען ער האָט געטראַכט די עמערס מילך צו זיי אין זייערע שטיבער. דאָס געשעט אים נאָר, ווען זיין טאַטע לערנט מיט אים חומש, דאַן שווימט אים אַנטקעגן, באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגן, די פּרעכטיקע פיגור מיט אירע ווייך סאַמעטענע אויגן — לאה דעם שוויצערס. ממש מעשה כישוף. אַז דער טאַטע לערנט מיט אים די סדרה „ויצא״, ווען יעקב גייט אַוועק פון באר־שבע און גייט קיין חרנה, צו זיין פעטער

לבן, און נעבן ברונעם אויפן וועג קומט רחל מיט אירע שאָף, אַזאַ שטילע, זיסע, פול מיט רחמים און גוטסקייט.

פונקט ווי רחל אין חומש, אַזוי מאָלט זיך אין זיין דמיון די געשטאַלט פון לאה, וואָס גיט אים נישט קיין רו. הגם ער ווייסט שוין, אַז זי שפּאַצירט אַרום מיט זיין חבר לייבעלע, און ער רעדט זיך איין, אַז דאָס גליק געהערט צו אים.

אויך אָן פערל אהרנס דערמאָנט ער זיך ביים לערנען. דאָס געשעט אין שבועות, ווען דער טאַטע לערנט מיט אים רות. פּערלס העל בלאָנדע שיינקייט איז פאַר אים פרעמד, נישט יידיש. יידישע שיינקייט דאַרף זיין טונקל, אומעטיק, פאַרחלומט, אַזוי ווי רחל פון חומש און לאה דעם שוויצערס. רות, די טאָכטער פון מואב, וואָס גייט צו בועזן אין שייער איז אין זיין פאַנטאַזיע ענלעך צו פּערלען.

די צוויי יאָר אויף דער לער זענען אַוועק. ער איז שוין אַ סטאָלער, אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. ער קען שוין מאַכן אַ פּאָר טירן און פענצטער. ער קען שוין פאַרדינען אַ קערבל. ער גייט שוין לייטיש געקליידט. אין די צוויי יאָר, ווען ער איז געגאַנגען אַרבעטן אין די דערפער, האָט זיין חבר לייבעלע מיט זיין דרייסטקייט און בחורישן רייץ, געפאַנגען דאָס האַרץ פון דער שיינער לאה.

לייבעלע איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער קרעפטיקער יונג. אויך לאה איז געוואָרן עלטער, דרייסטער, ווייבלעכער. אויסגערייפט, אויס־געטאָקטער איז געוואָרן איר פיגור. משה מרדכי ווייסט, אַז לאה, זיין טרוים, געהערט צו לייבעלען, זי גייט מיט אים אָפט שפּאַצירן, שבת גייען זיי פראַנק און פריי, היטן זיך נישט פאַר קיינעם, פונקט ווי חתן־כלה, אויפן וועג צום באַן, אויך לעבן פשיוויסקער באַרג, וואָס ליגט ווייט פון שטאָט. אַלע מענטשן אין שטעטל ווייסן און ריידן וועגן דער מאָדערנער ליבע צווישן יעקב משה דעם גבירס טאָכטער און דעם שוסטער־יונג לייבעלע משה שמחה יואלס. דאָס שטעטל ווינצלט זיך איבער די מחותנים.

לאה האָט שטערונגען אין שטוב, אָבער עס העלפט נישט. ס׳איז

נישטאָ דער כח אין דער וועלט, וואָס זאָל איר קענען אָפּהאַלטן, צונעמען פון איר לייבעלען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן פאַרלאָזט משה מרדכי דאָס שטעטל. צי איז עס צוליב לייבעלען? ווייסט איין גאָט. ער זאָגט זיינע חברים, אַז ער פאָרט באַקענען זיך מיטן לעבן: זען מענטשן, לערנען, לייענען. ער פאָרט קיין וואַרשע.

דער אונטערנעמער אויף מאָקאָטאָווער ראָגאַטקע, דער גרויסער איטשע, איז געווען אַ שם דבר צווישן די וואַרשעווער האָלץ־אַרבעטער. פיל סטאָלערס האָבן ביי אים געאַרבעט אין וואַרשטאַט. אין אַ סך ריזיקע בנינים, וואָס מען האָט דאַן געבויט אין פּראַגע, האָט ער אונ־טערגענומען די סטאָלעריי. הונדערטער טירן און פענצטער האָט זיין וואַרשטאַט ארויסגעגעבן אַ וואָך. אַלע פּראָווינצער יונגעלייט, וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע זוכן אַרבעט ביי סטאָלעריי, זענען צו־ערשט געגאַנגען צום גרויסן איטשען.

אַז משה מרדכי איז געקומען קיין וואַרשע, שלעפּנדיק זיך אַ פּאָר טעג אויף אַ פאַרלאָדעוועטער פור מיט עופות, האָט אים זיין בן עיר, אַ סטאָלער קלמן חיל פרידמאַן, אַוועקגעפירט צום גרויסן איטשען ארבעטן. ער האָט זיך געדונגען מיט נאָך דריי חברים אַ שותפותדיק צימער אויף מאָקאָטאָוו. ער האָט אין די שבתים און אין די פרייע שעה׳ען געלערנט. ער האָט זיך פאַרשריבן אויף מוראַנאָוו אין אַ ביבליאָטעק. ער פאַרגעסט אין שטעטל, אין לאה׳ען, אין זיין קאָפּ, זיין מוח עגבערן די געדאַנקען צו אידעען פון פ. לאַסאַל, קאַוטסקי און פּלעכאַנאָוו. אויך די יידישע קלאַסיקער מענדעלע, שלום עליכם און י. ל. פּרץ לייענט ער.

נייע פאַרבאָרגענע קוואַלן האָבן זיך פאַר אים אויפגעריסן, פליג־לען זענען אים אונטערגעוואַקסן. ער ווערט אַריינגעצויגן אין „בונד“, פאַרמיידט נישט קיין איין געהיימע מאַסאָווקע אויף פּאַוויע־גאַס, שלינגט יעדעס וואָרט פון דער אומלעגאַלער צייטונג „די אַרבעטער שטימע“. לערנט זיך אויס אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער לידער. אין וואַר־

שטאָט קען מען אים שוין: אין אַלע דיסקוסיעס, שטרייטן, סכסוכים צווישן אַרבעטער לאָזט ער הערן זיין וואָרט. מיט דער צייט ווערט משה מרדכי באַשטימט פון דער פּאַרטיי אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט און רעדנער אויף די אַרבעטער־בירזשעס. אויף אַ געהיימער פֿאַרזאַמלונג אין אַ הויף אין מיטן זיינס אַ רעדע, האָט פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם הויף און אַרעסטירט אַלע אָנטיילנעמער צוזאַמען מיט אים. ער איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין פּאַוויאַק און נאָך דעם באַקומען אַן אויסווייז צו פֿאַרלאָזן וואַרשע.

אין זיין געבורטס־שטעטל, סאָקאָלאָוו, איז שוין זיין נאָמען געווען פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער, אויך צווישן די באַלעבאַטישע טעכטער מנוחה אלתר דוד׳ס, לאה דעם שוויצערס, וועלכע האָבן דאַן סימפּאַטיזירט מיטן „בונד״. אַלע האָבן געוואַרט אומגעדולדיק, אַז משה מרדכי זאָל צוריקקומען אין שטעטל.

וויאַזוי איז עס געשען? פון וואַנען איז עס געקומען אַז גבירישע, הסידישע טעכטער, וועמענס עלטערן האָבן זיך געגרייט איינצוהאַנדלען פאַר זיי חתנים פון רביאישן יחוס, זאָלן זיך חברן און שפּאַצירן מיט סטאָלער־און שוסטער־יונגען? אַז די שיינע לאה יעקב משה דעם שוויצערס זאָל זיך פֿאַרליבן אין דעם ווילן־יונג לייבעלע משה שמחה יואלס, און מנוחה אלתר דוד׳ס זאָל שפּאַצירן מיט דעם שלאָסער אהרן וועלוועלעביילע דבורה׳ס?

פינצטער, אומעטיק איז געווען דאָס יידישע שטעטל. אַלע מענטשלעכע פֿאַרלאַנגען, געפילן, זענען געוואָרן דערשטיקט דורכן רעליגיעזן געזעץ. עס ציען זיך מאָנאָטאָנע חדשים און יאָרן ווי שוואַרצע קאָרעלן אויף אַ שנור. דווקא די רייכע, זאַטע טעכטער, זיי האָבן דערפילט דעם גרויל.

ווי פויגל פֿאַרצוימט אין אַ שטייג, וואָס לעכצן, בענקען, נאָך אַ ביסל לופט, נאָך אַ ביסל זון — נאָך פרייהייט זיך צו באַוועגן, אַזוי האָבן די באַלעבאַטישע טעכטער פריי פון אַלע אַנדערע מאַטעריעלע זאָרגן, געלעכצט נאָך אַ ביסל עמאָציע, וואָס זאָל פֿאַרטרייבן זייער

לאַנגווייליק, צעגענעצט, נודנעוואַטע לעבן.

ביי די אַרבעטער, ביי די בונטאָווטשיקעס, ביי די רעוואָלוציאָנערן, ביי דער הפקר־כאַלאַסטרע, האָבן זיי געפונען זייערע נעסטן, צו שטילן זייערע פאַרבאָרגענע מיידלשע פאַרלאַנגען.

משה מרדכי, צוזאַמען מיט זיין חבר קלמן חיל פרידמאַן פאַרלאָזן וואַרשע און קומען אויף פסח צוריק אין שטעטל, מיטברענגענדיק מיט זיך פעקלעך אומלעגאַלע ליטעראַטור.

ס'איז פסח ביי יידן. מיט גרין העלע טריט שפרייזט דער פרילינג איבער שטעגן און וועגן. די אַלטע הילצערנע הייזער טונקען זיך אין צעגאָסענעם זון־שיין, וואָס טריפט פון די בלוי־ע הימלען לכבוד דעם יום־טוב פון באַפרייאונג. ביי די הייזער זיצן אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע יידישע קינדער און קייען מצה מיט געגדזן־שמאַלץ. אויף די פלעצער שפּילן די שוסטער און שניידער געזעלן מיט ניס. אַרבעטער שפּאַנען אַהין און צוריק פון בית המדרש ביז שעדלעצער שאָסיי. פול זענען די גאַסן מיט יידישער יוגנט. ביי דער פּאָמפּע אין עק שעדלעצער גאָס טיילן פאַנאַנדער משה מרדכי און קלמן חיל פרידמאַן פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיי האָבן געברענגט אויף פסח פון וואַרשע. דער סטראַזשניק קאַטאָוו, אַ גוי אַ ריז, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, וואָס פאַרדעקט זיינע קופּערנע מעדאַלן, וואָס באַמבלען זיך אויף זיין ברייטער ברוסט, האָט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט משה מרדכין און קלמן חילן און זיי אַריינגעשלעפּט אין דער פּאָליציי.

— דאָ זיץ דוראַק! — האָט קאַטאָוו אַ געשריי געטאָן צו משה מרדכין.

אידל רייצעס, דער פערד־הענדלער, קלמן חילס פאָטער, האָט געגעבן קאַטאָוון דריי קערבלעך און זיין בן צוזאַמען מיט משה מרדכין זענען געוואָרן באַפרייט.

הינטערן שטאָט, ביים שחט־הויז, אין שטוב ביי אברהם משה טענעבוים, האָט משה מרדכי צוזאַמענגערופן אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַ שטרייק אין אַלע וואַרשטאַטן.

דער ערשטער שטרייק

סאָקאָלאָוו האָט געשמ׳ט אין דער געגנט, אַלס צענטער פון שטי־וול־און שוך־פּראָדוקציע. הונדערטער פאַרקלאַפּטע שווערע קאַסטנס מיט שטיוול זענען אַוועק צו די ווייטע רוסישע מערק.

דאָס שטעטל איז געווען פול מיט סוחרים, מעקלער און קאָמי־סיאָנערן. די אכסניות, שענקען, האָבן געהאַט פּרנסה בשפע. דער ריח פון בראָנפן, ביר, געבראָטענע גענדז און געפילטע פיש, האָט זיך גע־טראָגן איבער די געסלעך, געררייצט דעם אַפּעטיט פון די פרעמדע סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפן שטיוול.

פורמאַנעס, מיט זייערע שמייסער־יונגען, האָבן געברענגט פאַר־לאָדעוועטע וועגענער מיט האַרטן און ווייכן לעדער פון וואַרשע, ביאַ־ליסטאָק און קרינקי. צענדליקער בייגערס, אויסגעשמירטע אין טראַן, האָבן געשניטן, געבויגן די יוכטן פאַר די שוסטער־וואַרשטאַטן.

ביים בלינדן גדליה, אַ ייד מיט איין אויג, ביי משה ישראל׳ס וואָס הינקט צו אויף אַ פוס, ביי מרדכי יאָקלס, אַ הויכער שיינער גע־פוצטער ייד מיט אַ ברייטער, פאַרקעמטער באָרד, שטייען גרויסע וואַר־שטאַטן מיט פיל אַרבעטער. אין די שפּעט־קאַלט־רעגנדיקע ווינטער־נעכט, ווען דאָס שטעטל דרימלט מיד אין חלשות׳דיקן אומעט, טראָגט זיך פון די הילצערנע שטיבער אַ הילכיק געזאַנג, באַגלייט מיט קלאַפּן פון פאַרמאַטערטע שוסטערשע הענט, וואָס נייען און פלעכטן, קאָוועןדי שטיוול פאַר די רוסישע גובערניעס ביז אַ זייגער עלף ביינאַכט. דאָס צוריקקומען פון משה מרדכי אין שטעטל האָט אויפגעוועקט אַלע באַ־עוול׳טע, באַליידיקטע, צו אַ קעמפעריש מענטשלעך לעבן.

ביים דאַמען־שניידער משה לייזערקעס, אַ ייד אַ שטילער, אַ רויקער, וואָס נייט פאַר די רייכע יידישע טעכטער זיידענע, סאַטענעלאַנע

קליידער אויף זייערע חתונות — אויך פאַר אַלע פריצישע טעכטער, איז צעשטערט געוואָרן די אידיליע צווישן דעם מייסטער מיט די שניי־דערקעס. משה לייזערקעס קען נישט פאַרשטיין וואָס איז געשען ביי אים אין וואַרשטאַט. ווער האָט איבערגעפירט די מיידלעך? פון ווען אָן אַזאַ חוצפה ביי זיי?

שפרה קלמן יחיאלס, די טאָכטער פון באַוווסטן קאָצקער חסיד און קנאי (דער וואָס האָט אין פיל יאָרן אַרום דעמאָלירט דעם לאָקאַל אין דער וואַרשעווער קהילה, ווייל די ציוניסטן האָבן געוואָגט אויפ־הענגען הערצלס בילד), אַ מיידל מיט אַ געלאָקטן קאָפּ קאַשטאַן־האָר, האָט אויפגעהערט זינגען אירע שטילע „מאָראַלישע" לידער ביים העפטן די חתונה־קליידער פאַר די רייכע כלות.

שפרה קלמן יחיאלס זינגט שוין נישט מער אירע ראָמאַנטישע מאָטיוון. נייע צייטן, נייע לידער. זי זינגט די לידער וואָס משה מרדכי האָט געבראַכט אין שטעטל. אויפן שול־הויף פון משה לייזערקעס הויז טראָגן זיך די טענער פון פיל מיידלשע מיילער אונטער דער קאָמאַנדע פון שפרה קלמן יחיאלס:

„מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט. ...
די וואַנט איז געמויערט גאַנץ פעסט און דיק,
פאַרשטעלט אונדז די וועגן צום לעבן און גליק."

משה לייזערקעס לויפט אַרום צעשטרייט און ליאַרעמט:

— איר זאָלט מיר נישט זינגען די לידער! איר הערט? איך וועל אַלע שיקן אַהיים! דער סטראַזשניק קאָטאָוו גייט אַרום אויפן שול־הויף, ער פאַרשטייט איטלעכעס יידיש וואָרט. ער וועט אַריינקומען זענען מיר אומגליקלעך.

— מיר וועלן זינגען וואָס מיר ווילן, האָט אָפּגעענטפערט נעכע ווינאָגוראַ, אַ יונג מיידל מיט אַ בלייך קרענקלעך געזיכט, וואָס האָט זיך נאָרוואָס געשטעלט אויף דער לער. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און העלדיש זיך געווענדט צום מייסטער: — מיר האָבן פאַר קאָטאָוון נישט מורא! אונדזערע חברים און חבר'טעס שרעקן זיך נישט פאַר קיין פאָליציי, מיר וועלן נאָר אויפזינגען אַנדערע לידער פאַר

איך און פּאָר אַלע מייסטערס, ביי וועמען אונדזערע חברים אַרבעטן פערצן שעה אין טאָג! אונדזערע חבר׳טעס וועלן מער נישט נייען די סאַמעטענע זיידענע קליידער פאַר אַ רובל אַ וואָך!

— שווייג, דו קליינע חצופה, כ׳וועל דיך שיקן אַהיים. אַ פּיסק פון אַ מיידל, קען נאָך נישט רעכט האַלטן די נאָדל אין האַנט, רעדט שוין פון שטרייקן! ישראל לייבעלע מגיד׳ס תכשיט האָט דיך אוודאי אויסגעלערנט די תורה? לערן זיך פריער אויס אַרבעטן! — האָט דער דאַמען שניידער צו איר געשריען.

*

דעם ערשטן שטרייק האָט אָבער משה מרדכי אָרגאַניזירט נישט ביים דאַמען־שניידער משה לייזערקעס, נייערט ביים שוסטער עלע טאַמע. ער איז געווען אַ צעקנייטשט מיטלוווקסיק יידל מיט אַן אויסגעשמיר־טער, פאַרפּאַפּעוועטער, סמאָלעוואַטער באָרד, וועמענס קאַלטענעוואַטע שפּיצן טונקן זיך פרום פאַר דבקות אין דער גרויסער, אויסגעשטשערבטער שיסל קאַרטאָפל מיט פאַרעשאַלעכץ, וואָס זיין ווייב דערלאַנגט אים צום וואַרשטאַט עסן.

עלע טאַמע איז געווען אַ ייד אַ שוטה און אַ קמצן, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, זיך נישט פאַרגינען דאָס לעבן. עס האָבן ביי אים גע־אַרבעט צוועלף אַרבעטער. אַ טייל האָבן געאַרבעט אויפן זמן מיט עסן. זיי פלעגן זיך פאַרדינגען פון סוכות ביז פּסח.

עלע טאַמע איז געווען דער ערשטער מייסטער אין שטעטל וואָס האָט דערהערט די פאָדערונג פון אַלע זיינע אַרבעטער: ווינציקער אַ שעה אַרבעט און אַ קערבל אויף דער וואָך אַ הוספה. עלע טאַמע האָט זיך פאַרעקשנ׳ט און נישט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונג פון זיינע אַרבעטער.

חברה שטרייקער מיטן שוסטער שמואל טעריק בראש האָבן אויס־געשלאָגן ביי אים די שויבן. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט ביי זיין טיר פּיקעטן, נישט אַריינגעלאָזט צו אים קיין סוחר. עס האָט קיין שום

לעדער־קרעמער נישט געוואַגט מיט אים צו האַנדלען. ווען דער לעדער־סוחר שמואל חיים יוסלס האָט נישט געהערט דעם שטרייק־קאָמיטעט און אים יאָ פאַרקויפט לעדער, האָט מען ביי אים דעמאָלירט די קראָם. ער האָט אויך געמוזט באַצאָלן קנס די שטרייקער צוואָנציק רובל.

די אַרבעטער האָבן אַרויפגעלייגט אַ געזעלשאַפטלעכן בויקאָט אויף עלע טאַמען, ווייל ער איז געלאָפן מעלדן דער פּאָליציי. קיין ייד האָט נישט געטאָרט קומען מיט אים אין באַרירונג. מ׳האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין בית־מדרש דאַוונען. ער איז געזעסן איזאָלירט אין שטוב ביי זיך ווי אַ מצורע. אפילו די שפייז־קראָמען האָבן מורא געהאַט אים פאַרקויפן שפייז.

עלע טאַמע האָט געשיקט שליחים צום שטרייק־קאָמיטעט צו פאַרהאַנדלען, מ׳זאָל אַראָפּנעמען פון אים דעם בויקאָט. דער שטרייק־קאָמיטעט האָט געפסק׳נט: פופציק רובל קנס און ער מוז עפנטלעך אין בית־מדרש, צווישן מנחה און מעריב, לפני כל עם ועדה בעטן אַנטשולדיקונג ביים „בונד״.

פאַרנאַכט איז דער נייער בית־מדרש געווען פול. אויך ביי עזרת נשים האָבן זיך פאַרזאַמלט די יידן פון שטעטל. זיי האָבן אויפגערוקט די ווייסע פאָרהענגלעך, כדי צו זען ווי עלע טאַמע שלאָגט זיך על חטא.

אַ צעטומלטער, אַ צעשרויפטער, מיט אַ פּאָר אַרויסגעשטאַרצטע ווילדע אויגן, איז עלע טאַמע אַרויף אויפן באַלעמער. ער האָט אויפגעריסן דאָס לייבל פון זיין צעכראַסטעט האַרץ און אויסגעשריגן מיט אַ פאַרדעמפטער שטימע, ווי אַ געקוילעטער אָקס:

— רבותי! חטאתי! איך האָב געזינדיקט! איך בעט אַנטשולדיקונג ביי די סאָקאָלאָווער אַרבעטער און ביי די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט...

יידישע אקטיארן זענען געקומען

באַרג אַראָפּ פון נייעם בית מדרש, נעבן קאָצקער שטיבל, האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען שעפּסל הערשל פּייעס. ער האָט געהאַט אַ הינטער־שענק. ווער עס האָט געוואָלט טרינקען אַ פלעשל ביר, אַ גלעזל בראָנפן, עסן אַ געפילטע העלדזל, אַ געבראָטענעם פופּיק, איז אַריינגעקומען צו אים.

תמיד איז ביי אים געווען אָפן די טיר, אפילו ביינאַכט נאָך צוועלף זענען צו אים געקומען פורמאַנעס, קצבים, עפּעס טועם זיין. ביי אים אין דער הינטער־שענק איז געווען דאָס בעסטע, זיכערסטע אָרט אויף צוזאַמענטרעפן, ווייל דער בעל השענק האָט געצאָלט וועכענטלעכע לאַפּוווקע דעם הויפּט־סטראַזשניק קאַטאָוון, איז ער אַהין נישט געקומען. האָבן זיך דאָרטן ביי שעפּסל הערשל פּייעס געטראָפן אַלע בונדיסטן בראש מיט משה מרדכין. ער האָט דאָרטן געהאַלטן זיינע לעקציעס וועגן סאָציאַליזם און ליטעראַטור, אויך אויסגעלערנט זינגען אַלע נייע לידער וואָס ער האָט געבראַכט פון וואַרשע.

שעפּסל הערשל פּייעס האָט געהאַט פּרנסה פון דער חברה, פון דער צעזונגענער, צעשטורעמטער כאַלאַסטרע. די רייכע טעכטער האָבן געצאָלט מיט געלט, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון די שופלאָדן ביי זייערע עלטערן. אין די שבת׳דיקע אָוונטן האָט זיך די הינטער־שענק אָנגעפּראָפּט ווי געגנדז אין אַ שטייג. חברה האָבן זיך אויסגעזעצט אין די בעטן, אויף די טישן, מ׳האָט געגעסן געזאַלצענע באָבעס און פאַרטרונקען מיט זיסן קוואַס.

מנוחה אלתר דוד׳ס און לאה דעם שוויצערס זענען תמיד געזעסן אויפן היזכן קופערט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. און ווען די פרומע, חסידישע טאַטעס האָבן געזאָגט „ברכי נפשי״, אָדער

פאַר דבקות זיך געשאָקלט אַנטקעגן אין קאָצקער שטיבל ביי „אתקינו סעודתא״, באַגלייט מיט בענקשאַפט די שבתא מלכתא אין איר וואָכע־דיקן וואַנדער־וועג, האָט זיך געטראָגן אַ מעכטיק געזאַנג פון בונטאַ־רישע מיילער: „מיר וועלן געהאַסט און געטריבן״. און ווען די מאַמעס האָבן פרום צניעות׳דיק געשעפּטשעט און זיך האַרציק געזעגנט מיטן שבת קודש, וואָס האָט געדעמערט אין פאַרנאַכטיק שלוה׳דיקן בלוי מיט זייער:

גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב —
— גאָט ברוך הוא,
באַהיט דיין הייליק פאָלק ישראל
אין דיינעם לויב.
זיבן טעג זאָלן אונדז ווויל באַקומען
צו גליק און צו הייל און צו פּרנסה בכבוד,
און צו אַלעם גוטן געזונט,
אמן ואמת!
גיב אונדז אַ גוטע וואָך,
אַ פרישע וואָך
און אַ פּרנסה׳דיקע וואָך
פאַר מיין מאַן און קינדער
און אויף כל ישראל. —

האָבן דאַן זייערע טעכטער געזונגען זייערע לידער: „אין זאַל־ציקן ים פון מענטשלעכע טרערן״. אָפט מאָל האָט געטראָפן, אַז משה מרדכי פלעגט פאַרציען אַ ווארקער חסידישן ניגון, וואָס זיין טאַטע זינגט שבת ביים עסן, פונקט דעם זעלבן ניגון וואָס מען זינגט אַנטקעגן אין קאָצקער שטיבל ביי שלש סעודות. דאָס געזאַנג פון די פרומע טאַטעס און פרייע קינדער גיסט זיך צוזאַמען און באַגלייט די שבתא מלכתא אין איר ווייטן וועג.

*

נעבן דער הינטער־שענק האָט געוווינט דער פורמאַן מתת חיים בנימינס, אַ גראָבער פעסטער ייִד. דאָס בלויז האָט געשפּריצט פון זיין פעטן קאַרק. ער איז אַלע טאָג געפאָרן מיט זיין בויד, געשפּאַנט אין צוויי פערד, קיין שעדלעץ. ער פלעגט אַרויספאָרן פון שטאָט באַגינען מיט זיינע פּאַסאַזשירן און פאַרנאַכט צוריק קומען. שטייענדיק אין שעדלעץ, הינטערן שטאָט אויף דעם סאָקאָלאָווער וועג, זענען צו אים צוגעקומען אַ גרופּע מאָדנע פאַרשוינען מיט אַלטע צעקנייטשטע רענצלעך אין די הענט.

די מענער האָבן געטראָגן לאַקירטע שיך מיט אויסגעדרייטע אָפּצאַסן, ווייסע שטייפע קראַגנס מיט קאָלירטע שלייפן. די פרויען האָבן אַריינגעשטעקט זייערע פאַרגרינטע, נישט אויסגעשלאָפענע פּנימער אין דער בויד, צו זען צי ס׳איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלעמען.

— ס׳איז דאָ אָרט, איך וועל אייך אַלע אַריינזעצן! עס וועט זיין באַקוועם — האָט מתת דער פורמאַן זיך צו זיי געווענדט.

— ווען קומען מיר אָן קיין סאָקאָלאָוו? — האָט זיך דער אַנפירער פון דער טרופּע, אַ הויכער שמאָלער יונגערמאַן מיט אַ פאַרדאַרטער ביינערדיקער נאָז, געפרעגט.

— אין אָונט, איידער עס ווערט פינצטער.

— צי קענט איר, ר׳ ייִד, איינעם אַ בחור משה מרדכי דעם זגידס? — האָט זיך דער זעלבער אַקטיאָר געפרעגט.

— אַ שאלה צי איך קען ישראל לייבעלעס בחור! מיר זענען דאָך שכנים. אַזוי ווי מיר וועלן נאָר אָנקומען קיין סאָקאָלאָוו, וועל איך אייך אַריינפירן צו אים.

די אַקטיאָרן זענען אַלע אַריינגעקראָכן אין בויד און געוואַרט אומגעדולדיק, אַז דער בעל עגלה זאָל זיך רירן פון אָרט. מתת חיים בנימינס האָט זיך אָבער נישט גערירט, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט נישט קיין צוטרוי צו די מאָדנע פאַרשוינען. ווער ווייסט צי זיי האָבן געלט צו באַצאָלן?

עס האָט אים שוין פּאַסירט, אַז אַ גרופּע קונצנמאַכער, וואָס האָבן געמאַכט קונצן אויף די סאָקאָלאָווער גאַסן, געדרייט זיך קאָ־

זשעלאַקעס, געשלונגען שווערדן און פייער, געטראָגן אויף אַ הויכן לייטער אַ קליין קינד — האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר דער יאַזדע פון שעדלעץ קיין סאָקאָלאָוו. וואָס וועט ער טאָן ווען אויך זיי די קאָמעדיאַנטן האָבן נישט קיין פרוטה ביי דער נשמה? ער וועט זיך גיין מיט זיי שלאָגן?

מתת פורמאַן שטייט, רירט זיך נישט פון אָרט.

— נו פעטער, רירט זיך, גיט אַ שאָקל, עס ווערט דאָך שפעט! מיר וועלן דאָך אָנקומען אין שטעטל ווען עס וועט שוין זיין פינצטער! האָבן די אַקטיאָרן אַרויסגעשריגן פון דער בויד.

— קינדערלעך, איר האָט געלט? כ׳דאַרף דאָ באַלד, אויפן וועג אין ערשטן דאָרף קויפן אַ זעקל האָבער פאַר די פערד.

די אַקטיאָרן האָבן אויסגעקראַצט פון די קעשענעס אַלע זיל־בערנע מטבעות און אים באַצאָלט פאָרויס.

— אָבער שנעלער, פעטער, רירט זיך שוין פון אָרט!

ס׳איז געווען פאָלנער זומער. עס האָט געשמעקט מיט צייטיקע פרוכטן פון די סעדער. אויף די פעלדער זענען געשטאַנען פויערים מיט אויפגעשפילעטע „צוויסקע״ העמדער. געשניטן, געבונדן די רייפע תבואה. אויפן וועג אין אַ דאָרף האָט זיך די בויד געשטעלט נעבן אַ יידישן פאַכטער. די חברה אַקטיאָרן זענען אַרויסגעקראָכן פון בויד, געקויפט אַ שוואַרצן לאַבן ברויט מיט אַן ערדענעם טאָפּ זויער־מילך און האָבן אָנגעפילט זייערע ליידיקע מאָגנס.

אין אָונט זענען זיי אָנגעקומען אין שטעטל. זיי זענען פאַר־פאָרן צו שעפסלס הערשל פייעס הינטער־שענק. אויף די פריזבעס ביי דער הינטער־שענק זענען געזעסן אַלע שכנים: בעלי עגלות, טרעגער און קצבים, זיך אָפּגערוט פון דעם שווערן הייסן טאָג. קינדער זענען געזעסן מיט אויסגעשטשערבטע בלעכענע שיסעלעך, געגעסן בייע קאַר־טאָפל מיט אייל. חברה יאַטן האָבן זיך געיאָגט מיט בלעכענע רייפן איבערן געסל. פון די אָפענע פענצטער פון קאָצקער שטיבל האָט זיך געטראָגן דאָס מנחה דאַווענען.

אַז די אַקטיאָרן זענען אָנגעקומען צו דער הינטער־שענק, האָבן

זיך אַלע מענטשן אויפגעהויבן פון די פּריזבעס, צוגעקומען אָנקוקן די געסט. די קינדער האָבן געלאָזט שטיין זייערע שיסעלעך אויף די פּריזבעס און באַלאַגערט די הינטער־שענק אָנצוקוקן די קונצנמאַכערס. אין קאָצקער שטיבל האָבן בחורים מיט געדרייטע לאַנגע פּאות, אָנגע־זאָגט די בשורה ביי די טישן, אַרום וועלכע עס זענען געזעסן יידן און האָבן געלערנט, אַז קונצנמאַכער זענען געקומען אין שטעטל, זיי שטייען איין ביי שעפּסל הערשל פּייעס.

מתת חיים בנימינס האָט אַוועקגעפירט דעם אָנפירער פון די אַקטיאָרן צו משה מרדכין. דער אַקטיאָר האָט אַרויסגענומען פון קע־שענע אַ בריוול און אים דערלאַנגט צום לייענען. דאָס בריוול איז גע־ווען פון סעקרעטאַר פון שעדלעצער „הזמיר" יאַנקל טענענבוים. משה מרדכי האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול הויך, אַלע זאָלן הערן:

„די אַקטיאָרן קומען צו אייך קיין סאָקאָלאָוו, אויפפירן „מכירת יוסף". זיי וועלן זיך נויטיקן אין אייער הילף. אין פיל שטעטלעך רודפט מען זיי. די פאַנאַטישע, רעליגיעזע יידן לאָזן זיי נישט שפּילן. עס האָט געטראָפן אין אייניקע ערטער, אַז מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטאָט. עס וואָלט געווען געוווּנטשן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיי נעמען אין שוץ. טוט אַלץ, אַז זיי זאָלן האָבן דערפאָלג אין אייער שטאָט".

משה מרדכי האָט זיך געווענדט מיט אַ שמייכל צו דעם אָנפירער פון דער טרופּע: — איר דאַרפט זיך נישט שרעקן, איר וועט ביי אונדז שפּילן טעאטער, מיר וועלן אייך העלפן! אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג!

ער איז מיט אים צוריקגעגאַנגען אין הינטער־שענק, געהייסן געבן זיי עפּעס אויף זיין חשבון.

בליץ שנעל האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט די ידיעה אין שטעטל, אַז יידישע אַקטיאָרן זענען געקומען שפּילן „מכירת יוסף". אין גערער שטיבל נאָך מנחה, צאָרנט משה אהרן מלמד: — מיר וועלן נישט דער־לאָזן אַזא הפקרות ביי אונדז אין שטאָט, אַז יונגען מיט מיידן זאָלן שפּילן טריאַטער, מאַכן חוזק פון פרומע יידן. מיר דאַרפן גיין אויף קידוש השם און די קאָמעדיאַנטן פאַרטרייבן פון שטאָט. מיר וועלן גיין צום רבין, ער זאָל אויך מיטגיין מיט אונדז.

*

דער בונד האָט באַשלאָסן, אַז די פאָרשטעלונג מוז פאָרקומען און אַנלערנען גאָטס קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן מער נישט וואַגן רודפ׳ן יידישע אַקטיאָרן. אַלע אַרבעטער האָבן געקויפט פריער בילעטן. מ׳האָט אויס־געהאַלטן מיט עסן די אַקטיאָרן, מ׳האָט זיי געשאַפן ערטער ביי חברים צו שלאָפן. מנוחה אלתר דוד׳ס האָט אָפּגעבאַקן אַ גרויסן טאָרט. זי האָט אַרויסגענומען פון שפּייכלער מעל, צוקער און אַ טאָפּ געגדזן שמאַלץ, אויך אַ פּאָר רובל. לאה דעם שוויצערס האָט געבראַכט אַ געבראָטענע גאַנדז מיט אַ גאַנצער קאַרשן־סאָק. דער שינדער מרדכילע גאַלאַמביק האָט צוגעלקחנט ביים קצב מאיר קורצער, ביי וועמען ער אַרבעט, אַ רינדערנעם לונג און לעבער און געבראַכט פאַר די אַקטיאָרן, זיי זאָלן האָבן וואָס צו קאָכן. אייניקע מענער און פרויען האָט מען אַוועקגעפירט הינטערן שטאָט נעבן שעכט־הויז צו אברהם משה טענענבוים. ביי אים איז געווען אַ גרויסע סטייניע מיט פערד. אויפן בוידעם איז געלעגן פריש אָפּגעשניטן היי. דאָרטן האָט מען אויסגעשפּרייט קאָלדרעס און זיי איינגעאָרדנט אַ נאַכט געלעגער.

לייבעלע האָט מיטגענומען מיט זיך דעם אָנפירער פון דער טרופּע. ער איז געשלאָפן מיט אים צוזאַמען אויף איין שלאָף־באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים שוסטער משה שמחה יואלס אין קיך.

די חברה האָבן אויך געזאָרגט, אַז די אַקטיאָרן זאָלן באַקומען פון דער פּאָליציי אַ דערלויבעניש צו קענען שפּילן. אברהם משה טענענבוים, ביי וועמען די אַקטיאָרן שלאָפן אויפן בוידעם אין היי, איז געווען נאַש־בראָט מיט נאַטשאַלסטווע. ער האָט געגעבן פינף קערבלעך דיביידע סטראַזשניקעס קאָטאָוו און יאַוואָרסקע און באַקומען אַ דערלויבעניש אויף דער פאָרשטעלונג. די חברה האָבן געזאָרגט, אַז אין טעאַטער זאָל אויך זיין מוזיק. מ׳האָט געזאַמלט אַ פּאָר קערבלעך און מ׳האָט באַ־שטעלט די שטאָטישע כלי זמרים.

די שטאָטישע קאַפּעלע האָט געהאַט אַ רום אין געגנט. דער הויפּט כלי זמר איז געווען משה חיים שפּילמאַן, געשטאַמט פון די כלי זמרים די שפּילמאַנס. ער איז געווען אַן עלעגאַנטער, געפּוצטער ייד מיט אַן

אַריסטאָקראַטיש פאַרשווירן בערדל. געטראָגן געפּרעסטע הויזן מיט ווייסע שטרייפן, אַ פיינעם ראָק מיט אַ ווייסער וועסט. ער פלעגט מיט זיין שלאַנקער פיגור צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געקענט גוט די כליזמרישע מלאכה, סיי גוט שפילן און סיי די כליזמרישע שטיק. ער האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו טעאַטער. ער אַליין האָט אין אַ צייט אַרום מיט זיינע קינדער, וועלכע האָבן געקענט שיין זינגען, אויפגעפירט אייניקע מוזיקאַלישע אָפּערעטן.

אַז די חברה זענען געקומען צו אים מיט דעם פאַרשטייער פון דער טרופּע און אים פאָרגעשלאָגן, אַז זיין קאַפּעלע זאָל באַגלייטן די פאָר־שטעלונג, האָט ער זיך אַ ביסל געקווענקלט צו עס לוינט אים. ער האָט געוווּסט, אַז די אַקטיאָרן האָבן אַרויסגערופן אַ טומל, אַ כעס ביי די רעליגיעזע יידן. צי לוינט אים צו זיין פאַרמישט און האָבן צו טאָן מיט די באַלעבאַטישע יידן, אויף וועמענס חתונות ער שפּילט און בעיקר קומען אין קאָנפליקט מיטן רבין, וואָס בקרוב מאַכט ער חתונה זיין טאָכטער.

אָבער משה חיים האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַקטיאָרן, צום טעאַטער. ער האָט געוווּסט אַז ביי זיי וועט ער עפּעס נאַשן, ער וויל דווקא קענען אַלע לידער מיט די נאָטן פון „מכירת יוסף" און פון אַלע אַנדערע פאָלקס־שפּילן און אָפּערעטן. ער האָט מסכים געווען צו שפּילן ביי דער פאָרשטעלונג.

אין זיין קאַפּעלע האָט אויך געשפּילט זיין זון יאָסעלע אויף אַ קלאַרנעט, ער איז געווען געראָטן אין טאַטן, עלעגאַנט שיין. אַלע שטאָטישע מיידלעך פלעגן ספּעציעל קומען אויף חתונות, כדי אָנצו־קוקן יאָסלען.

אויפן פּויק האָט געקלאַפּט אַ בלאָנד בחורל מיט אַ קאָזאַצקע פּאה און צוויי שיקלדיקע אייגעלעך. דאָס איז געווען מרדכי׳לע שעפּסל פּויקערס. אויך זיין טאַטע שעפּסעלע, אַ דאַר קליין יידעלע מיט אַן אויסגעצופּט בערדל און צוויי קליינע געליאַמערטע אייגעלעך, האָט גע־בלאָזן אויף אַ טראָמפּייט. גערופן האָט מען אים שעפּסעלע פּויקער,

ווײַל אײדער זײַן זון האָט געקלאַפּט אױפֿן פּױק, האָט זי געהערט צום טאַטן שפּעסעלע.

אויפֿן באַס האָט געגרימפּלט הערש בער, אַ ייד אַ בהמה מיט אַ באַוואַקסן פּנים ווי אַ קאַצאַפּ, געטראָגן אויף זײַן טעמפּן קאָפּ אַ היטל, אַ פּריוועסופּקע מיט אַ הויכער דענקע, אויף וועלכער עס איז געווען אַ טאַשמע מיט צוויי קנעפּ אין ביידע עקן. גערופֿן האָט מען אים אין שטעטל הערש בער מיט דער יאַלישקע, ווײַל ער האָט געשפּילט אויף אַ גרויסן שטייענדיקן פֿידל. פֿאַר יידן אין שטעטל איז פֿרעמד דער נאָמען באַס־וויאָלאָנטשעל, פֿאַר זיי זענען די נעמען אומפֿאַר־שטענדלעך. זיי האָבן אַליין געפֿונען אַ נאָמען פֿאַרן גרויסן פֿידל. בײַ זיי האָט דער גרויסער פֿידל געהייסן יאַלישקע. אַזוי אַרום האָט מען הערש בער דעם כּלי זמר מיט זײַן גאַנצער משפּחה גערופֿן יאַלישקע.

פֿון דער פֿאַרשידנאַרטיקער קאַפּעלע האָט אַרויסגעשײנט אַ געל יידל מיט באַברילטע אויגן. ער האָט געטראָגן חסידישע קליידער. ער האָט געהייסן הערש נחום, גוט געקענט לערנען און אויך געווען אַ בדחן. משה חיים האָט געזאָרגט, אַז זײַן קאַפּעלע זאָל קלאַפּן. קען זיך ווער נישט דערלויבן צו פֿאַרבעטן דעם באַוווסטן בדחן ר׳ בעריש, שטעלט משה חיים׳ס קאַפּעלע צו אַן אייגענעם בדחן.

פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג האָט מען געדאַרפֿט מאַכן רעפּעטיציעס, צונויצן סטאַטיסטן, מ׳האָט באַדאַרפֿן איינזינגען די לידער. די רעפּע־טיציעס זענען פֿאָרגעקומען בײַ שפּעסעלע פּויקער אין שטוב. ער האָט געוווינט אויפֿן שול־הויף אין אַ הילצערנער שטוב, אין אַ קליין צימער, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען צוויי בעטן מיט הויכע קישנס. אויף די ווענט זענען געהאָנגען גרויסע בילדער. אויף איין וואַנט איז געהאָנגען אַ בילד פֿון אדם און חוה, וואָס שטייען נאַקעט מיט צווייגן אויף זייערע לענדן. אַ ביסל אָפּגערוקט איז געהאָנגען שמשון הגיבור מיט אויסגע־שטאָכענע אויגן, ווען ער צערײַסט די זײַלן אין טעמפּל בײַ די פּלשתּים. צווישן די ביידע בילדער זענען געהאָנגען אַ פּאָר גרויסע געדרייטע הערנער פֿון אַ הירש.

אויף דער צווייטער וואַנט זענען געהאָנגען די בילדער פֿון משה

מאַנטעפּיאָרי און דער שפּאָלער זיידע. אויפן טיש איז תמיד געזעסן א שוואַרצע קאַץ מיט ווייסע פלעקן. די קאַץ האָט געהאַט א נאָמען, שעפּסעלע און זיינע שכנים האָבן איר גערופן „מינדעלע״. אַז שעפּסעלע פלעגט איר גיין רופן אויפן שול־הויף האָט ער זיך גע־פרעגט: צי האָט איר נישט געזען מיין מינדעלע?

שעפּסעלע פויקער איז אויך געווען אַ שערער. אַלע פרומע יידן מיט זייערע בחורים קומען זיך צו אים שערן. ער שטייט מיט זיין שער און מאַכט זאַגענעס אויף די פרומע קעפּ. נישט איינער גייט אַרויס פון אים מיט אַ צעדראַפּעטן קאָפּ.

אויפן קוימען שטייט אַ דרייפוס צום קאָכן. דאָרטן שטייט שטענ־דיק מיטן פּנים צו די טעפּלעך זיין ווייב טילע רעכל, אַ גראָבע יידענע ווי אַ פּאַס. שעפּסעלע לויפט אַלעמאָל צו צום קוימען אין מיטן שערן כאַפּן אַ בליק אין טעפּעלע פלייש, וואָס קאָכט זיך אויפן דרייפוס.

— טילע רעכל, דו האָסט פאַרגעסן אָפּצושוימען דאָס פלייש! טילע רעכל, דו האָסט נישט צוגעזאַלצן אַ ביסל דאָס יאַכל!

איטלעכ׳ס שטיקעלע האַלץ מוז ער אַליין אונטערלייגן צום ברענען, ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיין ווייב.

שעפּסעלע פויקער מיט זיין ווייב האָבן באַזונדערע קאַסעס. אַז מ׳קויפט פלייש, פיש, לייגן זיי זיך צוזאַמען און מ׳קויפט בשותפות. אַז זיי קריגן פון צייט צו צייט פון זייער זון פון אַמעריקע געלט, שרייבט ער בפירוש: פאַר דער מאַמען באַזונדער צען דאָלאַר. אָפּט מאָל קריגט מען זיך ביי צעטיילן די פאַרציעס, אַז מען קען נישט אויס־קומען ביי דער חלוקה, זאָגט שעפּסעלע צו זיין ווייב:

— טילע רעכל, פאַרקויף מיר די פאַרציע פלייש. אַ סך מאָל ווערט אָפּגעשלאָסן די טראַנזאַקציע נאָך אין מיטן קאָכן.

טילע רעכל איז דאָך אָבער אַ נאַשערן, זי וויל אויך טועם זיין אַ פּיצל קעלבערן פלייש פון יאַכל, איז שטענדיק ווען שעפּסעלע קריכט אַרויף אויפן בוידעם נאָך אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, רוקט זי אַריין אירע פינגער אין טעפּל און גראָבלט אַרויס אַ שטיקל פלייש. שעפּסל פויקער קען מען נישט אָפּנאַרן, ער ווייסט אַז ווען ער קלעטערט

אַרויף אויפן בוידעם נאָך האַלץ, באַגנבעט אים זיין ווייב. איז ער גע־פאַלן אויף אַ המצאה: ווען ער גייט אַרויף אויפן בוידעם, מוז זיין ווייב טיילע רעכל פאַטשן מיט די הענט, דאַן ווייסט ער אַז אירע הענט זענען פאַרנומען און זי קען נישט אַריינשטעקן די פינגער אין טעפּל.

טיילע רעכל איז קלוגער פון איר מאַן. זי פאַרשאַרצט זיך דאָס קלייד, פּאַטשט מיט איין האַנט אויפן נאַקעטן הינטן און מיט איר צווייטער האַנט נעמט זי אַרויס פון טעפּל שטיקלעך פלייש און פּאַקט אין מויל אַריין.

*

אין דער שטוב זענען פאַרגעקומען די רעפּעטיציעס. אַ חוץ די אַקטיאָרן האָט מען געברענגט שוסטער און שניידער געזעלן, וואָס האָבן באַדאַרפן שפּילן יעקב׳ס זין. אַלע אָוונט איז דער שול־הויף געווען פול מיט מענטשן. מ׳איז געשטאַנען ביי שעפּסעלע פויקער הינטערן פענצטער און זיך איינגעהערט אין די לידער וואָס דער כאָר זינגט אין „מכירת יוסף״.

„טרינקט, טרינקט ליבע ברידער,
אָוונט איצט וועלן מיר זינגען לידער.
טרינקט, טרינקט מיינע ליבע מענטשן,
אָוונט איצט וועט אונדז גאָט בענטשן.
טרינקט, טרינקט מיינע ליבע קינדער,
אָוונט איצט וועט מען פירן די שאָף צו די רינדער״...

אַ טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג האָט משה מרדכי צוזאַמענגערופן אַ מאַסוווקע פון אַלע אַקטיווע חברים צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן. אויפן וועג צום נייעם בית עולם, וואָס פירט צום פשיוויסקער באַרג, דאָרטן וווּ די חברה שפּאַצירן מיט די באַלעבאַטישע טעכטער, נעבן דער רו־סישער צערקווע, ליגט אויסגעשפּרייט אַ גרויסער טאָל. דאָרטן געפינט זיך אַ גרוב מיט געלן זאַמד. אַלע ווייבער פון דער יידישער אָרעמקייט

קויפן דעם געלן זאַמד אַנצושיטן אויף די נאַסע צעבראָכענע פּאָלן לכבוד שבת קודש.

אין די געלע זאַמדן זעצן זיך אויס די חברה, צו הערן משה מרדכי'ס אַ לעקציע. ס'איז אַ פּאָר וואָכן פאַר די ימים נוראים. קילע ווינטעלעך בלאָזן פון די אָפּגעשניטענע פעלדער. די זון קייקלט זיך אַראָפּ ווי אַ פייערדיקער באַלעם הינטערן באַרג און צעגיסט אירע פלאַמען אויף די ברייטע פליינען.

די לעצטע זון־שטראַלן לעשן זיך אויף די הויכע, שרעקנדיקע באַגילדעטע צלמים פון דער רוסישער צערקווע. באַרוועסע פּאַסטוכער פירן אַ היים זייערע שאָף, קוקן אויף די יידן מיט זייערע פון ווינט צע־דראַפּעטע פנימער, שטשירען זייערע פאַרפוילטע ציין פון זייערע אויפ־געריסענע מיילער.

ס'פאַלט צו נאַכט, אַ כמאַרע שפּרייט אויס אירע שווארצע פליג־לען איבער דער רוסישער צערקווע. דורך די הויכע טאָפּאָלן הערן זיך די גלאָקן קלאַנגען וואָס רופן מיט יעזואיטישן פחד צו נאַכטיקע תפילות: בום־בום־בום. הינטער די שרעקנדע צעוויגטע קירכן טענער הויבט אָן משה מרדכי זיין דרשה.

— אונדזער קאַמף איז געווענדט קעגן צוויי שונאים: איינער אַן אויסערלעכער, אַ מעכטיקער, וואָס האַלט פאַרשקלאַפּט פיל פעלקער און צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין נויט און דחקות, און גיט זיי נישט קיין פרייהייט צו באַשטימען זייער גורל. דער שונא רעגירט מיטן כוח פון מיליטער און האַרמאַטן. מיר האָבן אָבער געשוווירן אויף טויט און אויף לעבן צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער, צעברעכן די שקלאַפן־קייטן און אַראָפּוועצן פון טראָן דעם צאַרישן הערשער!

צי דאַרפן מיר זיך שרעקן פאַר אונדזער אינערלעכן צווייטן שונא, וואָס וויל מיטן כוח פון רעליגיע אונדז האַלטן פאַרצוימט אין געטאָ און שטערן אונדזער נייעם וועג, דעם גאַנג צו פרייהייט און גליק.

הונדערטער יאָרן האָט דער קלעריקאַליזם דערשטיקט אין אונדז די פרייד. דער קאַמף קעגן די פינצטערע פאַנאַטיקער איז אַ טייל פון גרויסן אַלגעמיינעם קאַמף. מאָרגן דאַרפן אַלע זיין אויף דער פאַרשטע־

לונג און וויזן דער רעאַקציע, אַז די יידישע אַרבעטער שרעקן זיך נישט פאַר קיין טעראָר. מיר וועלן אָפּהאַקן יעדע האַנט, וואָס וועט וואַגן שלאָגן יידישע אַקטיאָרן!

אויף דער שעדלעצער גאַס, נעבן דער פּאָמפּע, איז געווען אַ גרויסע הילצערנע שאַפּע. זי האָט געהערט צו דער סטראַזש, מ׳האָט איר געדונגען. מ׳האָט אַרויסגענומען די פעסער מיט די גומענע קישקעס מיט די לאַנגע לייטערס. דער סטאָלער קלמן חיל מיט נאָך אייניקע סטאָלערס האָבן צונויפגעשלעפּט ברעטער פון אַלע האָלץ־סקלאַדעס, גע־מאַכט אַ סצענע און בענק. בעלי־עגלות האָבן געבראַכט זייערע גרויסע לאַמטערנעס, מ׳האָט אָנגעגאָסן נאַפט און זיי אויפגעהאָנגען אויף די באַלקעס. מנוחה אלתר דוד׳ס און לאה דעם שוויצערס האָבן געבערענגט די פּלושענע דעקעס, אויפצונייען דעם פאָרהאַנג.

די הילצערנע שאַפּע איז געווען פול מיט מענטשן. אין דער ערש־טער רייע זענען געזעסן די פּני פון שטעטל, מנוחה אלתר דוד׳ס און לאה דעם שוויצערס מיט איר לובאָוויניק לייבעלע. ביי דער טיר זענען געשטאַנען די געזונטע שטאַרקע יונגען פון שטעטל. די בילעטן האָט אָפּגענומען קלמן חיל. אַ פרייד טראָגט זיך פון דער שאַפּע. דער עולם זינגט פריער די לידער איידער די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן.

אַ רעש, אַ טומל, פונקט ווי אין דער שול שמחה תורה ביי די הקפות, אַלע אויגן זענען געווענדט צום פּלושענעם פאָרהאַנג, וואָס הוידעט זיך אויף אַ לאַנגן שטריק, וועלכן די רייכע חברטאָרינס האָבן צוזאַמענגעסטריגעוועט. משה חיים שפּילמאַן מיט זיין קאַפּעלע געפינט זיך נעבן דער סצענע. אויף אַ גרויסער סטראַזשאַצקער פאַס ליגן די נאָטן. ער אַליין זעט אויס ווי אַ פרינץ, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קליין, קויטיק, פינצטער שטעטל.

ווען לייבעלע מיט לאה׳ען זענען דורכגעגאַנגען האָט זיך שעפּסעלע פויקער געווענדט צו הערש נחום בדחן:

— הערש נחום, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם פּאָרל? אַ יאָלדעוו־קע האָט זיך איינגעלאָפּעט אין אַזאַ ווערזאַק אין לייבעלע קעלבאַס. דו

וועסט דאָך זיי האָבן פּאָר שכנים. זיי וועלן דאָך וווינען לעבן דיר אויף דער באָד גאַס.

— אַ נאַרישע ציג, זיי האָבן אָבער נאָך נישט חתונה. ס׳איז ביי איר נישט מער ווי קוצעניו מוצעניו. זי וועט נישט זיין משה שמחה יואלס שנור, פאַרלאָז זיך אויף מיר, איך ווייס!

— אַזאַ יאָר אויף איר קאָפּ וואָס פאַר אַ שווער זי וועט האָבן, האָט שעפסעלע צוריק געענטפערט און גענומען אויספּרובירן זיין טרומפּייט.

*

ווען די אַרטיסטן זענען שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין זייערע היס־טאָרישע טורבאַנען, מיט די לאַנגע גרימירטע בערד, און משה חיים שפּילמאַן האָט אָנגעצויגן די סטרונעס פון זיין פידעלע, אויך זיין זון יאָסעלע האָט אויסגעבלאָזן די ערשטע טענער אויף זיין קלאַרנעט, האָט זיך דערהערט אַ געשריי: דער רבי גייט!

משה חיים איז אַרויף אויף דער סצענע, זיך באַהאַלטן הינטערן פאָרהאַנג. שעפסעלע, הערש נחום, און הערש בער זענען אַרונטער הינטער די גרויסע פעסער. דער עולם האָט גענומען שפּרינגען איבער די בענק, זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג צום טויער, ביי וועלכן קלמן חיל איז געשטאַנען מיט אַלע שטאַרקע יונגען.

— קיינער וועט פון דאַנען נישט אַרויסגיין! מיר האָבן נישט קיין מורא פאַרן רבי׳ן, די פאָרשטעלונג וועט פאָרקומען!

די שטאַרקע יונגען האָבן מיט רעוואָלווערן אין די הענט זיך אויסגעשטעלט ביים טויער און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט.

דער רבי איז צוגעקומען צום טויער מיט אַ פּאָר צענדליק עלטערע יידן.

— נו קלמן חילעלע, עפן אויף דעם טויער! — האָט דער רבי נערוועז אַ ברום געטאָן.

— רבי, איך וועל נישט עפענען! כ׳וועל אייך נישט אַריינלאָזן!

— ווער איז דאָס ביי אייך דער מאַכער, דער קנאַקער?

— משה מרדכי!

— ווער? ישראל לייבעלע דעם מגידס בחור? רוף אים אַהער! משה מרדכי האָט מיט דראָבנע רויקע טריט צוגעשפּאַנט צום רבין.

— זאָג נאָר ישראל לייבעלעס בחור, פאַרוואָס לאָזט מען מיך נישט אַריין?

— ווייל איר זענט געקומען שטערן, זיך שלאָגן, דערפאַר וועט מען אייך נישט אַריינלאָזן.

— מיר וועלן נישט שטערן, כ'וויל נאָר געבן אַ קוק ווער ס'איז דאָ ביי אייך.

משה מרדכי האָט געעפנט דעם טויער. דער רבי מיט משה אהרן מלמד זענען אַריין אין שאַפּע. אַלע יידן זענען געבליבן שטיין אין דרויסן.

— אלתר דוד'ס חצופות זענען אויך דאָ? — האָט זיך דער רבי געווענדט צו משה מרדכי'ן.

— רבי, זיי זענען נישט קיין חצופות. זיי זענען חברטאָרינס פון „בונד". נישט נאָר זיי, אויך פיל רייכע חסידישע טעכטער זענען מיט אונדז.

— זאָג מיר, צו וואָס דאַרפן קאָמעדיאַנטן, לצים, מאַכן חוזק פון אונדזערע הייליקע אבות און שפּילן „מכירת יוסף"?

— ניין רבי, זיי מאַכן נישט חוזק, זיי טראָגן פרייד, געזאַנג, בטחון אין אַלע יידישע אָרעמע שטעטלעך! עס האָבן אויך אַמאָליקע תנאים משמח געווען יידן מיט פאַרשידענע קונצן. שמחת בית השואבה פלעגט שמעון בן גמליאל משמח זיין די יידן פון ירושלים. ער פלעגט וואַרפן אַכט ברענענדיקע שטורקאַצן און איינער האָט נישט אָנגערירט דעם צווייטן. יידן האָבן זיך פון דעם משמח געווען. ביי אייך וואָלט דאָס געהייסן ליצנות, חוזק!

דער רבי האָט שטרענג אָנגעקוקט דעם תנא־בארטיק, ער האָט געוואָלט שענקען פעטש דעם שייגעץ פאַר זיינע חוצפּה'דיקע פלאָפּלע־רייעז. ער האָט זיך אָבער באַהערשט, ער האָט געטראַכט: עס איז נישט אַמאָליקע צייטן, ס'איז נישט אַמאָליקע יאָרן, ווען ער האָט דעם

ווילן יונג, דעם היטל מאַכער מיכאל הערש, אויסגעלאַפּעט זיין טריפה מאָרדע, אָבער גיי האָב צו טאָן היינט מיט שטרייקער, מיט די הפקר יונגן, וואָס טראָגן ארום רעוואָלווערן, פאַר וועמען די פּאָליציי ציטערט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מען מוז איינהאַלטן דעם יצר הרע און ריידן געלאַסן מיט דער חברה. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף משה מרדכי׳ס אַקסלען און פאָטערלעך אים געפרעגט:

— זאָג מיר ווי קומט עס, אַז ישראל לייבעלעס אַ בחור זאָל זיך חבר׳ן מיט די בונטאָווטשיקעס?

— מיין דרך איז נישט אין סתירה צו מיין טאַטנס גאַנג. אייערע מעשים אין אַלע יידישע שטעטלעך, דאָס אַרויסטרייבן יידישע אַקטיאָרן, דאָס באַנוצן זיך מיט פּאָליציי, זענען נישט קיין יידישע! אייער עלטער זיידע, ר׳ מענדעלע קאָצקער, האָט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער יצחק מאיר דעם גערער רבי געשטיצט דעם פּוילישן אויפשטאַנד. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די רייכע יידן זיי זאָלן העלפן די אויפשטענדלער קעגן צאַר. אייער זיידע איז געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון טאָמאַשאָוו און זיך אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט אין לעמבערג.

דער רבי האָט מיט זיינע פייערדיקע אויגן אַדורכגעבליקט דעם גרויסן צערעשטן עולם, האָט אָנגעכאַפּט משה אהרן מלמד פאַרן האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— קום אַהיים, כ׳וויל נישט מיט די שטרייקער, מיט די סאָציאַליסטן, פאַרטשעפּען!

קאַטאָוו ווערט דערשאָסן
און משה אהרן פאָרט קיין וואַרשע

אין שטעטל זענען געווען פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט טונקעלע געשעפטן. זיי האָבן זיך געטולעט צו די סאָציאַליסטן, צו די בונדיסטן, געוואָלט געפינען שוץ אונטער זייערע פליגלען, זיי האָבן געשטיצט שטרייקן. זיי זענען תמיד געשטאַנען אין צד פון די אַרבעטער אין קאַמף קעגן די מייסטערס. איינער פון זיי איז געווען דער שטאַרקער יונג אין שטעטל, שלוימעלע בעל־עגלה.

קאַטאָוו האָט ביי אים פאַרדינט אַ שיינע פאָר רובל כאַבאַר. שלוימעלע האָט געוואָלט פון אים פטור ווערן. צופיל שותף איז ער געווען צו זיינע געשעפטן... אַזוי ווי קאַטאָוו איז געווען שטאַרק פאַר־האַסט ביי די בונדיסטן, האָט שלוימעלע באַשלאָסן ביי זיך, אַראָפּצוּרוימען קאַטאָוון און ווייזן די בונדיסטן, די וועלכע ווילן אים נישט אַריינגעמען אין דער פאַרטיי, וואָס פאַראַ העלד שלוימעלע איז.

ווען קאַטאָוו מיט זיין לאַנגער טונקעלער באָרד, האָט זיך באַ־וויזן איבער די גאַסן איז אָנגעפאַלן אַ פחד אויף די איינוווינער. יידן האָבן זיך פאַר אים געבויגן אין דרייען מיט די היטלען אין די הענט. וואַקלט זיך אַזוי קאַטאָוו שיכור, דאָס טריפה בלוט צאַרנט פון זיין פעט חזירישער אויסגעפּאַשעטער מאָרדע. אויפן קליינעם מאַרק צווישן די אָרעמע יידישע מאַרק־זיצערינס, צעהאַקט, צעשיט קאַטאָוו מיט זיין שטיוול די קעסטלעך, די קוישלעך גרינוואַרג.

די ווייבער ווײנען, בעטן זיך ביי אים ער זאָל נישט צעטרעטן דאָס ביסל אויבסט, דאָס ביסל שאר ירקות. קאַטאָוו קוויטשעט, גרילצט אויף זיי מיט זיין פון בראַנפן אָנגעגאָסענעם גאָרגל. אָבער פלוצים ווען ער

דערנענטערט זיך צום בית מדרש געסל, דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ רעוואָלווער, קאַטאַו פאַלט ווי אַן אונטערגעהאַקטער פאַרפּוילטער דעמב אינעם בית־מדרש געסל.

אלע האָבן געוווּסט אין שטעטל, אַז דאָס איז געווען שלוימעלעס אַרבעט. פיל בונדיסטן זענען געוואָרן אַרעסטירט, צווישן זיי אברהם משה טענענבוימס זין דוד און נפתלי. זיי זענען געזעסן אין שעדלעצער טורמע אַ יאָר ביז צום פּראָצעס. אברהם משה האָט געגעבן שלוימעלען געלט אויף הוצאות צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. דער באַוווּסטער אַדוואָ־קאַט עטינגער איז געווען דער פאַרטיידיקער, אַנווייזנדיק אַז שלוימעלע, דער וואָס איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, האָט געשאָסן קאַטאָוון. אברהם משה׳ס זין זענען געוואָרן באַפרייט.

פיל שווינדלערייען און מיסבראויכן זענען געוואָרן אָפּגעטאָן אינעם נאָמען פונעם „בונד". פיל שטרייקן זענען געוואָרן פאַרקויפט. די מייסטער פלעגן איבערקויפן אייניקע טוער, זיי באַצאָלן אַ פּאָר רובל און דער שטרייק איז בטל געוואָרן.

האָט איינער אין שטעטל געהאַט אַ פּערזענלעכן חשבון מיט אַ צווייטן, האָט ער אויף אים אויסגעטראכט אַ בלבול, אַז ער שטייט אין קאָנטאַקט מיט דער פּאָליציי און גיט זיי איבער, וואָס עס קומט פאָר ביי די בונדיסטן. נישט איינמאָל זענען די בונדישע פירער נכשל גע־וואָרן ביים באַשטראָפן מיט געלט און טעראָר־מיטלען אומשולדיקע מענטשן.

די צוויי פורמאַנעס משה אהרן און שיע גאָרגל האָבן געהאַנדלט שותפות מיט אייער און עופות. זיי האָבן געפירט וועגענער מיט סחורה קיין וואַרשע. אויפן מארק האָט זיך שיע גאָרגל צעקריגט, צעשלאָגן מיט אַ צווייטן בעל עגלה, אַ וואַרשאַווניק, וואָס האָט אויך געפירט אייער מיט עופות קיין וואַרשע.

דער ייד האָט געהייסן יאַנקל, געשטאַמט פון דעם שכנות׳דיקן שטעטל דראָהאָטשין. ער האָט אָבער געהאַט אַ זון אין וואַרשע, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין וואַרשעווער „בונד". האָט דער

בחור אויסגעטראַכט אַ ליגן אויף שיע גאָרגל, אַז ער זאָל האָבן געמסרט פאַר דער פּאָליציי, בעת דעם שטרייק ביי דעם שוסטער עלע טאַמע. וואַרשעווער בונדיסטן האָבן צעשפּאָלטן שיע גאָרגלען דעם קאָפּ און אים פאַרבאָטן קומען קיין וואַרשע.

משה אהרן און שיע גאָרגל זענען געזעסן פיל חדשים ליידיק אָן פּרנסה. זיי האָבן מורא געהאַט צו פאָרן קיין וואַרשע. משה מדרכי האָט געשיקט קיין וואַרשע אַ ספּעציעלן שליח, דעם סטאָלער קלמן חיל פרידמאַן, אויפצוקלערן דעם ענין פאַר די וואַרשעווער חברים. עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער חרם, און זיי האָבן צוריק געקענט פאָרן קיין וואַרשע.

אין שטעטל איז געשאַפן געוואָרן דאַן אַ לידל, מ׳האָט דאָס פיל, פיל יאָרן געזונגען:

„משה אהרן,
מ׳קען שוין קיין וואַרשע פאָרן,
מ׳האָט שוין אויסגעהרגעט
אַלע שטרייקער״

אַ טראגישער סוף

פון אַלע ליבעס פון די גבירישע חסידישע טעכטער מיט די שוסטער און סטאָלער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ פּאַראַיאָריקער שניי. די שיינע באַלעבאַטישע טעכטער האָבן שפּאַצירט, זיך געליבט, פאַרברענגט מיט די ווילע יונגען פון שטעטל, אָבער ווען עס איז געקומען צו תכלית, אַרונטערצוגיין אונטער דער חופּה, דאַן האָבן זיי פאַרלוירן דעם חשק.

מנוחה אלתר דוד׳ס, לאה דעם שוויצערס, האָבן געהאָלפן נייען די רויטע פּענער, אַרויסגעגנבעט געלט ביי די רייכע עלטערן, געשטיצט שטרייקנדיקע אַרבעטער, געהאָלפן אָרימע יידישע אַקטיאָרן. זיי האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר פון זיין טראָן, אפילו פאַרן רבונו של עולם האָבן זיי זיך נישט געשראָקן, אָבער מאַכן רעוואָלוציע וואָס איז געווען געווענדט קעגן דער צוקונפט פון זייער באַקוועם, רייך און זאַט לעבן — חתונה האָבן מיט די אַרבעטער, מיט די בונטאָווטשיקעס און צעשטערן דעם גביריש חסידישן יחוס — דאָס נישט! אויף דעם זענען זיי נישט געווען גרייט.

מנוחה אלתר דוד׳ס איז געגאַנגען אין די דרכים פון איר טאַטן. ער האָט איר געגעבן אַ גרויסן נדן און חתונה געמאַכט פאַר אַ סוחר, אַ מיוחס פון לובלין. נאָר לייבעלע האָט גענומען זיין ליבע מיט לאה דעם שוויצערס אויף אַן ערנסט.

אוודאי איז געוועזן שווער זיך אָפּצוגעוווינען פון אַזאַ שיין מיידל ווי לאה, וועלכע האָט יאָרן לאַנג מיט אים ראָמאַנסירט אויפן פּשיוויסקער וועג און אויך צווישן די הויכע טאָפּאָלעס אויפן זאַמדיקן וועג צום באַן. זי האָט אים שוין געהאַט צוגעזאָגט צו אַנטלויפן מיט אים אין דעם שכנות׳דיקן שטעטל סעמיאַטיטש. צו זיינס אַ קרוב, מיט

אים דאָרטן שטעלן אַ חופּה אָן דעם וויסן פון אירע עלטערן. אָבער פון אומר ביז עושה איז אַ זאַווערוכע אַ גרויסע. —

לאה דעם שוויצערס האָט נישט געוואָלט ווערן דעם שוסטערס משה שמחה יואלס אַ שנור און ווינבען אויף דער באָד גאַס. דער רע־וואָלוציאָנער לייבעלע איז שיר נישט פון זינען אַראָפּ צוליב דעם אָפּזאָג פון זיין שיינער לאה, וועלכע האָט אים אין די ראָמאַנטישע נעכט געשווירן אייביקע ליבע.

אין לאה׳ס האַרץ האָבן זיך געראַנגלט צוויי ליבעס. איינע צו לייבעלען און די צווייטע צו איר פּאָטער, פּאַר וועמען לאה׳ס חתונה מיט לייבעלען וואָלט געווען די גרעסטע טראַגעדיע.ביידע ליבעס האָבן זיך לאַנג געקאַמפּערט ביי איר אין האַרץ. זי האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון איר פּאָטער. אַ דערשלאָגענער, אַ צעבראָכענער איז געשטאַנען פאַר איר יעקב משה דער שוויצער און זיך געבעטן רחמים:

— לאה׳טשעלע, טו מיר נישט אָן די שאַנד! דיין חתונה האָבן מיט דעם שוסטער־יונג וועט מיך פירן יונגערהייט אין קבר אַריין! מיין גאַנץ פאַרמעגן בין איך גרייט דיר אָוועקצוגעבן, אַבי דו זאָלסט נישט ברענגען אויף מיין שטוב די חרפּה!

יעקב משה איז אַרומגעגאַנגען אין שטעטל ווי אָן אבל, צו קיינעם נישט גערעדט. מענטשן האָבן געוווסט, פאַרשטאַנען זיין צעבראָכן צע־ווייטיקט האַרץ.

אין אַלעקסאַנדער שטיבל, דאָרט ווו ער דאַוונט, זעט מען אים נישט מער שבת נאָכן דאַוונען ביים קידוש. בלייך, דערשלאָגן גייט ער אַ היים. דער רחמנות אויף איר געטרייען טאַטן איז גובר געווען די ליבע צו איר לייבעלען. זי האָט מיט אלע אירע כוחות פּרובירט דער־שטיקן אירע געפילן, אירע טראַכטענישן צו איר געליבטן. זי האָט זיך געגעבן אַ שבועה, אַז זי וועט אויף איר טאַטן אַזאַ שאַנד נישט ברענגען.

לייבעלע האָט גענומען פילן איר צוריקגעהאַלטנקייט און איר

קאַלטקייט. ס׳איז פאַרשוווּנדן געוואָרן איר שמייכל פון אירע זיסע ליפּן, איר גליִענדיקער פיבער ביים קושן. אַן אומעט וויִעט פון אירע סאַמעטענע מאַנדל אויגן. ער דערקענט זי נישט, ס׳איז נישט די זעלבע לאה.

זי הערט אויף אָפט זיך טרעפן מיט אים. וואָכן גייען פאַרביי אַז זי זעט אים נישט. זי זיצט אין שטוב פאַרזונקען אין טרויער און געראַנגל מיט לייבעלעס שאָטנס, וועלכע זי טרייבט פון זיך. אין די אָוונטן ווען זי זיצט אַליין ביי זיך אין צימער, גייען אויף פאַר אירע אויגן יענע בילדער, יענע באַגעגענישן, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו ראָמאַנסירן מיט איר געליבטן, אין יענע יאָרן ווען משה מרדכי האָט געאַרבעט אין דאָרף און דערנאָך אין וואַרשע. ווי שיין ווי גוט איז דאַן געווען. היינט איז איר פאַרמיאוסט איר לעבן. שרעקלעכע געדאַנקען קומען איר אין זינען. אָפּטמאָל וויל זי נעמען אַ ביסל סם און אַ סוף מאַכן צו אירע יאָרן. נאָכוואָס זיך ראַנגלען צווישן איר פאָטער און איר געליבטן.

זי איז אָבער צו שוואַך, נישט דעצידירט אָפּצוטאָן אַזאַ שריט. זי האָט פיינט דאָס לעבן און שרעקט זיך פאַרן טויט. נאַכט נאָך נאַכט וואַרט אויף איר לייבל ווי זיין שטייגער צווישן די געדיכטע ביימער אין שטאָטישן גאָרטן, דאָרטן וווּ זיי טרעפן זיך שטענדיק, פון וואַנען זיי לאָזן זיך אויפן שפּאַציר.

נאָך וואָכן לאַנג זיך נישט זען, איז לאה פּלוצים געקומען אין גאָרטן אַריין, געטראָפן לייבעלען זיצן אויף אַ הילצערנער באַנק. ער האָט מיט זיין האַרטער אויסגעאַרבעטער האַנט אָנגענומען איר ווייך איידל הענטל, זיך צו איר געווענדט:

— זאָג מיר, לאה, וואָספאַראַ שטיק פּראַוועסטו לעצטנס מיט מיר? מיר האָבן דאָך אָפּגעשמועסט אָוועקפאָרן קיין סעמיאַטיטש צו מיינע קרובים און דאָרטן שטעלן אַ חופה. ס׳איז קיין קינדער־שפּיל! וואָכן גייען אַריבער און מ׳זעט דיך נישט. דו ביסט געוואָרן פאַרשוווּנדן.

— לייבל, איך וועל נישט פאָרן קיין סעמיאַטיטש. כ׳וועל נישט חתונה האָבן אַז מיינע עלטערן וועלן נישט זיין ביי מיין חופּה! כ׳קען

דאָס נישט טאָן מיין טאַטן! כ׳וועל ליבערשט זיך דאָס לעבן נעמען אײדער גורם זיין מיין טאַטן אַזאַ צער!

— וואָס מיר טאַטע, ווען מיר טאַטע! זאָג דעם אמת! דו אַליין ווילסט נישט חתונה האָבן מיט מיר!

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט. כ׳בין געקומען דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט נישט וואַרטן אין גאָרטן אויף מיר. מיר וועלן זיך מער נישט זען.

— גוט, זייער פיין, דו ווילסט נישט חתונה האָבן מיט מיר. אָבער ליבן זיך האָסטו יאָ געוואָלט! צי ווערסטו כאָטש דערציילן דיין קינפטיקן חסידיש גבירישן מאַן, אַז דו האָסט פאַרברענגט פיל נעכט מיט מיר אין די זאַמדן, הינטער דער רוסישער קירכע?

לאה האָט אַרויסגעריסן איר הענטל און זיך יאָמערלעך צעוויינט. זי האָט מיט איר טיכל אָפּגעווישט די טרערן וואָס האָבן זיך געגליטשט אויף איר צעפלאַמט געזיכט און איז פאַרשוווּנדן צווישן די געדיכטע ביימער. לייבעלע איז געשטאַנען מיט אונטערגעהאַקטע פיס, נאָכגעקוקט אירע שוואַרצע צעפּ, וואָס האָבן זיך ווי צוויי שלאַנגען געוואָרפן אין ווינט. די צוויי פאַרפלאָכטענע רויט זיידענע שלייפן האָבן אַרויסגע־בלענדט פון די שאָטנדיקע צווייגן.

ער איז אַ דערשלאָגענער אַוועק אין דער הינטער־שענק צו שעפּסל הערש פייעס, געהייסן זיך געבן קוואַס מיט אַרבעס. די חברה וואָס זענען געזעסן אין שענק האָבן שוין געוווּסט, אַז לאה דעם שוויצערס טרעפט זיך שוין מער נישט מיט אים.

זאַוועלע דער טרעגער, אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס, אַ מענטש אַ פּראָסטער חי וקיים, וואָס קען נישט פאַרטראָגן קיין עוולות, וועלכע געשעען אין שטאָט, אַ חברה׳מאַן וואָס גלייכט אויס אַלע סכסוכים צווישן די טרעגער און שמייסער יונגען, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין טישל, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן אַ גרופּע טרעגער. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין חבר לייבעלע און אים געפרעגט:

— לייבל ווען מאַכסטו פריילעך? מ׳האָט דאָך געשמועסט, אַז בקרוב וועסטו געבן לעקעך מיט בראָנפן. נו, וואָס איז פּלוצעהאַלבן שטיל געוואָרן?

גיי זאַוועלע, לאָז מיך געמאַך, מיין קאָפּ איז נישט צו דיר.

— וואָס איז, יעקב משה דעם שוויצער געפעלט נישט דער שידוך? אוודאי, אַ לייטיש שטיקל סחורה וועט נישט אַריינפאַלן צו אונדזערס אַ מענטש! אַלע שיינע טעכטער געהערן פאַר די גבירים, פאַר די חסידים, נישט פאַר קיין אַרבעטער.

זאַוועלע טרעגער האָט אַראָפּגעוואָרפן די שטריק פון זיינע לענדן, אַ העליש פייער האָט זיך צעצונדן אין זיינע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַראָפּצולאָדעווען אַ שווערע משא פון וואָגן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ליידיקער פלאַש, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און געשריגן צו דער חברה טרעגער. וואָס זענען געזעסן:

— מיר דאַרפן נישט שוויגן, מיר דאַרפן אָנלערנען אַזאַ פּריצעטע, אַז זי זאָל וויסן נישט חוזק צו מאַכן פון אונדזערס אַ חבר! מיר דאַרפן נקמה נעמען! פאַרן פאַרשעמען אונדזערס אַ מענטש, דאַרף מען אַזאַ מויד אָפּסמאַלען איר פּנים אַז אַלע רייכע מיידן זאָלן וויסן, אַז די וועלט איז נישט הפקר!

לייבעלע האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעשפּאַנט אַהיים, און זיך געלייגט שלאָפן.

אויף צו מאָרגנס, ווען לאה איז געגאַנגען מיטן קוישל אין שפּייז־קרעמל איינקויפן עסנוואַרג, האָבן איר די חברה אָפּגעגאָסן מיט וויט־ריאָל. פאַרברענט איז געוואָרן איר שיין ליכטיק פּנים. זי איז געלעגן אַ לאַנגע צייט אין שפּיטאָל. דער פאָטער יעקב משה האָט גענוצט די בעסטע דאָקטוירים, מ׳האָט איר אויסגעשניטן פלייש פון איר לייב, צו פאַרלאַטען די בראַנד־פלעקן אויף איר געזיכט.

יאָרן האָבן זיך געצויגן ביז צום אָנקום פון דער ערשטער וועלט מלחמה. די אַלע אייגנאַרטיקע פאַרשוינען ווי: משה מרדכי, לייבעלע, לאה און נאָך פיל יונגעלייט, האָבן ווי די פייגל אין האַרבס וואָס פאַרלאָזן זייערע נעסטן אויף די הויכע ביימער הינטערן שטאָט ביי די שייערן, און פליען אַוועק צו די ווייטע ברעגן אין די וואַרעמע לענדער, אַזוי האָט די חברה פאַרלאָזט דעם שטעטלדיקן גרויל, זיך געלאָזט אין דער

ווייטער וועלט. נאָר די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מיטלען זענען געבליבן ווי פייגל מיט צעבראָכענע פליגל, שטעקן אינעם קאַלטן או־מעטיקן שטעטל.

וואָס איז געוואָרן פון זיי? ווו זענען אַהינגעקומען די אַלע אייגנ־אַרטיקע אינטערעסאַנטע געשטאַלטן?

אַ טייל זענען שוין אויפן עולם אמת. משה מרדכי איז געשטאָרבן אין אַמעריקע, לייבעלע איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד. אייניקע זענען היינט זקנים און געפינען זיך אין דער יידישער וועלט צעשפרייט, אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אויך אין ישראל.

אַז מ׳טרעפט זיך אויף די תל־אביבער גאַסן, אָדער אויף אַ שמחה ביי אַ לאַנדסמאַן מיטן סטאָלער קלמן חיל פרידמאַן, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון די ווייטע סיבירישע שנייען צו די ברעגעס פון מדינת ישראל, קלמן חילעלע, דער וואָס האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם רבין אין דער שאָפּע, ווען יידישע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט „מכירת יוסף״, אַז מ׳דערמאָנט אים אין יענע יאָרן: אין דער הינטער־שענק ביי שעפסל הערשל פייעס, אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען הינטערן שטאָט אויפן וועג צום נייעם בית־עולם, אין די ליבעס מיט די חסידישע טעכטער, אויך אין זיין אַמאָליקן רבין משה מרדכי, דער וואָס האָט אים אין וואַרשע געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסטישן קעמפער, אַז מ׳פירט קלמן חילן אויף די פאַרברענטע שליאַכן פון עבר, פינקלט אויף אין זיינע מידע אויסגעלאָשענע אויגן אַ פערלדיקע טרער.

א שותפות׳דיקע ליבע

צווישן די בחורים אין ביאַלער שטיבל זענען געווען צוויי חברים, מנחם און עזריאל, וועלכע פלעגן תמיד זיך האַלטן צוזאַמען, נישט גע־רירט זיך איינער פון צווייטן.

מנחם איז געווען אַ הויכער מיט צוויי פייערדיקע אויגן. געטראָגן אַ לאַנגע אויסגעריבענע קאַפּאָטע. ער איז געווען פון די בעסטע לערנער אין שטיבל. זיינע עלטערן זענען געווען אביונים, געוווינט אין אַ קעלער צווישן די מארקזיצערינס נעבן בית מדרש אויפן קליינעם מאַרק און דאָרטן געבאַקן גרעטשענע באָבעלעך.

עזריאל איז געווען אַ געפּוצט בחור׳ל מיט רויטע קיילעכדיקע בעקלעך. ער איז געווען ביי זיינע עלטערן אַ בן יחיד. זיי האָבן געהאַט אַ געשעפט פון פאַרב און אַן אייגענע מויער. דאָס ביאַלער שטיבל האָט זיך געפונען אין זייער הויז.

עזריאל איז נישט געווען קיין לערנער. זיין פאָטער אברהם פאַר־בער, האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז זיין זון זאָל קענען לערנען און אים געשיקט אין דער בריסקער ישיבה. ער האָט געהאַלטן די בעסטע מלמדים, עס האָט זיך אָבער נישט צוגעקלעפּט. ער פלעגט אַמאָל אין די אָוונטן כאַפּן אַ בליק אין דער גמרא, אין וועלכער זיין חבר מנחם האָט געלערנט, אָבער קענען — דאָס נישט!

אברהם דער פאַרבער פלעגט אָפטמאָל ריידן מיט מנחם׳ן, אים בעטן ער זאָל האָבן השגחה אויף זיין בחור, ער זאָל מיט אים צוזאַמען לערנען.

— מנחם, לערן מיט מיין עזריאלן יעדן אָוונט צוזאַמען, כ׳וועל דיר קויפן אַ מתנה, אַ זייגער — האָט אברהם פאַרבער געטענה׳עט צו מנחמען.

אין די גרויסע מאַרק־טעג, ווען ביי אברהם דעם פאַרבער איז פול זיין געוועלב מיט פויערים און פויערטעס, און רבקה׳לע די פאַר־בערקע, אַ יידענע מיט אַ פאַרשלומפּערטער ספּודניצע און אַ פאַרסאַ־זשעט פּנים, קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט די קונים, שטייט עזריאל ביי דעם שופלאַד און ציילט דאָס געלט וואָס די גויים באַצאָלן פאַר די פאַרבן.

ווען ער טרעפט זיך אינאַוונט מיט זיין חבר מנחם אין ביאַלער־שטיבל, אָדער ביים קאָרטן־שפּילן מיט אַלע אַנדערע בחורים פון שטעטל, זענען עזריאלס קעשענעס פול מיט זילבערנע מטבעות. עזריאל גייט תמיד מיט זיין חבר מנחם. אַז זיי קויפן נאַשוואַרג, וואַרעמע וווּרשטלעך און טרינקען ביר, צאָלט ער מיטן געלט, וואָס ער נעמט אַרויס פון טאַטנס שופלאַד. ווען עזריאל האָט געקויפט אַ שטייפן ווייסן קראַגן, פאַר וועלכן ער האָט געקראָגן פּעטש פון זיין טאַטן, האָט ער געקויפט צוויי, אויך פאַר מנחמען.

אברהם דער פאַרבער איז געווען אַ ייד אַ חלוש, געהאַט תמיד צו טאָן מיט דאָקטוירים. ער איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. עזריאל איז שטענדיק געגאַנגען אין אַפּטייק, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער וועגגראָווער גאַס, קויפן די רעצעפּטן, וואָס די דאָקטוירים האָבן פאַרשריבן. נעבן דער אַפּטייק האָט געוווינט מלכה שפּינער, אַ מיידל מיט אַ בלייך פּנים און אַ פּאָר שמאָלע פאַרפלאָכטענע צעפּ. מלכה האָט געלייענט ביכער, אויך געקומען אין די סאָציאַליסטישע קרייזן. זי האָט אָבער געבלאָזן פון זיך, נישט געוואָלט קאָלעגירן מיט די ווילדע יונגען, אַזוי ווי עס האָבן דאָס געטאָן די חסידישע גבירישע טעכטער.

זי האָט געזוכט אַ פיינעם באַלעבאַטישן בחור, צו קענען מיט אים שפּאַצירן. זי האָט געפּאַנגען מיט אירע אויגן דאָס געפּוצטע בחורל, וואָס פלעגט פאַרבייגיין איר שטוב נעבן דער אַפּטייק. פיל נעכט האָבן זייביידע שפּאַצירט הינטערן שטאָט. מ׳האָט זיך אַרומגעדרייט הינטערן אַלטן בית עולם.

עזריאל פלעגט מיטברענגען אויפן שפּאַציר פולע קעשענעס מיט שאָקאָלאַד און באַלווע. דאָס זיסוואַרג איז אים שטאַרק צונוץ געקומען.

אָנשטאָט ריידן האָט ער געשטופּט אין איר שמאָל פּיסקל שטיקלעך שאָקאָלאַד.

נאָך פיל חדשים ראָמאַנסירן האָט עזריאל פּראָגרעסירט. געגאַנגען פּאָרויס, געוואָרן מיט איר היימישער, דרייסטער, פלעגט אַריינגעמען אין זיין האַנט איינע פון אירע געפלאָכטענע צעפּ. ער האָט דאָס צעפּל גע־האַלטן ווי אַ חפץ, ווי אַן אתרוג ביים בענטשן. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געפילט אַזאַ פאַרגעניגן ווי בעת ער האַלט און גלעט איר צאָפּ. זיין חבר מנחם איז געוואָרן אויפגעאַלנד — פיל אָוונטן גייען אַוועק און ער זעט נישט עזריאלן. מ׳וואַרט אויף אים ביים קאָרטן־שפּילן און ער קומט נישט. ווהין ווערט ער פאַרשווונדן?

ווען זיי האָבן זיך געטראָפן שבת אין ביאַלער שטיבל, האָט עזריאל אַנטפּלעקט פאַר מנחמען זיין סוד:

— איך שפּאַציר ביים אַלטן בית עולם מיט מלכה שפּינער. זי איז אַ באַלעזן מיידל, זי לייענט פיל ביכער.

— פון וואַנען קומסטו צו איר? — האָט מנחם אָנגעשפּיצט זיינע פּייערדיקע אויגן.

— מיר האָבן זיך באַקענט ביי דער אַפּטייק.

— וואָס טוט איר ביידע, וועגן וואָס שמועסט איר?

— זי דערציילט וועגן וואָס זי לייענט, וועגן אַ נייער וועלט וואָס דער סאָציאַליזם וועט אויפבויען.

— דאָס אינגאַנצן? — האָט דער הויכער מנחם געהויבן זיינע אַקסלען.

— זי האָט אַ פּאָר שיינע פאַרפלאָכטענע צעפּ. נעם איך אין מיינע הענט, אויפן שפּאַציר, אַ צאָפּ און שפּיל זיך מיט אים.

מנחם האָט אָנגענומען עזריאלן פאַרן אָרעם און זיך געווענדט צו אים חבריש:

— נעם מיך מיט, וועלן מיר שפּאַצירן זאַלבעדריט. זי וועט גיין אין דער מיט און מיר פון ביידע זייטן. דו וועסט האַלטן איין צאָפּ און איך דעם צווייטן.

וואָכן לאַנג האָבןביידע חברים שפּאַצירט מיט מלכה שפּינער ביים בית עולם. מ׳האָט זיך צעטיילט מיטן גליק. איטלעכער האָט גע־נומען אַ צאָפּ און אים געגלעט.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט מיט טריבע רעגנדיקע נעכט. דער וועג ביים בית עולם איז געוואָרן ליימיק, בלאָטיק, מ׳האָט נישט געקענט שפּאַצירן. מנחם האָט געמוטשט זיין קלוגן קאָפּ, ווי געפינט מען אַן אָרט מ׳זאָל קענען זיין צוזאַמען מיט מלכה שפּינער, אַ וואָוש־נער איינפאַל האָט אויפגעבליצט ביי אים אין קאָפּ:

— דו הערסט, עזריאל, כ׳האָב אַ פּלאַן וויאַזוי זיך צו טרעפן מיט מלכה׳לען. ניין אַ זייגער פאַרמאַכט מען דאָס ביאַלער שטיבל. דעם שליסל טראָגט מען דאָך אַריין צו אייך אין שטוב. דיין מאַמע האַלט דעם שליסל אין איר וואַטאָוועגער שובע. ווען זי וועט גיין שלאָפן נעם אַרויס דעם שליסל און מיר וועלן זיך מיט מלכה׳ען אַרויפכאַפּן אין שטיבל. דיין טאַטע מיט דער מאַמען גייען דאָך פרי שלאָפן, זיי וועלן נישט הערן.

עזריאל פלעגט אין די אָונטן, ווען זיינע עלטערן פלעגן שוין ליגן אין די בעטן, אַרויסנעמען דעם שליסל פון שטיבל, וועלכעס גע־פינט זיך אויבן ביי זיי אין מויער, איבער זייער וווינונג, און שטילער־הייט, אויף די שפּיץ פינגער ווי די גנבים, אַרויפקלעטערן מיט מלכה שפּינער אין ביאַלער שטיבל.

דאָרטן אין שטיבל איז געשטאַנען ביי דער וואַנט אַ קאַכל־אויוון. איטלעכער האָט זיך אָנגעשטעלט וואַרעמען אין איין זייט. מלכה שפּינער איז געשטאַנען אין פראָנט פון אויוון, ביי די טירלעך און זיי ביידע ביי די זייטן. זיי האָבן געהאַלטן אירע געפלאָכטענע צעפּ און געוואַרעמט ביים אויוון זייערע קאַלטע גלידער.

פלוצים האָט זיך געהערט אַ געשריי, רבקה׳לע די פאַרבערקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך צעשריגן:

— אברהם, כאַפּ שנעל אַרויף די הויזן! גנבים זענען דאָ אין שטיבל! מ׳גנבעט די ספר תורה, מ׳האָט מיר אַרויסגענומען דעם שליסל!

אברהם פאַרבער מיט זיין ווייב האָבן געכאַפּט אַ לאָמפּ און אַרויפ־

געטשאַפּעט אויף די שטיגן אין שטיבל. מנחם האָט זיך נישט פאַר־לוירן. ער האָט אנגענומען עזריאלן מיט מלכה׳לען, זיי אָװעקגעשטעלט ביי דער טיר ביים איינגאַנג. ווען דאָס פּאָר פאָלק האָבן געעפנט די טיר, האָט מנחם אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין ,היטל איבערן לאָמפּ און דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן.

— גוואַלד גנבים! געוואַלד גנבים! — האָבן זיך די אַלטע צעשריגן.

דאָס דריילינג איז אין דער פינצטער נעלם געוואָרן. אויף צו מאָרגנס איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדלעך: גנבים האָבן גע־וואָלט אין ביאַלער שטיבל ארויסגנבענען די ספר תורה.

חברטע נעכעס לויה

די שניידערקע נעכע ווינאַגוראַ איז פיל יאָרן געווען אין וואַרשע. זי האָט זיך דאָרט פאַרקילט און צוריקגעקומען אַהיים צו איר אָרעמער מאַמע אַ שטערבלעך קראַנקע. אין דער אַלטער חורבה, אויף אַ בוידעם־שטיבל, ביי דעם תבואה סוחר הערשל אַבושעס, האָט זי אין אַ ווינטער־דיקן, פראָסטיקן טאָג אויסגעהויכט איר נשמה.

איר טויט האָט איינגעהילט דאָס שטעטל אין טרויער. דאָס ערשטע מאָל אין יידיש שטעטלדיקן לעבן האָט דער טויט פון אַן אַרבעטער מיידל באַקומען אַזאַ מענטשלעכע חשיבות און צעשטורעמט, אויפגערודערט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. דורות לאַנג איז מען געוווינט געווען צוטיילן דעם לעצטן כבוד, איינצואָרדענען גרויסע לויות מיט הספדים נאָר פאַר רבנים, לומדים און גבירים. אָבער אַזאַ לויה, מיט אַזאַ פאַר־נעם, מיט אַזאַ פּאַראַד, ווי חברטע נעכע איז זוכה געווען, האָט דאָס שטעטל נישט געזען אין משך פון איר עקזיסטענץ.

אויף אַלע גאַסן, הייזער און פּלויטן האָבן זיך באַוויזן טרויער מודעות, וואָס האָבן מיט שוואַרצע אותיות גערופן אַלע אַרבעטער איבער־רייסן די אַרבעט און אָפּגעבן דער חברטע נעכע דעם לעצטן כבוד — זיך באַטייליקן אין איר לויה. איינגעטוליעט אין ברענעדיקן פראָסט זענען יידן געשטאַנען און געלייענט די מודעות, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיטן בייזן ווינט, וואָס האָט זיי דווקא געוואָלט אַראָפּרייסן פון די הילצערנע פּלויטן.

יידן האָבן געהויבן די אַקסלען, געקנייטשט זייערע פאַרדאגה׳טע שטערנס אויפן משונה׳דיקן איינפאַל פון די ווילע־יונגען, סאָציאַליסטן, און מיט ביטול געשאָקלט זייערע קעפּ איילנדיק אין בית המדרש צו מנחה מעריב. די מלמדטשיכע מינדעלע מאיר פּאַטשנערס, אַ יידענע

מיט אַ געשליפן ציגגל און צווי שוואַרצע פינקלדיקע אויגן, וועלכע האָט אַ קראַם פון טאָרף אינעם מויער ביי אהרן קאַרפּלס, האָט זיך דערשראָקן פאַרן מאָדנעם פּלאַקאַט מיט די שוואַרצע אותיות, וואָס דער שוסטער־יונג סרול אריה קאָזע האָט אויפגעהאַנגען אויף דער טיר פון איר קראָם. זי איז געוואָרן צעטומלט, בישט געוווּסט וואָס מען טוט מיט דעם אַנשיקעניש. אַראָפּרייסן האָט זי מורא געהאַט פאַר דער חברה. זי האָט מיט אימפּעט אַ רוק געטאָן דעם פּייער־טאָפּ פון איר פאַרלאַטע־טער, פאַרשמוצטער ספּודניצע און מיט בלויע פאַרסמאָלעטע פינגער פאַרמאַכט איר קראָם.

אין דרויסן, ביים מויער פון אהרן קאַרפּלס אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען דער בונדישער און פּועלי ציוניסטישער פאַריין, האָבן זיך געזאַמלט פיל אַרבעטער, וואָס האָבן איבערגעריסן זייער אַרבעט. מינדעלע, די מלמדטשיכע, האָט זיך מיט אירע צווי פינקלדיקע איי־געלעך איינגעקוקט אויפן בייזן אַנלויף און איז שנעל אַוועק אַהיים, אַראָפּגעטשאַפּעט מיט אירע צעדרייטע וואַלענקעס באַרג אַראָפּ אין הויז פון יאנקל מאַנעסעס, אין וועלכן זי האָט געוווינט. זי איז אַריין מיט רוגזה אין שטוב, זיך צוגערוקט צום ליימענעם אויוון און גערעדט צו זיך אַליין:

— אַ הפקר וועלט אַרויסגעקומען. געשטאָרבן אַ דינסט מויד, אַ שניידערקע, מאַכן די חברה אַ גאַנצן צימעס, אַ גאַנצן טראַסק. עס טוט זיך דאָך חושך אין די גאַסן, אַלע מיידן מיט די יונגען לויפן דאָך אַרום ווי משוגעים, מ׳גייט איר דאָך איינאָרדענען אַ גויאישקן פּאַגזשעב.

וואָס? ועמען? — האָט זיך דער אַלטער מלמד יעקב לייב אַנגערופן.

— די מויד נעכע שואלקעס, די וואָס איז געזעסן אין וואַרשע אין קרימינאַל.

— נו, איז וואָס?

— זי איז געשטאָרבן.

— ברוך דיין אמת! — האָט יעקב לייב אויסגערופן און פאַר־מאַכט די גמרא.

— די חברה רופן דאָך איינצולייגן די אַרבעט. אַלע מוזן דאָך מאָרגן זיך באַטייליקן אין איר לויה. זיי וועלן דאָך טראָגן קרענץ און פענער ווי ביי די גויים, ווייל זי איז געזעסן אין טורמע.

— נישט חלילה פאַר גניבה! אַ סך באַלעבאַטישע קינדער זענען אויך געזעסן. איך האָב געקענט איר פאָטער שואלקען, געווען אַ ווילער ייד. מיר האָבן געדאַוונט צוזאַמען אין שטיבל. — האָט יעקב לייב גע־ענטפערט זיין זוגתו און געהייסן די תלמידים גיין אַהיים.

דאָס שטעטל איז געלעגן איינגעהילט אין ווייסן שניי. אויף דער פיענקע גאַס, ווו ס׳איז געלעגן דער טויטער קערפּער, האָבן זיך גע־זאַמלט הונדערטער אַרבעטער. אַ גרופּע בונדיסטן, פועלי ציוניסטן, זענען אַוועק אויפן בית עולם, און אַ דערלויבעניש פון דער קהילה און אויסגעהאַקט אַ קבר אין סאַמען אויבן־אָן צווישן די געשטאָרבענע פני, אַ קבר, וואָס דער זקן, דער שטאָט למדן מנדל ר׳ לייבעלעס, האָט געהאָט געקויפט ביי דער קהילה פאַר זיך.

אין אַלע וואַרשטאַטן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט. ביים דאַמען שניידער יהודה הערש טומלט זיך, רעשט זיך, מען נייט די אויסשטאַטונג, די חופּה־קליידער פאַרן יידישן גוט־באַזיצער, פאַרן באַ־וווסטן גביר אינעם געגנט, ר׳ אשר לאַזעווער. פּונקט מאָרגן, ווען עס וועט פאָרקומען די לויה פון חברטע נעכע — קומט פאָר די חתונה ביי אשר לאַזעווערס טאָכטער. זי וועט פאָרקומען אין שלאָס ביים לאַ־זעווער פריץ פון אַלע אַרומיקע פּריצישע הייף וועט מען קומען אויף דער חתונה עסן יידישע געפילטע פיש. סאַרווערס, כלי זמרים, האָט מען געבערענגט פון וואַרשע. בעריש בדחן, וואָס איז אַ שם דבר אין פּאָדלאַשער געגנט, וועט ווילן די פּריצים מיט זיינע בדחנישע גראַמען געפלאָכטן מיט פּוילישע וויצן.

די שניידערקעס האָבן אַוועקגעלייגט די זיידענע, סאַמעטענע קליי־

דער און ווילן נישט נייען. לויפט אַרום יהודה הערש אַ צעמישטער און שרייט:

— איר שחט מיך אָן אַ מעסער! איך מוז מאָרגן אינדערפרי פאַרטיק מאַכן די וויפּראַווע! מאָרגן באַגינען קומט אַ ספּעציעלער שליח פון הויף נאָך די מלבושים. איר מאַכט מיך אומגליקלעך.

מאָטל אַנדער, אַ שניידערקע מיט צוויי בלויע אויגן, לייגט פאַר אים אַוועק אַ מענה לשון: — היינט איז ביי אונדז טרויער! אונדזער חברטע איז געשטאָרבן, וואָס ווילט איר? ווען עס וועט פאָרקומען די לויה, זאָלן מיר זיצן און נייען די חופּה־קליידער פאַר אשר לאָזוווער, פאַר דעם גבירס טאָכטער?

אין פּועלי־ציוניסטישן לאָקאַל רעפּעטירט איין דער כאָר די ליי־דער, וועלכע מ׳וועט זינגען ביי דער לויה. חיים נח ווינאָגורא, דער וואָס איז געוואָרן אין אַ צייט אַרום אַן אַרטיסט אין יידיש־רוסישן מלוכה טעאַטער, שטייט שטאַר ווי אַ סטרונע. ער כעסט זיך אויףביידע טענאָרן, שרייט צו דוד און שלמה בער:

— וואָס מיינט איר, איר זינגט איצט מיט אייער טאַטן הערש טוביה אין בית מדרש, ראש השנה ביי „המלך״? דאָ זאָלט איר אַזוי נישט גרילצן! אַ ביסעלע שטילער, מיט מער געפיל, מיט האַרץ. מיר דאַרפן זינגען אויף אַ לויה.

אויפן גאַס, אין אַ פּראַסטיקער נאַכט, שטייען מענטשן און הערן זיך איין אין געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון אהרן קאַרפּלס מויער:

— „אין טרויער דערשטיקט און פון טרערן,
באַגלייטן מיר דיך צו דיין רו,
מיר הייבן די הענט און מיר שווערן
צו קעמפן, צו קעמפן ווי דו.״

אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי, אין טיפן שניי, האָבן אַלע אַרבעטער פון שטעטל מיט שוואַרצע בענדער אויף די אָרעמס אָנגעפילט די גאַסן. פיל זענען אַוועק אין נאָענטן סאָסנע־וועלדל, געבראַנגט נאָדל־צווייגן און אויפגעפלאָכטן קרענץ, איינגעראַמט אין שוואַרצן קרעפּ. עס האָט

זיך פאַרפלאָכטן אַ ריזיקע קייט פון יידישע הענט וואָס האָט זיך גע־צויגן פון דער פיענקער גאַס ביז צום שעדלעצער שאָסיי.

דאָס שטעטל האָט געבלענדט מיט ווייסן שניי, געוויעט מיט שטילן דיסציפלינירטן, געלייטערטן טרויער. נישט קיין טרויער פון דערנידעריקטע, באַליידיקטע, וואָס פאַרשעמט דעם מענטשן, נאָר אַ טרויער וואָס דערהייבט, טוט אָן פליגל, צו שוועבן צו אַ שענערער בעסערער וועלט.

די פוילישע שכנים האָבן געדרייט די שפּיציקע וואָנסעס, גע־קוקט מיט חידוש אויף דער אויסטערלישער לויה. ווען האָבן זיי ביי יידן אַזעלכעס געזען? דאָס ערשטע מאָל אין שטעטל. עפּעס אומפּאַר־באַרגענע כוחות האָבן דערוואַכט. עפּעס אַנדערע שטאָלצע יידן האָבן זיך געצויגן אין רייען און געגעבן דעם טויט פון אַ יידישן אַרבע־טער מיידל אַ נייעם נוסח, אַ נייע פאָרם, אַ טויט וואָס זאָגט אָן אַז אַ ניי יידיש לעבן ווערט געפאָרעמט און געשמידט אויף די צעפוילטע וואַקלדיקע פונדאַמענטן פון אַן אַלטער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט.

ווען דער צוג האָט זיך געשפּרייט אויף די ברייטע ווייס־באַשנייטע פליינען אויפן וועג צום נייעם בית עולם, ווען טויזנטער יידישע פיס האָבן געטאָפּטשעט אין די טיפע שנייען, ווען דער כאָר האָט געזונגען אין שניידיקן פראָסט:

„גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונדזער פאָן,
די פרייהייטס־פאָן מיט די רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון דעם אַרבעטס־מאַן."

האָבן זיך אין קהילה שטיבל פאַרזאַמלט אויף אַן אסיפה די פרנסי העיר. פיל רעליגיעזע דאַזאָרעס האָבן געפאָדערט, מ'זאָל תיכף גיין צום סטאַראָסטווע אַז פּאָליציי זאָל נישט דערלאָזן דורכפירן די קבורה אינעם קבר, וועלכן די חברה האָבן אויסגעגראָבן, און די קבורה מוז דורכגעפירט ווערן אויף אַן אָרט, ווו די קהילה וועט באַשטימען. אָבער מען איז נישט געקומען צו קיין הסכם. ס'איז געוואָרן באַשלאָסן: רופן נאָכאַמאָל אַן אסיפה פון די אנשי העיר, שבת ביים רבין אין הייף.

די ישיבה צעפאַלט זיך

ביים רבין אין הויף, אינעם הילצערנעם בוידעם שטיבל ביי זיין זון משה, וועלכעס געפינט זיך אין פראָנט צו דער גאַס נעבן מאַרק, קומען זיך צוזאַמען אַלע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאָלפן גרינדן די ישיבה. די וועלכע האָבן זייער האַרץ און גייסטיקע כוחות אריינגע־לייגט אינעם ווערק, וואָס צעפאַלט זיך צוליב דער אידעאישער מחלו־קת. פונקט ווי פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון זיי־ערע לענדער צוליב דעם הערשנדן רעזשים, אַזוי זיצן די יונגעלייט אין שכנות פון דער ישיבה, פון וועלכער דער רבי, ר׳ יצחק זעליג מאָר־גנשטערן, האָט זיי משלח געווען.

מ׳זיצט פאַרטיפט אין אַ ספר, מ׳שפּילט אַ פּאַרטיע שאַך און מען פירט ויכוחים. הארי שבחבורה איז ישראל גרינפעלד, אַ יונגערמאַן מיט אַ געהאַקטער קאַפּאָטע און אַ טיכן קליין היטעלע אויף זיין חריפות׳דיקן גמרא־קעפּל.

ישראל גרינפעלד איז אַ למדן מופלג, דער שאַרפסטער מוח אין שטעטל. ער איז באַליבט ביי אַלע ישיבה־בחורים, אויך ביי די אַרבע־טער סאָציאַליסטן, וואָס האָבן מיט דער ישיבה קיין שייכות נישט. ער איז דער ליבלינג אין שטאָט. אַז ער רעדט אין בית מדרש, אין שול, שטייען די מענטשן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. זיינע קעגנער וואַגן אים נישט צו שטערן. ווער וועט דאָס האָבן די חוצפה אין שטעטל זיך גיין פאַרמעסטן מיט ישראל גרינפעלד?

ער איז אַ מענטש מיט אַספּיראַציעס און אויך אַ בר־מזל. גע־בוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן בעלי־מלאכות, אָבער אין אַ זיידן העמדל. שוין אין ישיבה, פון וועלכער ער איז צוליב ציוניזם געוואָרן באַזייטיקט, איז געוואָרן באַשטימט זיין גורל צו זיין המנהיג פון „מזרחי״

איבער די וועגן: ווארשע, לאנדאן, ניו־יארק, ירושלים, ביז צום ווערן וויצע־פארזיצער פון דער כנסת.

דעם סאקאלאווער רבינס ישיבה האט געשמט אין גאנץ פוילן. הונדערטער בחורים פון די ארומיקע שטעט זענען געקומען לערנען תורה. א גאנץ מלכות האט זיך דארטן געפירט, ועדות און אינסטיטוציעס פון הילף־פאנדן פאר עזרת־ישראל און לחם עניים, צו העלפן די ארעמע ישיבה־ניקעס, וועמען עס האט צוגעפעלט א טאג אין רער וואך.

דער רבי ר׳ יצחק זעליג מארגנשטערן האט זיך געגרויסט מיט זיין ווערק, מיט זיין אכסניה של תורה. פיל שליחים זענען ארומגעפארן איבער דער מדינה, אויך אין אויסלאנד, צו זאמלען פאנדן פאר זיין ישיבה. ס׳איז איר אבער נישט באשערט געווען אריכת ימים. אינעם געראנגל, אין די געזעלשאפטלעכע קאנפליקטן צווישן די צוויי ריכטונגען אינעם רעליגיעזן יידנטום, צווישן מזרחי און אגודת ישראל, איז די ישיבה צעשטערט געווארן. די נאציאנאל ציוניסטישע אויפוואכנדיקע געפילן אינעם פוילישן יידנטום, אין די טעג פון דער באלפור דעקלאראציע, האבן נישט אויסגעמיטן די ישיבה. די גייסטיקע מנהיגים, בראש מיט ישראל גרינפעלד האבן איר געוואלט לענקען, ווענדן אויפן מזרחיסטישן נאציאנאלן דרך המלך.

מ׳האט אויפגעעפנט א ביסל די דושנע פענצטער, עס זאל אריין פרישע לופט, וואס האט זיך געטראגן פון אנקומענדיקן פרילינג.

מ׳האט פרובירט ל״ג בעומר ארויספירן די ישיבה בחורים אויפן פעלד, אינעם וואלד, וואס ליגט נעבן דער שטאט. מ׳האט אויסגעלערנט זינגען העברעישע לידער, מ׳האט געהאלטן ציוניסטישע דרשות.

דער זייגערמאכער שמואל גאזאווסקי, א הארציקער, טייערער יונגערמאן מיט געבוירענעם מוזיקאלישן חוש, האט געגרינדעט א כאר אין ישיבה. מ׳האט איינגעארדנט אוונטן. דער כאר האט געזונגען „מזמור שיר חנוכות״ און „נעריצך״.

דער רבי, דער מנהיג פון אגודת ישראל, האט נישט געוואלט דולדן אזא פירונג, אז זיין ישיבה זאל ווערן דער צענטער פון מזרחי.

ער האָט פּרובירט איינמאָל באַזייטיקן ישראל גרינפעלד מיט זיינע מזרחיסטן, ס׳איז אים אָבער נישט געלונגען. אַלע ישיבה בחורים האָבן דערקלערט אַ שטרייק און נישט געוואָלט לערנען. דער רבי איז געווען געצוווּנגען צו קאַפּיטולירן און צוריק דערלויבט ישראל גרינפעלדן לערנען מיט די בחורים אַ שיעור.

ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע וואַלן צום פּויל־ישן סיים און די בחורים פון ישיבה האָבן אַרומגעטראָגן אין שטאָט דעם ציוניסטישן נומער, דאַן האָט דער רבי משלח געווען פון ישיבה אַלע מזרחיסטן.

זיי האָבן געדונגען אַ לאָקאַל מיט אַ ביבליאָטעק לעבן דעם רבינס הויף וואָס האָט דאַן געדינט אַלס די ערשטע סטאַציע, אויף וועלכער די ישיבה בחורים האָבן אויסגעשטיגן און פון דאָרטן האָבן זיי געוואַנדערט ווייטער אין אַלע אַנדערע ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ישראל גרינפעלד האָט זיי אָנגעוויזן דעם נייעם דרך. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט און אַוועקגעשפּאַנט ווייטער, ווייטער... פון מזרחי־לאָקאַל ביז צום בוידעם שטיבל פון רבינס זון איז אַ פּאָר טריט. זיצן תמיד ישראל גרינפעלד און דער בעל מנגן, דער גרינדער פון כאָר שמואל גאַזאָווסקי, אינעם בוידעם שטיבל און מען דיסקוטירט מיט בנימינען, דעם רבינס יונגסטער זון, אַ פאַרברענטער אגודה׳ניק און קנאי. פלוצים ווערט דער ויכוח איבערגעריסן, פון דרויסן טראָגט זיך אַ געזאַנג. יידישע טענער, יידישע לידער הערן זיך פון גאַס. דאָס זינגט דער כאָר אויף דער לויה פון נעכע ווינאָגורע. שמואל גאַזאָווסקי שפּיצט אָן זיין מוזיקאַליש אויער צו כאַפּן די קלאַנגען וועלכע טראָגן זיך פון דער ווייטנס.

עפּעס זענען זיי דאָך אים באַקאַנט! די אַלע סאָפּראַנען, אַלטן, זענען דאָך זיינע, ער האָט דאָך זיי אַנטדעקט, אַנטוויקלט, זיי געצערטלט אין ליבשאפט, אָט דאָ נישט לאַנג, ווען דער רבי האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער יוכבד, ווען צענדליקער רביים און רבנים זענען געזעסן ביים טיש, האָט ער דאָך מיט זיין כאָר, ביים דרשה געשאַנק געזונגען די קאָצקער מאַרשן. אַלע זענען דאָך נתפעל געוואָרן, אַז מ׳האָט געזונגען

אונטער זיין קאָמאַנדע „מזמור שיר חנוכות" און „נעריצך". און איצט זינגען זיי אויף דער לויה, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן איינגעאָרדנט. זיי האָבן אויפן בוידעם־שטיבל אויפגערוקט די פאָרהענגלעך פון די פענצטער און זיך צוגעקוקט צום גרויסן צוג, וואָס האָט זיך געצויגן אויפן מאַרק. זיי האָבן זיך איינגעהערט צו די רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס דער כאָר האָט געזונגען.

— נו ישראל! דער טאַטע איז נישט גערעכט געווען? ער האָט פאָרויסגעזאָגט וווהין אייער דרך פירט! האָט זיך בנימין צו אים גע־וואָנדן, — אייער ביבליאָטעק, אייער לאָקאַל פירט צו זיי, צו די סאָציאַ־ליסטן. אייערע לידער וואָס איר האָט אַריינגעפירט אין דער ישיבה, האָבן דערפירט, אַז זיי זאָלן איצט זינגען ביי דער לויה!

ישראל גרינפעלד איז געשטאַנען פאַרזונקען אין שוויגן. זיינע קלוגע צעפלאַמטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט צום דרויסן.

איבערגעריסן דעם רבי׳נס דרשה

ס׳איז שבת אין שטעטל. די געשלאָסענע קראָמען אויפֿן מאַרק דרעמלען אין ווייסן שיין, גלאַטיק, נישט באַטראָטן פֿון מענטשלעכע פּיס, ליגט דער שניי ביי די פֿאַרמאַכטע געוועלבער. יידן גייען פֿון שול־בית מדרש אַהיים.

וויכטשע, אַ הויכע דאַרע גויע, וואָס הייצט שבת ביי יידן די אויוונס, איילט זיך איבער די גאַסן מיט אירע צעריסענע מענער־שטיוול, גריזשעט מיט וועלפּישן אַפּעטיט אַ שטיק ווייסע חלה, לויפֿנדיק צו פֿאַרמאַכט די שיבערס אין די יידישע אויוונס, דאָרטן ווו זי האָט גע־הייצט. אַיין איינציקער פּויער איז געקומען אויפֿן מאַרק מיט אַ שליטן, אויף וועלכן עס מעקעט אַ געבונדן קאַלב.

ס׳איז דעם פּויער געשטאָרבן דער טאַטע אין דאָרף, האָט ער געבראַכט אַ קאַלב צו פֿאַרקויפֿן, כדי פֿאַר דעם געלט איינצוהאַנדלען אַ הילצערנע טרומנע פֿאַרן געשטאָרבענעם טאַטן. מוז אָבער דער פּויער וואַרטן ביז עס וועט צופֿאַלן די נאַכט און די יידן וועלן מאַכן הבדלה, דאַן וועלן זיך די קצבים באַוויזן אויפֿן מאַרק.

אויפֿן שפּיץ פֿון מאָנומענט פֿון פּוילישן פּאָווסטאַניע קעמפּער בזשוסקע, וואָס שטייט אין מיטן מאַרק האָט זיך צעקראַקעט אַ קראָ — קראַ—קראַ. אויפֿן טראָטואַר הוידעט זיך אַ שיכור מיט אַ צעדאַמט פּנים אויף זיינע וואַקלדיקע פּיס, טרייבט אַראָפּ פֿון וועג די יידן וואָס קומען אים אַנטקעגן.

ביים רבין אויפֿן הויף איז היימלעך. קליינוואַרג וואַרפֿט זיך מיט פּוכיקן שניי. עס שטייען די באַשנייטע עפּל־ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך צעבליט אין ווייסן צוויט. ווי ברילאַנטן שעמירן די שניי פֿליטערלעך, וואָס פֿאַלן פֿון די הויכע צווייגן.

פון די גרויסע טרעפּ, וואָס פירן צום רבינס וווינונג, שלייכן זיך אַראָפּ חן־פולע שלאַנקע טעכטער, אָנגעטאָן אין סאַמעט און זייד, באַטראַכטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און צעפלאַמטע באַקן די ישיבה־בחורים, וועלכע וואַרפן זינדיקע בליקן צו די שטיגן אויף וועלכע עס פּלאָטערן די שבת׳דיקע קליידער און וויען מיט מתיקות׳דיקן ווייבלעכן אַראָמאַט.

*

ביים רבין אין בית מדרש שפּאַנט דער עולם הין און צוריק נערוועז. ס׳איז שוין דער זייגער עלף און מען האָט זיך נאָך נישט געשטעלט דאַוונען. באַדוואָס איז דער רבי נאָך נישט אַראָפּגעקומען פון אויבן אין בית מדרש? נאָר יחידים ווייסן, אַז אויבן ביי אים אין שטוב קומט פאָר אַן אסיפה פון די אגודה׳ישע טוער. וואַרט מען אומגעדולדיק, אַז די אסיפה זאָל זיך ענדיקן און דער רבי זאָל זיך באַווייזן, כדי זיך שטעלן צום שבת׳דיקן דאַוונען.

משה, דעם רבינס זון, וואָס איז געכאַפּט אין סימפּאַטיע צום ציוניזם, פאַר וועמען די אגודה׳ישע טוער אין הויף היטן זיך, רופן אים נישט אויף זייערע אסיפות, גייט זיך לאַנגזאַם מיט זיין שווערן אַטלעטישן גוף, דרייט מיט רחבות׳דיקער גאוה זיין ניי סויבל־שטריימל. ער ווייסט פאַר וואָס זיין טאַטע דער רבי ר׳ יצחק זעליג, האַלט אויף דאָס דאַוונען. אויבן ביים רבין אין שטוב געפינען זיך אַלע אגודה׳ישע דאַזאַרעס. ער זיצט אויבן־אָן, האַלט זיין ברייט פליישיקע האַנט אויף אַן אָפּענער גמרא. זיינע פייערדיקע אויגן גליען מיט נערוועזן צאָרן. ער הייבט כסדר זיין שווערן גוף פון בענקל און זעצט זיך צוריק, ווי ס׳וואָלט אים ווער געשטאָכן, נישט געלאָזט אים זיצן.

משה לוסטיקמאַן, אַ הויכער שמאָלער ייד, מיט אַ זויער ברוגז פּנים, וואָס האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געשמייכלט, הייבט אָן די אסיפה:

רבותי! באו מים עד נפש! אַזוי קען דאָס ווייטער נישט גיין, הפקר איז געוואָרן אונדזער לעבן! ס׳איז נישטאָ קיין קהילה, מ׳טוט

וואָס מען וויל, מען מאַכט אַליין לויות, מ׳גראָבט אויס קברים אויפֿן בית עולם אָן דעם וויסן פֿון ראש הקהל! די סאָציאַליסטן האָבן היינ־טיקע וואָך איינגעאָרדנט אַ לויה — אַ פּאַגזשעב, וואָס איז ביי יידן אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן! די ישיבה צעפֿאַלט זיך, אַלע בעסטע בחורים זענען אַוועק אין די פֿאַריינען צו די ציוניסטן. אַזאַ נבלה וואָס איז געשען ביי אונדז אין שטאָט, איז נאָך ביי יידן אַזעלכעס נישט געווען: מ׳האָט גענומען און מ׳האָט אויסגעגראָבן אַ קבר, וואָס איז געווען פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ תלמיד חכם, און מקבר געווען אַ דינסט מויד!

עס נעמט דאָס וואָרט הערשל קייט, אַ נידעריק יידל מיט אַ שוואַרץ בערדל און צוויי קלוגע ליכטיקע אויגן. ער איז דער טעאָרע־טיקער און געלערנטער פֿון אגודת ישראל אין שטאָט.

— זאָל דער רבי זיך ווענדן צו אַלע באַלעבאַטישע יידן. מילא, מיט די אַרבעטער, מיט די סאָציאַליסטן קענען מיר גאָרנישט מאַכן. זאָל דער רבי אין בית מדרש, צווישן מנחה־מעריב זיך ווענדן און אויפֿפֿאָדערן, אַז עלטערן זאָלן נישט לאָזן זייערע קינדער גיין אין ציוניסטישן פֿאַריין.

דער רבי האָט זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן און זיך געווענדט צום עולם:

— וואָס מיינט איר, יידן, זיי וועלן מיך הערן? זיי די ציוניסטן מיט זייער מאַכער, דעם שניט סוחר יאַנקעלע שיקאָלסקי, זענען מיך דאָך מבזה אלע טאָג! ס׳איז אַ דור עקש ופתלתל, איך האָב נישט קיין כוח צו זיי. זיי פֿאַרצאַפּן מיר מיין בלוט. מיין ישיבה האָט געשמט בכל תפוצות ישראל און זיי האָבן געמאַכט פֿון איר אַ תל. אַ מגפה, רחמנא ליצלן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אונדז אין שטאָט נאָר ה׳ קען העלפֿן.

ביים לאַנגן טיש איז אויך געזעסן דער וואַלד און תבואה סוחר בוטשע רובינשטיין, אַ הויכער ייד מיט אַ געבויגענעם איינגעדאַרטן גוף. ער איז געזעסן פֿאַרזונקען אין מחשבות, אָנגעשפּאַרט זיין בלייך פּנים אין זיינע אויסגעצערטע ביינערדיקע שמאָלע הענט.

בוטשע רובינשטיין האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון זיין מויל. זיינע טיפע אויסגעלאָשענע צער־פולע אויגן האָבן שטאר גע־בליקט פון אונטער זיין אײדל געשניצטן שטערן צו די פאַרשנייטע פעלדער און וועלדער, וועלכע מען האָט געזען דורך די פענצטער פון רבינס שטוב.

— נו, וואָס זאָגסטו ברוך? — האָט זיך דער רבי צו אים געוואָנדן — מען זאָגט דאָך אין שטאָט, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס, דאָס אַנשיקעניש, וואָס רופט זיך ציוניסטן, קומט פון דיין שטוב. דיינע זין, טעכטער און אייניקלעך האָבן פאַרשפּרייט די מגפה צווישן די באַלעבאַטישע קינדער. דאָס געלט מיט וועלכן זיי האָבן געדונגען זייער פאַריין האָט מען דאָך געזאַמלט ביי דיר אין הויף, צווישן דיינע בני־־בית! נו, ברוך וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס זאָגסטו נישט עפּעס?

בוטשע האָט אויפגעהויבן זיין ווייס זילבערנעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן חלום, ווי ער וואָלט געקומען צו־פליען פון מרחקים. ער האָט אַרויפגעלייגט די פינגער אויף זיין שמאָל דינער ווייסער באָרד און געענטפערט:

— איך בין אַן אַלטער קראַנקער ייד. איך וועל נישט פירן קיין מחלוקת מיט מיינע קינדער ביי מיר אין הויף. שלום בית ביי יידן איז אַ גרויסע זאַך. דאָרטן ווו עס איז נישטאָ קיין שלום בית, איז השכינה מסתלקת. — ער האָט אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענע פּלייצע, אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין בלייכן שטערן, פאַרפלאָכטן דעם גראָבן זיידענעם גאַרטל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין נייער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, און מיט דראָבנע טריט פאַרלאָזט די אסיפה. זיינע נייע קאַלאָשן האָבן איבערגעלאָזט סימנים אויפן ווייסן שניי ביים רבין אין הויף.

ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז דער רבי זאָל האַלטן אַ דרשה נאָך מנחה אין בית מדרש.

אין שטעטל האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער רבי וועט אין בית מדרש האַלטן אַ דרשה קעגן די ציוניסטן און בונדיסטן. אַלע פאַריינען זענען געוואָרן ליידיק. יונג און אַלט,

פרומע און פרייע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בית מדרש. ווי פון אַ קאַכעדיקן קעסל האָט געשלאָגן די הייסע פּאַרע דורך די טירן און פענצ־טער אין ווינטערדיקן דרויסן אַרויס. איין שטיק צונויפגעפרעסטע, צו־נויפגעקוועטשטע מענטשן־מאַסע האָט אָנגעפילט דעם בית מדרש. דער רבי איז געקומען מיט דער באַגלייטונג פון זיין שטאַב באַשטריימלטע חסידים.

דער אַלטער שמש קרעשע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין האַנט אויפן שולחן און מיט אַ גרילצנדיקער שטימע געגעבן אַ געשריי: זאָל זיין שטיל! דער רבי וועט רעדן!

ר׳ יצחק זעליג האָט אַרויסגעשאַרצט זיין שטריימל איבער זיין טיפן שטערן, אַרונטערגעוואָרפן הינטער די אויערן זיינע צוויי שוואַרצע לאַנגע פאות, וועלכע האָבן זיך געהוידעט אויף זיין ברייט פליישיק פנים ווי צוויי שוואַרצע פאַסן. ער האָט אונטערגעהויבן זיינע ווייסע ברייטע מכנסים און מיט שטורעם, אָן סדר, אָן רעדנערישן סטיל, אָנ־געהויבן זיין דרשה.

ער איז צוגעגאַנגען באַלד צום עיקר, ווי זיין שטייגער, מיט אַ משל און אַ מאמר חז״ל:

— אַמאָל איז געווען אַ תנא, האָט ער געהאַט צוויי ווייבער. איינע איז געווען אַ יונגע און די צווייטע איז געווען אַן אַלטע. פלעגט אים די יונגע אויסרייסן די גרויע האָר פון זיין באָרד, איז ער געבליבן קרח מכאן. די אַלטע פלעגט אים אויסרייסן די שוואַרצע האָר פון זיין באָרד, איז ער געבליבן קרח מכאן ומכאן. צי פאַרשטייט איר דעם משל? צי פאַרשטייט איר וואָס איך מיין? דאָס זענען דאָך דברים עמוקים, מען דאַרף זיי דאָך פאַרשטיין!

— פריער זענען געקומען די סאָציאַליסטן, די שטרייקער, זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען די בעלי מלאכות און זיי אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. זיי האָבן ביי אונדז אַרויסגעריסן די גרויע האָר פון אונדזער באָרד. איצט זענען געקומען די ציוניסטן און האָבן אַרויס־גענומען פון מיין ישיבה אַלע בעסטע בחורים, וואָס זענען געזעסן יום ולילה און געלערנט. זיי האָבן אַרויסגעריסן די שוואַרצע האָר

פון אונדזער באָרד. ביי וועמען וועלן מיר בלייבן? מיר וועלן דאָך בלייבן קרח מכאן ומכאן!

— איך האָב נישט קיין עצה צו די סאָציאַליסטן. איך ווענד זיך צו אייך, פרומע יידן: איר זאָלט נישט לאָזן גיין אייערע קינדער אין די ציוניסטישע פאַריינען, צו דער עבודה זרה! זיי, די מחלל שבת׳ניקעס, ווילן דוחק זיין דעם קץ, זיי ווילן ברענגען די גאולה?

— „אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו".

פלוצים איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט ווי אַ דונער אויפגעטרייסלט דעם בית המדרש. דער צעיר, ציוניסט, הערשל ציבולע, האָט מיט נאָך אייניקע חברים אַראָפּגעריסן דעם האַנטעך, וואָס איז געהאַנגען אויפן וואַנט ביי דער טיר. חברה האָבן אַ שליידער געטאָן דעם האַנטעך אויפן באַלעמער צום רבין.

— געוואָרפן דעם רבין אַ האַנטעך! — האָבן זיך צעשריגן הונדערטער יידן.

משה מעכעלע דער שמש האָט פאַרבראָכן זיינע דאַרע הענט און שטיל געזיפצט: ווי איז מיר, וועמען האָבן זיי געוואָרפן? זיי האָבן דאָך געוואָרפן קאָצק! זיינע הייליקע אבות וועלן נישט שווייגן!

דער רבי, אַ צעמישטער, אַ דערשלאָגענער, האָט אַרומגענומען זיינע באַגלייטער און שטיל געמורמלט:

— יידן, פירט׳ס מיך אַהיים.

הונדערטער יידן האָבן אים באַגלייט אַהיים. אַ קאַראַוואַן פון קאָפּאָטעס, ספּאָדקעס און שטריימלעך האָט זיך געצויגן אויפן גרוי וויאָלעטן שניי, ביז צום רבינס הויף. דער רבי איז געגאַנגען אין מיטן ווי אַ געפאַנגענער קאָמאַנדיר נאָך אַ פאַרשפּילטער שלאַכט.

זיינע צעעפנטע פּאָלעס האָבן געפלאַטערט אינעם ווינט, ווי די פליגל ביי אַן אַרונטערגעשאָסענעם פויגל. אין דרויסן, אויפן בלויען ווינטערדיקן הימל האָבן זיך צעצונדן די שטערן.

מען פראוועט חסידות ביי איידזשע הענדל

שבת, נאָך הבדלה, קומען זיך צוזאַמען די סאָקאָלאָווער חסידים ביי ר׳ איידזשע הענדל אין שטוב.

אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, ווען ר׳ איידזשע איז געווען אין די פעדערן, זיך גערעכנט פאַר אַ שטיקל גביר אין שטאָט, האָט מען אַלע שבת־צונאַכטס געפּראַוועט מלוה מלכה. געגעסן, געטרונקען, געזונגען חסידישע ניגונים און דערציילט פּשיסכער, קאָצקער, מעשיות.

כמעט תמיד, זענען ביי אים דאָ צוגערייזטע חסידים פון וואַרשע, קעלץ און ביאַלע, וועלכע פּלעגן קומען צום רבין אויף שבת. אין די לעצטע יאָרן, פון נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, גייען נישט ר׳ איידזשעס געשעפטן כשורה. אָבער נישקשה, ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. זיין זון אַברהם הענדל, דער באַוווּסטער גביר אין וואַרשע, דער וואָס איז הויפּט־אָפּנעמער אין פּייפּערס לעדער פאַבריק, העלפט ד׳עם טאַטן. די טראַדיציע פון גיין צו ר׳ איידזשען שבת נאָך הבדלה, ציט זיך ביי די סאָקאָלאָווער חסידים ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, אָבער מען ריכט נישט אָפּ קיין מלוה מלכה, נאָר מען טרינקט ביי אים טיי, מען דערציילט זיך חסידישע מעשיות און שיחות חולין.

ר׳ איידזשע איז געווען אַ שיינער ייד מיט חסידיש נגידיש רחבות־דיקן פּאַרנעם. דאָס בלוט האָט געשפּריצט ביי אים פון פּנים, פּונקט ווי רויטער שוימענדיקער וויין. ער האָט געהאַט אַ שיטערע בלאָנד־גרויע באָרד. זיין קאַרק האָט זיך געקאַרבט אויפן ווייסן קאָלנער פון זיין העמד און געבלענדט מיט מאַראַנצאָווען קאָליר. זיינע מלבושים זענען ציכטיק ריין, קיין שטויבעלע, קיין פּגם׳עלע. ער האָט געטראָגן

רבנישע האַלבע געמזאָווע שיך מיט גומע, וואָס האָבן געסקריפּעט מיט נגידישער חשיבות. די הויזן אַריינגעבויגן אין די ווייסע זאָקן.

ער האָט גביריש געקרעכצט מיט קאָצקער גאווה. געווען אַ חסיד מיט אַלע רמ״ח אברים, אָבער מיט אַ ספּעציעלן קאָצקער נוסח. ער איז געווען אַ מעורב בין הבריות, אָבער תמיד איז געווען אַ מחיצה צווישן אים און אַנדערע חסידים. ער האָט עס געלאָזט פילן, מען דאַרף וויסן מיט וועמען מען רעדט! מען טאָר נישט צופיל זיך מתקרב זיין, ער איז ר׳ איידזשע הענדל!

ער איז געווען געכאַפּט אין לומדישן ציניזם, אין פּקחות׳דיקן חוזק. פלעגט מיט הלצה, אָפטמאָל מיט אַ גראָבן וויץ, וואָס נאָר ר׳ איידזשע קען זיך אויף דעם דערלויבן, חוזק מאַכן און מבטל מאַכן אַלץ און אַלעמען.

ער האָט געמאַכט כעפרא דארעה פון רבנים, לומדים און שטאָט גבירים. זיינע ווערטלעך זענען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט צווישן די פרומע און פרייע. די שטאָטישע אינטעליגענטנע יונגעלייט, די געזעלשאַפטלעכע עסקנים, האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט און הנאה צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס. נישט מיט יעדערן האָט ער געוואָלט רעדן.

ער האָט זיך נישט געמישט אין שטאָטישער פּאָליטיק און מחלוקת. נאָר מען האָט אים פיל מאָל גענוצט אויף דורכפירן אַ שווערע בוררות, אָדער פאַרענדיקן אַ שידוך צווישן צוויי חסידישע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן זיך געבלאָזן און נישט געוואָלט באַשטיין. אַז ר׳ איידזשע האָט זיך מטריח געווען און גענומען אין זיינע הענט דורכפירן אַן עסק, האָט מען געמוזט זיך צוהערן און טאָן וואָס ער הייסט. ער איז געווען אַ יוצא ונכנס ביים סאָקאָלאָווער רבין. ס׳איז נישט געווען קיין איין ענין אין הויף, ער זאָל נישט וויסן. ביי אַלע שידוכים, גט׳ן און סכסוכים אין הויף, האָט זיך דער רבי משיאל עצה געווען מיט אים.

ער האָט געהאַט צווישן סטראַגאַנעס אַ שניט־קראָם. אַז עס איז נישט געווען קיין פדיון און קיין קונה האָט מען נישט געזען פאַר די אויגן, פלעגן די שכנים, די שניט־קרעמער, אַריינכאַפּן זיך צו

ר׳ אײדזשען הערן זײנע שיחות חולין. ער האָט אָפט געשמועסט מיט דעם ציוניסטישן עסקן און שטאָט־פּאָליטיקער מענדעלע לאַשיצקי. דער וואָס איז פּאַר אײדזשעס תורה נישט געוואָרן נתפעל און אים געקענט דורך און דורך.

— אײ מענדל, אײך פרײַע איז גוט. מענטשן קענען זיך דער־לויבן צו טאָן וואָס זײער האַרץ גלוסט. אַז מען האָט נישט קײן מורא פאַרן רבונו של עולם, קען מען דאָך זינדיקן אויף וואָס די וועלט שטײט.

— איר האָט אַ טעות, ר׳ אײדזשע, ווען איר מײנט אַז היינ־טיקע יוגנט איז געוואָרן פרײַ צוליב זינד. איר מײנט, אַז די פרײַ־קײט איז נאָר צוליב דעם, כדי צו קענען טאָן עבירות? די אַלע פרײַע זענען תמיד פאַרנומען לטובת הציבור, אַז זײ האָבן נישט קײן צײַט צו זינדיקן.

אײדזשע פלעגט זיך ברײט צעלאַכן און קרעכצנדיק געצויגן זײנע ווערטער, ווי ער וואָלט געצײלט געלט:

איר זענט גרויסע טפשים! צו וואָס לוינט אײך דאָס גאַנצע געשעפט? צו וואָס לוינט צו זײַן אַ פרײַער, נישט האָבן די וועלט און נישט יענע וועלט?

די חסידים האָבן שטענדיק דערצײלט זײנע ווערטלעך. אײנ־מאָל, שבת נאָכן דאַווענען, מען גײט אַהײם פון רבינס בית מדרש, ר׳ אײדזשע איז נישט בקו הבריאות, גײט געלאָסן אַהײם, . אַ מרה־שחורה קוקט אַרויס פון זײנע בלויע, ברײטע, פײכטע אויגן.

— וואָס איז, ר׳ אײדזשע, איר זענט נישט מיט אַלעמען?

— אײ קינדערלעך, נישט גוט אַז מען קומט אויף דער עלטער, איך וואָלט הײנט באַדאַרפט האָבן אַ יונג װײב.

לאַכן דאָך די חסידים פון זײנע רײד.

— וואָס לאַכט איר? טפשים! איר פאַרשטײט דען אין וואָס עס גײט? אַמאָל, ווען איך בין געווען יונג, איך האָב אַלײן געקאָנט טאָן אַלץ, דאַן האָב איך געהאַט אַ יונג װײב. הײנט אַז איך בין אַלט, שוואַך, ווען איך קאָן גאָרנישט טאָן, האָב איך אַן אַלטע ײדענע. איך גײ איצט אַהײם. איך בין נישט מיט אַלעמען, איך וועל געבן אַ קרעכץ

װעט זי, מײַן סבתא, געבן צװײ קרעכצן. הײַנט װאָלט איך באַדאַרפֿט האָבן אַ יונג װײַב!

אױף שבת־צונאַכטס, נאָך דעם רבינס דרשה אין בית מדרש, נאָך הבדלה, זענען זיך די סאָקאָלאָװער חסידים צוזאַמענגעקומען אין הױז פֿון ר׳ אײַדזשע הענדל טרינקען טײ. אַלע רעדן װעגן סקאַנדאַל און הפקרות, װאָס איז פֿאַרגעקומען אין בית המדרש. ר׳ אײַדזשע זיצט אױבן־אָן, אױף אַ געבעטער קאַנאַפּע, אָנגעטאָן זײַן שבת׳דיקן זײַדענעם שלאָף־ראָק, צעהאַקט מיט אַ צװענגל דעם האַרטן צוקער פֿאַרן עולם.

ער איז גוט געשטימט, ער איז מבטל דעם גאַנצן ענין — די נאַרישע מחלוקת מיט די פֿאַרטײַען אין שטאָט. ער האָט זיך נישט באַטײליקט אין דער אַסיפֿה בײַם רבין אין שטוב. װען מען װאָלט אים געפֿרעגט, װאָלט ער געװען קעגן דעם רבינס דרשה.

ער זיצט צעשמײכלט, לאַכט מיט אַ פֿול מױל, מאַכט חוזק, װיצלט זיך מיט די חסידים, װעמענס קינדער גײען אין די פֿאַרײנען. ער װענדט זיך צו נפֿתּלי קערשענבױם, אַ ייד אַ באַשײדענער, שטילער, קען קײן הױך װאָרט נישט אַרױסזאָגן.

— נפֿתּלקע, דו הערסט? אױב דו װעסט לאָזן דײַן פּיװועלען גײן אין פֿאַרײן, װעל איך דיר נישט געבן קײן צוקער צום טײ. דו װעסט זיך מוזן מיטברענגען צוקער פֿון שטוב. דו װײסט װאָס דער רבי האָט געפֿאָדערט פֿון אונדז?

— „אין גוזרים גזירה על הציבור, שאינו יכול לעמוד בה״ — האָט נפֿתּלי געענטפֿערט, טרינקנדיק דעם קאָכעדיקן טײ.

— װאָס הײסט „הציבור אינו יכול לעמוד״? דו ביסט אַ טאַטע אָדער נישט.

— אײַדזשע, דו ביסט דאָך אױך אַ טאַטע, פֿאַרװאָס פֿאָלגט דיך נישט דײַן טאָכטער ליבע?

— מײַן ליבע איז נישט אין מײַן רשות, זי איז נישט בײַ מיר, איך גיב איר נישט צו עסן. אָבער דײַן פּיװועלע עסט דײַן ברױט — האָט אײַדזשע געזאָגט מיט אַ געמאַכט פּנים.

— ניין! — האָט נפתלי זיך צעשריגן נישט ווי זיין שטייגער — מיין פּיוול עסט נישט מיין ברויט! די מעשה איז פאַרקערט: איך עס זיין ברויט! ער איז דער סוחר, ער פאָרט קיין וואַרשע נאָך סחורה. דאָס געשעפט פירט ער, ער שפּייזט מיך!

פון טיש האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הויכער ייד מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד. ער האָט געטראָגן אַן אַלטע אויסגעריבענע פאַרלאַטעטע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט זי נאָך פון זיין חתונה. דאָס איז געווען דער באַוווסטער שטרענגער מלמד אין שטעטל, משה שואלקעס. ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און אויסגערופן בקול רם:

— איר הערט יידן? בלי נדר, וועל איך, משה, נישט לאָזן מער אַז מיין טאָכטער נחמה, זאָל גיין צו די ציוניסטן אין פאַריין, צו דער עבודה זרה. איר הערט יידן? נישט ביי משה׳ען! יהרג ובל יעבור!

אַלע חסידים האָבן זיך צעלאַכט, וואָס משה שואלקעס נעמט די רייד ערנסט. דער אַלטער חסיד, מענדל הערצקעס, וואָס איז אַמאָל געפאָרן צום רבין חיים ישראל פּילעווער, האָט מיט זיין הייזעריקן האַלדז זיך צעזונגען: „פון וואַנען קומט אַ ייד״. אַלע האָבן געענפערט: פון פּילעוו. וואָס טוט מען אין פּילעוו? — מ׳טרינקט בראָנפן און מ׳הולעט און מ׳טאַנצט אַ קאַראַהאָד...

משה שואלקעס באהאלט שבת זיין טאַכטערס שיך

אויף קאַזע גאַס, אין שכנות מיט די שניידערס לאַטוטניקעס יאָסל געניטקע און קלמן בער, אין אַ חולה נופלדיקער חורבה, מיט מער־ברת׳דיקע אַרויסגעשטאַרצטע פּרוכנעוואַטע ווענט, האָט משה שואלקעס געפירט זיין מלמדות.

אין אַ שטיבל, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיין זיידן, און אַרום וועלכן אַלע יורשים האָבן זיך זייער גאַנץ לעבן געקריגט. ער איז געווען אַ ייד, אַ כעסן, געשלאָגן מכות רצח זיינע תלמידים, האָט אָבער געקענט אויסלערנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י און אויך אַ בלאַט גמרא. ער איז געווען אַ בעל מטופל מיט אַ שטוב קינדער, אַלע דערוואַקסענע יינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך אַלע געפּלאָנטערט אין דעם איינציקן צימער צווישן די תלמידים.

ער איז געווען אַן אביון אין זיבן פּאָלעס. אין שטוב איז נישט אַריינגעקומען קיין אַנדערע שפּייז, נאָר ברויט און קאַרטאָפל. אַן גע־שמילץ האָט מען געקאָכט אַ גאַנצע וואָך. חוץ אויף שבת, פלעגט זיין ווייב, די געלע חנה, אַ נידעריקע אויסגעדאַרטע יידענע הויט און ביין מיט אַ געל פּנים, קויפן שעפּסענע פּיסעלעך און אַ מענוסע קישקע־לעך אַריינצולייגן אין טשאָלענט.

אַחוץ מלמדות פלעגט משה שואלקעס ציען זיין פּרנסה פון נאָך וואַזשנע יידישע מקורות. אויף סכות האָט ער געקויפט אַן אתרוג. האָבן זיינע זין דוד, שמואל און מענדל, אַרומגעטראָגן דעם אתרוג צום בענטשן איבערן שטעטל. פאַר דעם פאַרדינסט האָט מען תמיד געקויפט אַ פּאָר זעקלעך קאַרטאָפל אויף ווינטער.

אויף פּסח איז די געלע חנה געוואָרן אַ שותפטע צו אַ שוואַל־בע צו באַקן מצות. אַלע קינדער האָבן זיך געפּאָרעט ביי די מצות: דוד

— אַ שטופּלער, שמואל — אַ מעל שיטער, מענדל — אַ וואַסער גיסער. די מיידלעך, נחמה און מינטשע, האָבן געוואַלגערט. די געלע חנה איז געווען אַ שיבערין. פון די פּאַרדינסטן האָט מען געמאַכט אויף פּסח פּאָר איטלעכן אַ צייגן כאַלאַטל.

ער אַליין, משה, האָט אויך געכאַפּט אַ זייטיקן גראָשן. ער האָט געהאַנדלט מיט מצה שמורה. פון זיינע פּאַרדינסטן האָט ער זיך אונטערגענייט זיינע שטיוול.

זומער איז די געלע חנה מיט אַלע אירע קינדער געגאַנגען אין וואַלד אַנקלויבן שטיקלעך האָלץ, אָפּגעדאַרטע צווייגן. דאָס איז געווען צום ברענען אויף אַ גאַנץ יאָר. זיי האָבן אויך געבראַנגט שוואָמען. מ׳האָט זיי אַריינגעלייגט אין די גרויסע טעפּ שיטערע קאָר־טאָפל, וואָס מ׳האָט געקאָכט צוויי מאָל אין טאָג. משה שואלקעס האָט זיך אָוועקגעזעצט עסן ביי אַ גרויסער בלעכענער אויסגעשטשירבטער שיסל. ווי אַ פּרינץ פלעגט ער גלעטן מיט הנאה זיין שוואַרצע באָרד, סמאַקעווען און טענה׳ען צו זיין ווייב:

— דו ווייסט חנה, אַז די היינטיקע שוואָמען זענען טעם גן עדן, בעסער ווי פליישׁ.

אין זיין אָרעמקייט איז ער געווען אַ גרויסער בעל גאווה. גע־טראָגן דעם דלות מיט ווירדע, מיט שטאָלץ. האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, קיינמאָל נישט גענומען הילף ביי קהל. ער וועט זיך נישט דערנידעריקן ווי אַלע אַנדערע אביונים. ער האָט נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט זיינע שכנים, די בעלי מלאכות, קיינמאָל מיט זיי נישט גערעדט. סוכות האָט ער געוואַרט ביז אַלע שניידערס, שוס־טערס, האָבן אָפּגעבענטשט, דערנאָך איז ער אַריינגעגאַנגען אין סוכה מאַכן קידוש.

משה וועט זיצן מיט יאָסל געניטקעס און קלמן בער אין איין סוכה? נישט אויף שמחות און נישט אויף אבלות איז ער געקומען צו זיי. אַז עס האָט ווער חתונה געמאַכט אַ קינד, אָדער געמאַכט אַ ברית, איז משה נישט אַריינגעגאַנגען. אפילו אויף אַ לויה ביי אַ שכן, איז ער נישט געגאַנגען. אין דעם פינצטערן הויז איז זיין לייטער אַרויפ־

צוגיין אויפן בוידעם געשטאַנען צוגעבונדן מיט אַ קייט צום בעליק, אַז קיין שכן זאָל אים חלילה נישט קענען ניצן.

אַז מען האָט פאַרצויגן עלעקטרע אין שטעטל איז ער געקומען אַ צעפלאָמטער פון בית מדרש, אָנגעזאָגט זיין ווייב די פריילעכע בשורה:

— דו הערסט, חנה, ווי גרויס עס איז גאָטס וווּנדער אויף דער וועלט? שאַפּראַן דער מילנער האָט געברענגט אַ מאָטאָר וואָס וועט מאַכן ליכטיק אין אַלע שטיבער! מ׳וועט שוין נישט דאַרפן קיין נאַפט!

אַזוי! — האָט חנה אויסגעשפּיצט איר געל פּיעגעוואַטע קעפּל

— אָן נאַפט, וויאַזוי איז עס מעגלעך?

— חנה, ס׳איז נישט פאַר דיין שכל דאָס צו פאַרשטיין. דו וועסט דאָס נישט תופס זיין. שטעל דיר פאָר, איין גויטשיק וועט זיצן אין מיל, ביי ישעיהו שאַפּראַן, ער וועט געבן אַ דריי ביי אַ ראָד, וועט ווערן ליכטיק, ער וועט געבן נאָכאַמאָל אַ דריי, וועט ווערן פינצטער. איין גויטשיק אַליין וועט אָנפירן מיטן מאָטאָר. מיט השם יתברך׳ס הילף, אַזוי ווי מען וועט נאָר שטעלן די סלופּעס אויף אונדזער גאַס, מוז ביי משה׳ען דאָס ערשטע ברענען עלעקטרע.

אַזוי איז טאַקע געווען, ער האָט געהאַלטן וואָרט. ביים ערשטן, אין יאָסל געניטקעס הויז, וווּ עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס ליכט איז געווען ביים מלמד משה שואלקעס.

אין די ערשטע טעג איז ער געזעסן מיט זיין ווייב חנה אַנטקעגן לעמפּל און אָבסערווירט מיט געוואַלדיקער נייגעריקייט. ער האָט מיט־געלעבט, מיטגעפילט די יצירה פון מעשה בראשית, ווען דאָס לעמפּל צינדט זיך אָן. אַז די שכנים האָבן אין אַ צייט אַרום זיך אַריינגעצויגן אין זייערע שטיבער עלעקטרע, האָט מען געוואָלט ציען די דראָטן פון משה שואלקעס קאָרק, האָט ער נישט געלאָזט.

— בשום אופן! איך משה וועל מיט יאָסל געניטקע דעם שניידער נישט ציען קיין עלעקטרע פון איין קאָרק.

עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע אויפקלערונגען, קריגערייען מיט די שכנים, מ׳האָט געמוזט פאַרלייגן די דראָטן און זיי ציען פון אַ צווייטער שטוב.

משה שואלקעס דריי זין זענען געגאַנגען אין די דרכים פון טאַטן. זיי זענען נישט געוואָרן מיטגעריסן מיטן נייעם שטראָם, מיט די פרייע. זיי זענען פאַרבליבן לערנען אין ישיבה. קיינער פון זיי האָט נישט געדינט אין פוילישן מיליטער. דער טאַטע האָט זיי באַ־פרייט פון גוישע הענט. ער האָט זיי אויסגעדאַרט, זיי געמאַכט פעלערן, אַרויסגעריסן די ציין פון מויל, פאַרבויגן זיי די פינגער. זיי פלעגן זיך כּייניקן חדשים פאַרן פריזיוו.

דער טאַטע האָט שטרענג געהיטן זיי זאָלן חלילה נישט כאַפּן קיין דרימל. די געלע חנה האָט אָנגעצונדן ליכט, געריסן קברים אין טאָג ווען זיי זענען געשטאַנען צום פריזיוו. וואָס הייסט, זי וועט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן? מיטן אויבערשטנס הילף האָט מען זיי אַרויסגענומען פון גויאישע הענט.

משה שואלקעס האָט זיי אַלע חתונה געמאַכט אין די אַרומיקע שטעטלעך: דוד׳ן קיין שעדלעץ, שמואלן קיין װענגראָוו, מענדלען קיין דראָהאָטשין. זיי האָבן זיך געעפנט קרעמלעך, געוואָרן סוחרים. די געלע חנה פלעגט זאָגן:

— געלויבט ה״, וואָס מיינע קינדער זענען נישט קיין מלמדים, נאָר סוחרים.

נחמה, די עלטערע טאָכטער משה שואלקעס, איז געווען אַ שניי־דערקע, איז מיט אירע חברטעס געגאַנגע אין אָונט אין ציוניסטישן פאַריין, אין מויער ביי אהרן קארפלס. דער טאַטע, דער שטרענגער מלמד מיט די בנים האָבן נישט געקענט דולדן די חרפּה וואָס נחמה טוט זיי אָן, סטייטש, משה שואלקעס אַ טאָכטער זאָל גיין אין פאַריין?

— חנה מיר דאַרפן קריעה רייסן לעבעדיקערהייט נאָך אונדזער נחמה׳ען — האָט משה שואלקעס געשריגן ווילד.

— מ׳דאַרף איר פאַרסמ׳ען — האָט דוד דער עלטסטער זון געטענה׳ עט מיט אַ זינגענדיק קול ווי ביי דער גמרא, צו זיין מאַמען.

נחמה איז אָבער נישט געווען אַ ליאַדע ווער, עפּעס איינס פאַר אַ גראָשן. זי איז געווען אַ מיידל מיט אַ פּיסקל. זי האָט זיי אַלע גע־הערט ווי דעם קאָטער. זי האָט אויך געהאַט אַ פּאָר ידים, וואָס האָבן

געקענט שענקען פעטש. אַלע אין שטוב האָבן געציטערט מיט איר זיך שלאָגן. זי וואָלט אַלע זיי די ציין אויסגעהאַקט, ווען עס וואָלט ווער געוואַגט אויפהויבן אויף איר אַ האַנט.

משה שואלקעס קען נישט פועלן ביי זיך, ער זאָל פאַרשווייגן אַזאַ בושה, וואָס זיין טאָכטער טוט אים אָן. שבת באַגינען, ווען נחמה איז געשלאָפן, האָט ער איר צוגענומען די שיך, זיי באַהאַלטן, כדי זי זאָל נישט קענען נאָכן עסן גיין אין פאַריין.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. נחמה האָט אום שבת אויפ־געבראָכן דעם קאַסטן, אַרויסגענומען די שיך און איז געגאַנגען מיט די חברטעס צו די ציוניסטן.

נישט באַשערט געווען משה שואלקעס, אַז ביי אים אין שטוב זאָל זיין שלום בית, צו קענען אין זיין דלות לעבן בשלווה. פון אַלע קינדער האָט ער געהאַט נחת. נאָר די עלטסטע טאָכטער נחמה האָט פאַרביטערט זיין לעבן. —

אַ פלעק אין דער משפחה...

בוטשע רובינשטיין׳ס הויף

1

אין צענטער שטאָט, אַנטקעגן גרויסן מאַרק, אין אַ דריישטאָ־קיקער מויער, האָט געוווינט בוטשע רובינשטיין, בוטשע עסיקמאַכער, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל, מיט זיינע חתונה געהאַטע זין און טעכטער. דער הויף איז געווען אַ שם דבר אין פוילן. סוחרים פון דאַנציג, וואַרשע, לובלין און שעדלעץ האָבן געפירט גרויסע מסח־רים מיט די רובינשטיינס.

דאָס שטעטל האָט זיי גערופן „דער צאַרסקער הויף״. נישט חלי־לה לגנאי, נאָר צוליב דאָס רחבותדיקע לעבן, וואָס האָט זיך דאָרט געפירט. פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה האָט בוטשע רובינשטיין געהאַט אַ פאַבריק פון עסיק, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו־זאַמען מיט דער מויער, אין וועלכער זיין פאַרצווייגטע משפחה האָט גע־וווינט, פון זיין טאַטן בנימין רובינשטיין.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה ברייטערן אויס די בני בוטשעס זייערע געשעפטן. מען הויבט אָן האַנדלען מיט תבואה און וועלדער. עס געלונגט זיי מיט זייערע פעיקייטן צו אַנטוויקלען דעם מסחר און ווערן באַוווּסטע סוחרים אין געגנט. די פירמע רובינשטיין ווערט פּאָ־פולער אין אַלע הייף, מען קויפט וועלדער ביי די אַרומיקע פּריצים, מ׳שיקט הונדערטער וואַגאָנען דעמבעס קיין דאַנציג. עס ציען זיך בער־לינקעס מיט געהילץ איבערן בוג, פון רובינשטיינס וועלדער. איבער ריזיקע פלעצער שטייען אַרבעטער, שפּאַלטן, האַקן די דעמבענע שוועלן פאַר דאַנציגער סוחרים.

צענדליקער סאָקאָלאָווער יידן אַרבעטן ביי זיי אַלס טשעשלער,

היטער, בעלי עגלות און שרייבער. די קאַנטור, וואָס געפינט זיך אין פראָנט פון גאַס, רוישט ווי אַ בינשטאָק. דער טעלעפאָן קלינגט כסדר פון דאַנציג, וואַרשע און פון די פריצישע הייף.

אַ חוץ דעם פאַרצווייגטן מסחר מיט וועלדער, זענען זיי די איינקויפער פון אַלע סאָרטן תבואות. זיי שטעלן אויף נעבן דער באַן גרויסע מאַגאַזינען, מ׳ברענגט ספּעציעלע מאַשינען צום רייניקן און סאָרטירן די תבואה. עס שטייט אַ סטייניע מיט די בעסטע פערד, עס ציען זיך אַריין און אַרויס הונדערטער פאַרלאָדעוועטע וועגענער מיט תבואה פון די פריצישע הייף. ביי אַ גרויסן טייל יידן איז די פרנסה פאַרבונדן מיט די רובינשטיינס הויף.

סאָקאָלאָווער מערק האָבן אַ שם אין פּוילן. הונדערטער פריצישע הייף און שלאַכטנע רייכע דערפער געפינען זיך אין געגנט. דאָנער־שטיק, אין מאַרק־טאָג, פאָרן זיך אָן טויזנטער פּויערים מיט שווערע באַלאָדענע וועגענער תבואה. הונדערטער יידן לעבן פון דעם איינעם מאַרק־טאָג. מ׳דאַרף נישט האָבן קיין ספּעציעלן שפּייכלער אויף צו האַלטן די סחורה. מ׳קויפט אַ זעקל תבואה, מ׳טראָגט עס אַריין אין הויף צו די רובינשטיינס און מ׳גייט ווייטער קויפן. אַלץ דרייט זיך אין מאַרק־טאָג, אַרום „צאַרסקן הויף״. די טרעפּ רוען נישט. ווייבער, וואָס האַנדלען מיט עופות, קצבים מיט חלוקלעך פליש, פישערס מיט גרויסע קאַרפּן און העכט, ווייבער מיט עמערס מילך, ווייבער מיט גענדזן שמאַלץ אויף אויסלאָזן, מאַרקזיצערינס מיט כל מיני פירות: קאַרשן, מאַלינעס, טרוסקאַווקעס, צו מאַכן פאַרשידענע סאָקן און איינ־געמאַכטס. אין די קיכן שטייען גראָבע אויסגעפּאַשעטע דינסט־מיידן מיט אויסגעשמירטע פעטע ליפּן, גרייטן, קאָכן די געשמאַקע געקעכצן. דער זיסער רייצנדער אַראָמאַט פון די געבראָטעטע פליישן טראָגט זיך איבערן הויף.

די בני בוטשעס האָבן אָפּענע הענט צו געבן נדבות. אויב מען דאַרף אויפשטעלן אַ ייד אַ יורד, חתונה מאַכן אַן אָרעמע כלה, איז ווער געוואָרן קראַנק און מ׳מוז אים נעמען קיין וואַרשע אין אַ שפּי־טאָל אַריין, אָדער ס׳איז וועלכן בעל עגלה געפאַלן זיין פערד און

מ׳מוז אים קויפן אַ צווייטס — גייט מען דאָס ערשטע צו די בני רובינשטיין.

אַלע אָרעמעלייט פון געגנט און פון שטאָט זענען אָפטע געסט. איז ווער קראַנק צווישן די אָרעמעלייט, לויפט מען אַהין נאָך אַ ביסל יויך. קילט זיך ווער צו, ער דאַרף אַ ביסל מאַלענע־סאָק, אויף שוויצן, גייט מען אין הויף.

אויך אין די אַלע קאַמפּיינען פון קרן קיימת און קרן היסוד, פאַרנעמט דער הויף דאָס ערשטע אָרט. אַז מען מאַכט אַ בלימל אויף אַ געזעלשאַפטלעכן צוועק, וויל יעדעס פּאָרל מען זאָל אים צוטיילן די הויפּט גאַס, דאָרט ווו עס געפינט זיך דער „צאַרסקער הויף״.

אויבן אויפן צווייטן שטאָק זיצט ר׳ בוטשע רובינשטיין אויף אַ ווייכן געבעטן שטול ווי אַ קעניג, זיין הדרת פנים בלענדט מיט אַריס־טאָקראַטישער זקנה — די קדושה פון דורות. ער צאָלט אויס מיט די בלוי־אָדערדיקע פינגער דאָס געלט פאַר דער תבואה, וואָס די אויפ־קויפערס האָבן פאַרקויפט. בוטשע רובינשטיין איז אַ גערער חסיד. דאַוונט אין גערער שטיבל. אין די יונגע יאָרן איז ער געפאָרן קיין גער צום שפת אמת. ער האָט פיינט מחלוקת, מישט זיך נישט אין קהלישע סכסוכים. ער איז אויך אַ יודע ספר. אַלע שטאָט לומדים קומען צו אים אין שטוב צו לערנען אין די פרייע שעה׳ען אַ בלאַט גמרא. ער האַלט אויס בסתר אייניקע חסידים. דאָס שטעטל ווייסט וועגן דעם.

דער שטאָט-למדן משה אהרן מלמד איז תמיד ביי אים אין שטוב. אַז ער האָט געזען, אַז משה אהרן גייט ווינטער אָן אַ וואַרעם מלבוש, האָט ער אַליין באַשטעלט ביי אַ שניידער אַ פוטער פאַר אים. אויך דער תלמיד חכם מענדל דעם רב׳ס, דער זון פון אידל פלאַצקער, דער געוועזענער רב אין שטעטל, איז געוועזן ביי אים אַ בן בית. אַלע האָבן געוווּסט, אַז בוטשע עסיק־מאַכער האַלט אויס מענדל דעם רב׳ס.

נאָך בוטשעס פטירה האָבן די קינדער אַליין געפירט די געשעפטן. דער הויף איז געבליבן דער זעלבער. מ׳האָט נישט פאַר־שעמט דעם אָנדענק פון זייער טאַטן. אויך זיין שטוב מיט די דינסטן,

מיט די נדבות, מיט די אַלע שטאָט גבאיטעס און נויטבאַדערפטיקע, האָט זיין פרוי פייגע, די באָבע פון הויף, ווייטער געפירט. די קינ־דער האָבן איר געצאָלט פון שותפות. זי האָט ווי אַ פירשטן ווייטער רעגירט מיטן „צאַרסקן הויף".

פייגע בוטשעס — די מאמע פון אלע דינסט־מיידלעך

2

פייגע בוטשעס איז געווען אַ הויכע ברייטע יידענע מיט אַ קיילעכדיק, ווי אַ טיפער טעלער, אויסגעפּראָפּט פּנים. אַ פליישיקער גוידער, ווי ביי אַן אויסגעשטאָפּטן אינדעק, האָט זיך געקנייטשט, גע־קאַרבט, אונטער איר חנעוודיקער גאָמבע.

זי האָט געהאַט אַ פּאָר אויפגעריסענע גרויסע בלויע וואַסער־דיקע אויגן. ווי אַ גאָלדענע פּאַווע האָט זי זיך געצאַצקעט מיט איר אויסגעפּוצטן זייד־סאַמעטענעם טשיפּיק, באַהאָנגען מיט זילבערנע קרעלן און קאָלירטע פּאַטשערקעס.

אַז זי האָט גערעדט, האָט זי געצויגן יעדעס וואָרט, ווי זי וואָלט עפּעס געבעטן. איר לשון, איר דיקציע, איז געווען ווייבלעך, האַרציק, ווי זי וואָלט געזאָגט צאינה ראינה.

איר בליק, איר געשטאַלט, פּונקט ווי זי וואָלט געווען ספּעציעל געבוירן, כדי זי זאָל קענען באַדויערן וועמען, כדי צו קענען האָבן מיטלייד מיט יענעם. איר רחמנות אויף מענטשן האָט איר גע־פּאַסט. ווען נישט די אַלע נויטבאַדערפטיקע, קראַנקע, אלמנות, וואָס זענען געקומען צו איר אויסגיסן זייער ביטער האַרץ, וואָלט זי נישט געפילט קיין טעם אין איר לעבן און עס וואָלט איר געווען לאַנגוויי־ליק אויף גאָטס וועלט.

צי איז זי אַמאָל געווען אין כעס? פאַרצאָרנט? — שווער צו וויסן. אונטער איר מאַמעשער השגחה האָט זיך געפירט דער הויף. אַלע קינדער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך האָבן געהאַט פאַר איר דרך ארץ. האָט מען עפּעס געקויפט, האָט מען עפּעס געמאַכט, איז מען געגאַנגען פרעגן די באָבעשי פייגע. די בני בוטשעס האָבן זיך געניייט די שענסטע קליידער. פון דאָרטן איז דאָס ערשטע געקומען די מאָדע. אַלע אין שטעטל האָבן זיך פאַרקוקט אויף די קליידער, וואָס מ׳טראָגט אין הויף.

פייגע האָט געמוזט באַטראַכטן, באַקוקן, זאָגן מבינות אויף די שטאָפן, אויף די פוטערנע קאָראַקולענע מאַנטלען, וואָס דער „צאַר־סקער הויף״ פלעגט איינהאַנדלען אין שעדלעץ און אין וואַרשע.

זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע קאַסע, באַזונדערע פאָנדן גמילות חסדים און נדבות. ווער אין שטעטל איז געוואָרן פאַרענגט, זיך גע־נויטיקט אין אַ גמילות חסדל, פלעגט ער גיין צו פייגע בוטשעס. אין הויף האָבן אין משך פון צווישןביידע וועלט מלחמות געדינט אַ פאָר טוץ דינסט־מיידלעך פון מלך אביונס גיטער, פון דער יידי־שער אָרעמקייט, וואָס האָט געוווינט נעבן דער באָד, אין יאַנקל דוד גיטקעס אַלטע צעבראָכענע הייזער.

פייגע האָט געהאָלפן די אַלע דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן גע־דינט אין הויף, חתונה מאכן מיט בעלי מלאכות, בעלי עגלות און טרעגער. אַלע דינסטן זענען געקומען צו איר, ווי צו אַ געטרייער מאַמען זיך אָפּריידן פון האַרץ, איר דערציילן וויאַזוי זייערע מענער באַהאַנדלען זיי. אויך אז זיי האָבן זיך גענויטיקט אין שטיצע, אַז עס איז ביי זיי קראַנק געוואָרן אַ קינד. דאָס איינציקע אָרט פאַר זיי, ווער עס זאָל פאַרשטיין, ווער עס זאָל זיי מיטפילן, ווער עס זאָל זיי העלפן — איז געווען פייגע בוטשעס.

איר קיך איז תמיד געווען פול מיט שטאָט גבאיטעס און סתם ווייבער, וואָס זענען געקומען בעטן אַ ביסל יויך פאַר אַ קראַנק קינד. די אלמנה שיינע בלומע, די באַוווסטע גראָבע יידענע אין שטאָט, איז שטענדיק ביי איר צוגאַסט. וואָס זאָל זי טאָן? גיין איר אַרויסוואַרפן?

זי האָט רחמנות אויף איר. זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ נגידעסטע. הלואי מען זאָל נישט געפּרובירט ווערן, וואָס קען נעבעך וויסן דער זינדיקער מענטש, וואָס זיין מאָרגן וועט אים ברענגען? פאַרזאָרגט איר שטענדיק שיינע בלומע מיט אויסגעלאָזטן געגנדזן־שמאַלץ, באַקט איר די לעקעכער און דערכאַפּט זיך איר האַרץ ביי איר אין קיך.

אויך חיה׳לע די שדכנטע, אַ יידענע וואָס גייט אַרום אין די רייכע הייזער צונויפנעמען געלט, מאכלים, פּאָר אָרעמע נויטבאַדערפּ־טיקע יידן און נעמט צו דאָס געלט פאַר זיך, עסט אַליין אויף דאָס עסנוואַרג, וואָס מען גיט איר, קומט אַלע טאָג מיט אַ טעפּל אין קיך נאָך אַ שטיקל עוף פליש און אַ ביסל יויך פאַר אַ קראַנקער פרוי... אָפּטמאָל שרייט די דינסט:

— באַלעבאָסטע, איר זאָלט איר נישט געבן קיין פליש מיט קיין יויך. זי גיט דאָס נישט קיינעם, זי עסט דאָס אַליין אויף. אַלע מענטשן אין שטאָט וויסן וועגן דעם.

— גיי שוין, גיי שוין, אַ דאגה. זאָל זי עסן געזונטערהייט, איך וועל נישט ווערן אָרעמער — רעדט פייגע צו דער דינסט און הוידעט איר קאַרבירטן גוידער.

אַז ביים טרעגער ישראל בריסקער ליגט דאָס ווייב קראַנק, נעמט ער אַ טעפּל און קלעטערט אַוועק אויף זיינע באַשטיוולטע קלעצערנע פיס אין הויף, רוקט אַריין זיין טעמפּן בהמהשן קאָפּ צו פייגע בוטשעס אין קיך, גלאָצט אויס זיינע רחמנותדיקע, קעלבערנע אויגן, בעט די דינסט זי זאָל אים געבן אַ ביסל יויך פאַר זיין קראַנק ווייב. פייגע נעמט ביי אים זיין טעפּל, גיסט אָן יויך, שטופּט אַריין א געגנדזענעם פליגל מיט אַ פּופּיק.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, פייגעשי — דאַנקט איר ישראל בריסקער דער טרעגער מיט אומבאַהאָלפענער הכנעה, — פייגעשי, אַז מיין ווייב וועט ליגן אין קימפּעט, וועל איך ווידער קומען צו אייך נאָך אַ ביסל יויך.

— גיי שוין בהמה זאָל דיר גאָט העלפן, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

— דאָס איז אוממעגלעך — ענטפערט ישראל בריסקער און רוקט זיך אַרויס מיט זיינע שווערע טריט פון קיך.

פון וואַנען האָט זיך גענומען, אַז אַלע אָרעמעלייט זאָלן קומען נאָר צו פייגע בוטשעס? עס זענען דאָך געווען אין שטאָט נאָך פיל גבירים. צי איז אהרן קאַרפלס געווען אַ קליינער גביר? צי איז דער געוועזענער וואַלד־סוחר איידער ער איז געוואָרן אָפּגעברענט, פנחס פוטערמאַן, געווען אַ קנאַפּער גביר? איצט די אַלע נייע אויפגעקומענע מלחמה נגידים?

צי זענען די אַלע מידות טובות ביי פייגע בוטשעס איבערגע־נומען געוואָרן נאָר פון איר מאַן בוטשע עסיק־מאַכער, אָדער זי האָט זיי מיטגעבראַכט נאָך פון אירע מיידלשע יאָרן, פון איר פאָטערס שטוב פון דעם פאטערקאזער פּאַכטער ר׳ אידל בער?

וועגן דעם איז כדאי צו דערציילן באריכות.

דאס הויז פון אידל פאטערקאזער

3

שוואַרץ פעט, זענען די פעלדער פון פּאַטערקאַז. דער הויף איז איינגעהילט אין טיפע וועלדער און סעדער, טויזנטער שעפסן, רינדער, פּאַשען זיך אויף די גרינע לאָנקעס. באַגינען, איידער די זוניקע שטרייפן רייסן דורך און צעטרייבן די נאַכטיקע גרויע נעפּלען, וואָס הענגען איבער די ציגלנע פויערישע הייזקעס, שלענגלט זיך שוין דער רויך פון די רויטע דעכער. עס לעשן זיך אין די שטיבלעך די קאָבטשענדיקע נאַפט־לאָמפּן, בעת מען גרייט זיך צו דער אַרבעט.

צווישן די הויכע יאָדלע־ביימער, אויפן וועג וואָס פירט צום הויף שפּאַנען יידישע וואַנדערער: דאָרפסגייער, שמאַטניקעס, סאַדאָווניקעס. עס שלעפּן זיך אין טיפן זאַמד וועגענער מיט יידישע סוחרים, קצבים,

פון שעדלעץ, קאַלושין, סאָקאָלאָוו, וואָס קויפן רינדער, שעפּסן תבואה און וואָל ביים פּאַטערקאַזער פּריץ.

ר׳ אידל בערס גרויס הילצערן הויז מיט אַ ווערענדע ביים אַריינגאַנג איז איינגעטונקען אין שאָטן פון די עפּלבוימער, וואָס וואַקסן ביי אים אין סאָד. דער ריח פון פריש שוואַרץ ברויט, סמעטענע, שווייצער קעז, טראָגט זיך פון אַלע חדרים.

יידן, וואָס קומען נעכטיקן, שטייען איינגעהילט אין טליתים דאַווי־נען שנעל. אַ טייל טרינקען אָקעוויט און פאַרבייסן מיט ווייסן קעז.

ר׳ אידל האַלט די פּאַכט אין הויף. די גאַנצע תבואה און די וואָל פון די שעפּסן, קויפט ער אָפּ ביים פּריץ. סוחרים פון וואַרשע, לאָדזש, זענען תמיד דאָ ביי אים אין הויז. שווערע וועגענער מיט שעפּסן־וואָל ציען זיך אויף די וועגן פון פּאַטערקאַזער הויף. פון זון אויפגאַנג טומלט זיך, רעשט זיך ווי אויף אַ יריד ביי אים אין שטוב.

פיל דאָרפסגייער קומען צו אים נעכטיקן. מ׳שפּרייט אויס שטרוי אינעם גרויסן צימער און מ׳שלאָפט אויפן פּאָל. מאַטל, אידלס ווייב, מיט אירע מיידלעך פּייגע און עטל, פאַרען זיך, העלפן מאַכן אָרדע־נונג אין שטוב, טיילן די אָרעמע וואַנדערער ברויט, מילך און קעז. ביי די טישן זיצן סוחרים, קצבים, מאַכן חשבונות מיט ווייסן קרייט, עסן דאַר שעפּסן פלייש און פאַרטרינקען מיט אָקעוויט.

פּויערים מיט שפּיציקע פאַרדרייטע וואָנסעס, פאַרוויקלען מאַכאָר־קעס, לאַכן מיט אָפענע מיילער, פון וועלכע עס קוקן אַרויס פאַרפוילטע יאַסלעס.

אַלע געסט, פּויערים און בעלי עגלות, שעצן פּייגען. זי האָט אויף אַלעמען אַן אויג. עס טרעפט אָפטמאָל שפּעט ביינאַכט, קלאַפּן אַן סוח־רים. גייט זי שנעל אַראָפּ פון איר געלעגער, עפנט די טיר, גיט אויך אַוועק איר בעט צו שלאָפן און קריכט אַריין צו דער מאַמען אין בעט. איז טאַקע אידל פּאַטערקאַזערס הויז באַרימט אין געגנט. דערציילן די דאָרפס־גייער, בעלי עגלות און שמאַטניקעס אין אַלע דערפער ווו עס וווינען יידן, וואָס פאַראַ טייערע מענטשן עס זענען אידל פּאַטערקאַזערס משפּחה.

ווען עס קומט שבת, ווערט רויק אין הויז. אַלע געסט פאָרן

אַהיים אין די אַרומיקע שטעטלעך צו זייערע ווייבער און קינדער. פּייגען ווערט אומעטיק, לאַנגווייליק. זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. זי בענקט עס זאָל שוין ווערן זונטיק און זייער שטוב זאָל ווידער פול ווערן מיט יידן. צווישן מענטשן פילט זי זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. אין רויש פון דער וואָך, ווען זי טיילט פאַר די אָרעמעלייט ברויט און מילך, פילט זי זיך ווי אַ פויגל אין וואַלד.

שבת ציען זיך אירע שעה׳ען צעגענעצט, לאַנגווייליק, ווי שוואַרצע פּאַטשערקעס אויף אַ שנור, מאָנאָטאָן אָן ענדערונג. זונטיק באַגינען, ווען די איבערגעבליבענע נאַכטיקע וואָלקנדלעך הענגען נאָך איבערן דאָרף, שטייט זי שוין ביים פענצטער און קוקט מיט זשעדנע בענקנדיקע בלויע אויגן צום טראַקט, פון וואַנען עס קומען אָן די סוחרים און די וואַנדערער. אויך ווינטער שטייט זי ביי די באַבלימטע פראָסטיקע שויבן. די הייסע פּאַרע פון איר מויל צעטרייבט דעם פראָסט, מאַכט אַן אָרט, זי זאָל קענען זען די אָנקומענדע טריט פון די דאָרפס־גייער, וואָס שלייכן זיך אויף די פאַרשנייטע פעלדער.

פּייגע האָט געליַיענט אין די גרויסע ווינטער נעכט מעשה ביכלעך, וואָס די מוכר ספרימניקעס האָבן אַרומגעפירט צווישן די דאָרפס יידן צו פאַרקויפן. נישט איין אָוונט האָט זי באַנעצט מיט הייסע טרערן די בלעטלעך פון די דינע ביכלעך און יאָמערלעך געקלאָגט אויף די העלדן פון די מעשה ביכלעך, אויף די אומגליקלעכע און יתומים, וואָס די מחברים האָבן געשילדערט אין זייערע מעשיות.

ר׳ אידל בער האָט אויך געהאַלטן אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. ער האָט געלערנט מיט די יינגלעך און אויך מיט די מיידלעך. ער האָט געשמט פאַר אַ בעל צדקה. מען איז געקומען ספּעציעל פון סאָקאָלאָוו צו אים, נעמען אַ גרעסערע סומע, אויפצושטעלן אַ חסיד אַ ייד, אָדער חתונה מאַכן אַן אָרעמע כלה.

טרעפט אַ מעשה אין סאָקאָלאָוו: ביים בעל עגלה שיע יאָסל, דער גערער חסיד, אַ יונגערמאַן וואָס האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט, פאַלט אוועק זיין פערדל. די גערער חסידים נעמען צו שבת אין שטיבל

ביי די מתפללים די טליתים. מ׳מוז שיע יאָסלען תיכף אויפשטעלן אויף די פיס. מ׳מוז אים קויפן אַ צווייט פערד.

דער גערער חסיד, ר׳ בנימין עסיקמאַכער, נעמט אויף זיך די טרחה צונויפצוזאַמלען געלט אויף אַ פערד. ער מאַכט אַ רייזע קיין פּאַטערקאַז צו ר׳ אידל בער. ברייט ווערט אויפגענומען דער חשובער גאַסט אין הויז ביי אידל פּאַטערקאַזער. אַ זייטל שעפּסן דאַר פלייש מיט פלעשער אָקעוויט האָט מען געשטעלט צום טיש. פייגע האָט געשניטן מיט געשיקטקייט די שעפּסענע ריפּלעך און געטיילט אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים גרויסן לאַנגן טיש.

ר׳ אידל האָט אַרויסגענומען פון זיין לעדערנעם בייטל פינף קערבלעך אויף צו קויפן פאַר שיע יאָסלען אַ פערד.

פייגע האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאַסט בנימין רובינשטיין. אויפן וועג אַהיימפאָרנדיק האָט ער באַשלאָסן ביי זיך אין האַרץ צו שיקן אַ שדכן צו אידל פּאַטערקאַזער. ער זאָל אויסשדכנען פייגען פאַר זיין בחור בוטשע.

אין אייניקע טעג אַרום האָט בנימין עסיקמאַכער געשיקט אַ שדכן קיין פּאַטערקאַז, דעם יונגנמאַן משה אהרן מלמד. דער וואָס לערנט מיט בוטשען אַ שיעור, ער זאָל דורכפירן דעם שידוך. אידל פּאַטערקאַזער מיט זיין ווייב מאַטל האָבן אויפגענומען דעם אָנבאָט מיט געוואַלדיקער פרייד. אידל האָט אָנגעטאָן זיין זיידענע קאַפּאָטע מיטן שאָפן פוטער, שנעל געפאָרן קיין סאָקאָלאָוו און געשלאָסן דעם שידוך. מען האָט זיך נישט געדונגען אַרום נדן.

— ר׳ בנימין, איר וועט מיך נישט אָפּשרעקן, איך וועל זיך לאָזן שמייסן. איך וועל באַצאָלן וויפל איר וועט וועלן, אבי אייער בוטשע זאָל זיין מיין איידעם, מיין פייגעס מאַן — האָט אידל פּאַטערקאַזער צעקנעפּלענדיק זיין שאָפן פוטער מיט גדלות געמאָלדן זיין מחותן.

מ׳האָט געפּראַוועט אַ חתונה כיד המלך. זי איז פאָרגעקומען אין סאָקאָלאָוו. עס זענען אָנגעפאָרן הונדערטער יידן פון אַלע אַרומיקע הויפן. אידל פּאַטערקאַזער האָט געברענגט די באַוווסטע כלי זמרים פון מעזריטש, ר׳ יאָנטלס קאַפּעלע. שיע יאָסל דער בעל עגלה, דער גערער

חסיד, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קאָזאַק, געריטן נאַשפּיץ אויף זיין פערד, וואָס די חסידים האָבן אים געקויפט, ווען מ׳האָט געפירט חתן־כלה צו דער חופּה, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דער שול. אַכט טעג האָט מען געפּראַוועט שבע ברכות. דאָס אָרעם־מאַלצייט פאַר די בעטלער האָט מען איינגעאָרדנט אין הויז פון אידל פאַטערקאַזער. יעדער אָרעמאַן האָט באַקומען נאָכן מאָלצייט אַ זילבערנעם גילדן.

דער יונגערמאַן בוטשע האָט נאָך זיין חתונה געהאָלפן פירן דעם טאַטן דאָס עסיק־פאַבריקל. זיי האָבן געהאַט פּרנסה בשפע.

נאָך בנימינס טויט איז דאָס עסיק־פאַבריקל מיט דער גרויסער מויער, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער שטאָט, איבערגעגאַנגען בירושה צו בוטשען. ער האָט אויך גענומען האַנדלען מיט בראָנפן. מען האָט געברענגט פעסער ספּירט פון די אַרומיקע גאָזשעלנעס.

זיין ווייב פייגע האָט געבוירן געזונטע קרעפטיקע ייִנגלעך און מיידלעך. די גוטסקייט, די פאַרבענקטשאַפט, וואָס זי האָט איינגעזאַפּט פון איר פאָטערס הויז אין די דאָרפישע האַרבסטיקע נעכט, אין די סודות׳פולע רוישנדיקע וועלדער, וואָס ליגן אויפן וועג צו איר אַמאָלי־קער היים, צו אירע מיידלשע יאָרן, האָבן איבערגעלאָזט אייביקע סמנים אין איר געמיט.

אָפטמאָל בענקט זיך איר צו יענע נעכט, ווען פון די עפּל ביימער וואָס זענען געוואַקסן אין זייער סאָד, האָט זיך געטראָגן אַ זיסער ריח, וואָס האָט פאַרשיכורט, און צו דעם מורמל פון די הויכע יאָדלע ביימער ביי די אויפן הויף, וואָס האָבן געהיימפול גערוישט אינעם זילבערנעם לבנה שיין.

עס ציט זי צו די מעשיות און לעגענדעס פון גוטע יידן, וואָס די וואַנדערער האָבן דערציילט אין די לאַנגע פאַרשנייטע ווינטער נעכט. איר ציט צו מענטשן, צו די סוחרים, בעלי עגלות, טרעגער און בעטלער. וואָס קומען דערציילן מעשיות, ריידן זיך אַראָפּ זייער שווער געמיט, צו די אָרעמע עלנטע אלמנות, און יתומים, וועמען מ׳דאַרף העלפן.

בוטשע עסיקמאַכער האָט חתונה געמאַכט די קינדער. אַלע האָבן געוווינט צוזאַמען ביי אים אין מויער. זיין הויף ווערט פּאָפּולער. זיינע

געשעפטן גייען אַוועק אויף אַנדערע וועגן. די רובינשטיינס ווערן אַ
אַ באַוווּסטע פירמע אין פוילן.

פייגע בוטשעס האָט נאָך געלעבט ביז צום אויסברוך פון דער
צווייטער וועלט מלחמה. זי האָט נאָך געזען מיט אירע אויגן די עקאָ־
נאָמישע ירידה פון הויף, די פוילישע אַנטיסעמיטישע שטייערן פּאָליטיק,
וואָס האָט דערשטיקט, צעשטערט, דעם פעסטן פונדאַמענט, אויף וועלכן
עס האָט זיך געהאַלטן דער „צאַרסקער הויף" אין שטעטל.

אלה תולדות בוטשע רובינשטיין מיט זיין זוגתו מרת פייגע, דער
וואָס האָט אין יענעם שבת, ביי דער אסיפה ביים רבין אין שטוב דער־
קלערט, אַז ער וועט נישט פירן קיין מחלוקת מיט זיינע קינדער צוליב
ציוניזם און טאָלערירט די תרומות פאַר ארץ־ישראל, וואָס זענען אַרויס
פון זיין הויז.

דעם נאָמען רובינשטיין האָט דער בלוטיקער מבול נישט אָפּגע־
מעקט. פיל אייניקלעך, אור־אייניקלעך געפונען זיך אין מדינת ישראל.
זיי זענען דאָ אין די שטעט, אין די קבוצים, צווישן די באַאַמטע און אין
די פאַבריקן. לא נותקה השלשלת — נישט איבערגעריסן איז די קייט...

לייזער עלע לאזט נישט גיין זיין טאכטער אין פאריין

דעם רבינס שבת׳דיקע דרשה האָט ווינציק געהאָלפן. אַלע קינדער פון באַלעבאַטישע, חסידישע עלטערן זענען געוואָרן די אַקטיוויסטע טוער ביי די ציוניסטן. דעם רבינס ישיבה איז זיך צעפאַלן. כמעט אַלע שטאָטישע בחורים זענען אַוועק אין די פאַרטייען, געבליבן אין ישיבה זענען נאָר פרעמדע בחורים פון אַנדערע שטעט און די וועלכע האָבן געגעסן טעג.

אויך די אַלע יידן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער אסיפה ביים רבין אין שטוב, האָבן נישט געהאַט קיין השפעה אויף זייערע קינדער. עס האָט נישט געהאָלפן נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. ס׳איז נישט געווען דער כוח וואָס האָט געקאָנט צוימען די דערוואַכטע נאַציאָנאַל ציוניסטישע געפילן ביי די ישיבה בחורים און באַלעבאַטישע מיידלעך.

צווישן די איינציקע שטעטלדיקע קנאים, וואָס האָבן גענומען דעם רבינס רייד ערנסט, איז אויך געווען אַ ייד, וואָס האָט געהייסן לייזער עלע. ער איז געווען אַ פעסטער, אויסגעפּראַפּטער ייד מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, געהאַט אַ רויט בלוטיק פּנים. ר׳ לייזער עלע האָט פאַרמאָגט אַ קראָם אויפן מאַרק צווישן די סטראַגאַנעס פון גאַלאַנטעריע. ער פלעגט מיט זיין צעבראָכענעם פויליש, געמישט מיט יידיש, פאַרקויפן די דאָרפישע גויעס פּאָדעם, נאָדלען, זאָקן, שאַלן און קאָלירטע זיידענע סטענגעס.

ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן. נישט געקענט לערנען, אָבער געווען משוגע פרום. ער פלעגט באַגינען לויפן אין מקוה טובלען אין דעם קאַלטן וואַסער זיין שווערן פליישיקן גוף.

ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער. האָט אָבער זיין עלטסטע

מיידל רבקה׳לע, צוזאַמען מיט אירע חברות אָנגעהויבן לייענען יידישע און העברעישע ביכער. זי איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער י. ח. ברענער ביבליאָטעק און אָנגעהויבן קומען אין ציוניסטישן „מרכז״, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אינעם מויער ביים סוחר משה פערלשטיין.

לייזער עלע האָט נישט געדולדעט ווי אַנדערע טאַטעס, וואָס זיין רבקה׳לע קומט אַהיים שפעט שלאָפן און ברענגט מיט זיך אין שטוב אַריין ביכער צום לייענען. לייזער עלע צעררייסט יעדעס בוך, וואָס קומט אים אונטערן האַנט. ער פלעגט זיך אין די שפעטע שעה׳ען בייגאַכט צעשרייען ווי אַ געקוילעטער אָקס. ער האָט אויפגעוועקט די שכנים פון שלאָף. די מענטשן אין געסל האָבן שוין געוווּסט, אַז לייזער עלע שרייט שוין, געוואַלדעוועט שוין אויף זיין רבקה׳לען ווייל זי איז געווען אין ציוניסטישן פאַריין.

ס׳איז איר נישט געווען מקנא צו זיין, ווען ער האָט איר באַמערקט אין גאַס שפּאַצירן מיט אַ בחור. פאַר די האָר, פאַר די צעפּ, האָט ער זי אַהיים געשלעפּט.

שרה, לייזער עלעס ווייב, איז געווען דער קעגנזאַץ צו איר מאַן דעם כעסן. זי איז געווען אַ שטילע ווי אַ טויב, האָט געדריקט אין זיך דעם ווייטיק, די חרפה וואָס איר מאַן האָט איר פאַרשאַפט.

זי פלעגט אָפטמאָל וועלן אים צוימען, איינשטילן, באַרויקן ער זאָל נישט ליאַרמען, שרייען. עס האָט איר אָבער נישט געהאָלפן.

— לייזער עלע, וואָס שרייסטו? פאַרוואָס ווילסטו זיין אַן אויס־באָם? גיב, אדרבה, אַקוק: אַלע חסידישע, גבירישע קינדער רבקה׳לעס חברטעס, לייענען ביכער, גייען שפּאַצירן מיט בחורים, קומען אין פאַריין. מען הערט נישט, אַז זייערע עלטערן זאָלן זיי שטערן, פאַרבי־טערן זיי דאָס לעבן פונקט ווי דו. פאַרוואָס זאָלסטו זיין גאָטס קאָזאַק? צי ביסטו אַ גרעסערער למדן און אַ שענערער ייד, ווי עס איז בוטשע עסיקמאַכער? מען הערט נישט אין שטאָט, אַז ער זאָל זיך אַרומקריגן מיט זיינע קינדער און אייניקלעך. ווײ און ווינט איז צו מיין פינצטער מזל, פון ערשטן טאָג ווען איך האָב דיך דערקענט.

— ניין, ביי מיר נישט! איך וועל זי אַרויסטרייבן פון מיין

שטוב ווי אַ הונט, אויב זי וועט זיך חבר׳ן מיט די ציוניסטן. — פלעגט זיך לייזער עלע צעשרייען ווילד.

טעג און וואָכן פלעגט רבקה׳לע נישט קומען אַהיים. זי איז געשלאָפן ביי אירע חברות און אויך אָפטמאָל האָט זי גענומען דעם שליסל ביים סעקרעטאַר פון לאָקאַל און אויפן הארטן טיש זיך געלייגט שלאָפן. איר מאַמע, שרה, האָט אין די נעכט שטיל מיט צער באַגאָסן איר קישן מיט הייסע טרערן.

רבקה׳לע האָט אין שטעטל, צוזאַמען מיט נאָך חברים, געגרינדעט די חלוצישע אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ הכשרה־פּונקט, זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

*

פופצן קילאָמעטער פון סאָקאָלאָוו ליגט דאָס דאָרף פּאַטערקאַז, איינס פון די רייכסטע און פרוכטבאַרסטע דערפער אינעם געגנט. דאָרטן איז פאַראַנען אַ פּריץ מיט אַ הויף. ביי דעם פּאַטערקאַזער פּריץ איז געגרינדעט געוואָרן דער הכשרה קיבוץ. רבקה׳לע מיט נאָך צענדליקער חלוצים האָבן געאַרבעט אין הויף. עסן האָט געגעבן דער פּריץ. אַלע פּויערים פון הויף האָבן מיט פרייד אויפגענומען די חלוצים. זיי פלעגן אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, קומען צו זיי איינהערן זיך צו זייערע געזאַנגען. רבקה׳לע איז געווען פון די פעיקסטע און אַקטיווסטע חלוצים ביי דער אַרבעט. אַלע חברים האָבן איר געשעצט. זי איז אויך געווען דאַן פון די איינצלנע, וואָס האָבן געקענט רעדן העברעיש.

יעדן שבת אין אָוונט פלעגן אַ גרופּע סאָקאָלאָווער ייִנגלעך און מיידלעך אַוועקגיין צופוס קיין פּאַטערקאַז צו די חלוצים. מען האָט דאָרט פאַרבראַכט ביז זונטיק אָוונט.

דער גייסטיקער מנהיג פון די חלוצים איז דעמאָלט געווען דער צעירי ציוניסט יצחק סקאלע. ער פלעגט פאָרן ספּעציעל קיין פּאַטערקאַז געבן לעקציעס און לערנען העברעיש.

יצחק סקאלע איז געווען רבקה׳לעס גייסטיקער פּאָטער. ער האָט

איר דערצויגן. ער האָט איר געוויזן איר נייעם לעבנס־וועג. ער האָט זי אַרויסגענומען פון איר שטרענג רעליגיעזן פאָטערס שטוב, איר אָוועקגעפירט צום פאַטערקאָזער פריץ אַרבעטן: זייען, שניידן, זיך גרייטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

נישט לאַנג האָט געדויערט די הכשרה, אַלע זענען געוואָרן באַשטעטיקט צו עליה. דאָס שטעטל האָט געפּראַוועט באַנקעטן. מען האָט געהאַלטן הויכע ציוניסטישע פאַטעטישע רעדעס. ביי דער באַן־סטאַציע האָבן געשטורעמט די הורה־טענץ לכבוד רבקה׳לעס עליה.

לייזער עלע האָט אויפגענומען רבקה׳לעס רייזע קיין ארץ־ישראל ווי אַן אומגליק, ווי אַ שטראָף מן השמים.

ביי בלימע די בעקערין אין ביבליאָטעק

אויף דער קאָזע־גאַס, אין אַן אַלטער הילצערנער שטוב, האָט גע־וווינט בלימע די בעקערין. זי איז געווען אַ שיינע, ציכטיק געפּוצטע ייִדענע, מיט אַ ליכטיק צעשמייכלט געזיכט. בלימע האָט געהאַט אַ בת יחידה, געראָטן אין דער מאַמען, שרה האָט זי געהייסן. אַלע אין געסל האָבן איר געקענט. אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט האָט זי געצויגן. פון אַלע פענצטער און פון אַלע וואַרשטאַטן, ארום וועלכע עס זענען געזעסן שוסטער און האָבן געקאָוועט שיך און שטיוול, האָט מען געכאַפּט אויף איר אַ בליק.

זי פלעגט צווישן די צעבויגענע הייזלעך אויפן הויף שיינען ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע פּרינצעסין. איר רונדיק ברוין פּנים האָט געווייעט מיט מיידלשער זיסקייט. אירע פּעך שוואַרצע אויגן האָבן פון די ווייך ייִדענע וויעס געבלענדט ווי צוויי ברענענדיקע לאַמטערנס. אַז שרה האָט זיך פרייטיק נאָכן ליכטצינדן אַוועקגעשטעלט לעבן איר שטוב, מיט אירע שוואַרצע פאַרפלאָכטענע צעפּ, וואָס האָבן זיך געוויקלט אויף איר געטאָקטן האַלדז, האָבן אַלע יינגלשע הערצער אין געסל געצאַפּלט.

אַז בלימעס מאַן, אברהם שיע, אַ ייד אַ חלוש, איז צוריקגעקומען פון אמעריקע און געברענגט מיט זיך דאָלאַרן, האָבן זיי אין מויער ביי דעם לעדער־סוחר אייזיק מענדל ספּיצקי אויפגעבויט אַ בעקעריי און איינגעהאַנדלט אינעם שכנות'דיקן שטעטל ווענגראָוו אַן איידעם אַ „וויל־לערנער", אַ יונגערמאַן פון אַ חסידיש רעליגיעזער מיוחסדיקער משפּחה. דער יונגערמאַן איז געווען יצחק סקאַלע, דער וואָס איז געוואָרן אין אַ צייט אַרום דער סעקרעטאַר פון „החלוץ" אין וואַרשע אויף אָרלע 11.

יצחקס פאָטער, מאָטל חנא יאָסלס פון ווענגראָוו, האָט געוווינט אויף דער גאַרבער גאַס. ער איז געווען אַ ברייטער פולער ייד מיט אַ

שיטערער בלאָנדער באָרד. ער האָט געהאַט אַן אייגענע בעקעריי. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט שווער. תמיד געשטאַנען פאַרמעליקט ביי די דייזשעס און געקנעטן דאָס טייג פאַר די ברויטן און חלות.

ער איז געווען אַ ראַדזינער חסיד, געטראָגן אַ לאַנגן ארבע כנפות מיט „תכלת". מאָטל חנא יאָסלס האָט געזאָרגט, אַז זיינע קינדער, סיי די יינגלעך און סיי די מיידלעך, זאָלן קענען לערנען. אויך זיין זון יצחק האָט געטראָגן „תכלת" און געלערנט אין שטיבל ביז צו דער חתונה.

דער פאָטער, דער בעקער, האָט מיט אים געלערנט דעם ראַדזי־נער דרך אין חסידות. זיי האָבן צוזאַמען זיך געחקרנט איבער די ספרים „פתיל תכלת" און „עין התכלת" פון זייער רבין ר' גרשון העניך, דער וואָס האָט אַרויסגערופן אין זיין צייט אַ שטורעם און מחלוקת אין דער חסידישער וועלט פאַר זיין אייגענעם דרך. אויך דעם ספר „מי השלוח" פון ר' גרשון העניכס פאָטער מרדכי יוסף איזשביצער, האָט מאָטל חנא יאָסלס איינגעקנעלט מיט זיין זון יצחק.

אַז אַ שדכן איז געקומען קיין ווענגראָוו אָנשלאָגן דעם שידוך: בלימע די בעקערינס טאָכטער, האָט פייגע, מאָטל חנא יאָסלס ווייב, אַ יידענע וואָס פאַרמיידט נישט קיין איין מנחה אין ווענגראָווער בית מדרש, זיך געקווענקלט.

— מאָטל חנא, ס'איז נישט פאַר אונדזער יצחק דער שידוך. ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. די מחותנים זענען דאָך פּראָסטע מענטשן, נישט קיין חסידים, קענען נישט לערנען, שטאַמען נישט פון קיין יחוס. מיר געפעלט נישט דער שידוך!

מאָטל חנא יאָסלס איז געווען אַ ייד אַ למדן, אָבער זייער אַ פּראַק־טישער מענטש, ווי דער שטייגער ביי די ראַדזינער חסידים. ער האָט געקענט זיין זון, וואָס שוועבט אין די עולמות עליונים און האָט נישט קיין חוש פאַר פּראַקטישע זאַכן. ער האָט געוווּסט, אַז יצחק וועט זיך נישט אויסטויגן צום מסחר. מ'דאַרף פאַר אים זוכן אַ רייכן שווער מיט אַ פאַרטיק געשעפט, מיט אַ גרייטער פרנסה און בעיקר אָן יחוס. פאַר־קערט, דער יחוס זאָל זיין ביי זיי זיין זון יצחק.

אַז דער שדכן האָט דערציילט, אַז בלימע די בעקערין האָט אים

געשיקט רעדן דעם שידוך פאַר איר בת יחידה, אַז דער מאַן האָט גע־ברענגט דאָלאַרן פון אמעריקע, אַז זיי האָבן אַן אייגענע בעקעריי און זיי וועלן אַריינגעמען דעם קינפטיקן איידעם אין געשעפט אַריין, האָט מאַטל חנא יאָסלס געטראַכט: — דאָס איז דאָך אַ ברויט מיט אַ מעסער, אַ שמאַלץ גרוב. ס׳איז פאַר זיין יצחק געווען ווי געמאָסטן, ממש אַ זיווג מן השמים.

— פייגע דו הערסט, מיר וועלן אם ירצה השם, מיטן ערשטן בעסטן וועגעלע, זיך צוכאַפּן קיין סאָקאָלאָוו און זען די כלה. וואָס קען דאָס אויסמאַכן. — האָט מאַטל חנא יאָסלס געזאָגט צו זיין ווייב.

ווען יצחקס עלטערן זענען געקומען צו בלימע די בעקערן אָנ־קוקן די כלה און געזען שרה׳ען אויסגעפוצט אין איר ניי זיידן קלייד, אין דעם קליינעם הילצערנעם שטיבל אויף דער קאַזע גאַס, האָט זיך דעם ראַדזינער חסיד, מאַטל חנא יאָסלס, געדאַכט, ווי די זון וואָלט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער.

ווען זיין ווייב האָט אים געזאָגט:

— די כלה איז אַ שיינע, אָבער די מחותנים זענען מיר נישט צום האַרץ. — האָט איר דער מאַן געענפערט:

— דו מיינסט, אַז אַ יפת תואר איז אַ קלייניקייט? דאָס איז וויכטיקער פאַר אַלץ.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן און יצחק האָט חתונה געהאַט מיט בלימע די בעקערינס טאָכטער.

יצחק סקאָלע איז געווען אַ הויכער בלאָנדער יונגערמאַן מיט אַ בלייך פּנים און צוויי בלויע באַטרערטע אויגן. ווען ער האָט גערעדט פלעגט ער נערוועז בייסן זיינע דינע שמאָלע ליפּן. ער האָט געקענט לערנען, געווען באַהאַוונט אין דער נייער מאָדערנער העברעיִשער לי־טעראַטור. ער האָט אַריינגעברענגט נייע געדאַנקען אין שטעטל. די יוגנט האָט זיך דאַן דערצויגן אויף דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער בראַשור. מ׳האָט זיך דאַן געחקרנט איבער היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם, דיקטאַטור, פּראָלעטקולט און איבער בער באָראָ־כאָווס סטיכישע פּראָצעסן.

יצחק סקאַלע איז געקומען צו דער יידישער באַלעבאַטישער יוגנט באַלאָדן מיט יידיש וואָרצלדיק וויסן, געשעפּט פון אַלע יידישע טיפע מקורות. זיין וועלט איז געווען: משה העס, א. ד. גורדון, י. ח. ברענער, ח. נ. ביאַליק און יצחק למדן.

ער האָט אָפטמאָל ציטירט אין זיינע רעדעס יצחק למדנס פּאָעמע „מסדה״:

„הדלק מחול, על מסדה,
על אף הכל!
מזרח, מערב, צפון, דרום,
במחול
מחול־מסדה מתלקח
ובוער —
פנה דרך גורל — דורות
הזהר!״

יצחק סקאַלע האָט אָפּגעראַטעוועט פיל פון דער באַלעבאַטישער יוגנט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט דאַן באַהערשט די יידישע גאַס, אַ דאַנק איינציקע אַסימילאַטאָרישע קאָמוניזירטע לערער, וואָס האָבן פאַרפלאַנצט אין דער פּאָוושעכנער שול אַנטי־נאַציאָנאַלע געדאַנקען, באַווירקט אַ טייל פון די בחורים, וואָס האָבן פאַרלאָזט די ישיבה, די וועלכע זענען געשטאַנען אויף פרשת דרכים, געזוכט אַ נייעם וועג צו ווענדן זייערע יוגנטלעכע טריט. אַלס אַ מענטש, אַ מדריך, האָט ער פאַרענטפערט אַלע ספקות און נשמה גערא‌ַנגלענישן, וואָס האָבן דעמאָלט געעגבערט אין די מוחות ביי דער יידישער באַלעבאַטישער יוגנט.

יצחק סקאַלע איז דעמאָלט געווען דער, וואָס האָט זיי אַריבער געפירט אויפן נאַציאָנאַלן דרך המלך, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אויך אַלע סאָציאַלע מענטשלעכע ווערטן.

בלימע די בעקערין האָט זיך געשפיגלט אין איר איידעם, אים געהאַלטן ווי אַן אבן טוב. ער האָט גאָרנישט געטאָן, זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישער דערציערישער אַרבעט.

וואָס האָט אים געפעלט? די שוויגער האָט געהאַט אַ בעקעריי

און איין איינציקע טאָכטער, איז ער געווען פריי פון דאגות פּרנסה. אויך זיין פרוי שרה האָט אים געשעצט. יצחק איז געווען ביי איר אַ קרוין אויפן קאָפּ.

ווען די „צעירי ציון" האָבן געגרינדעט אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ח. ברענער און זיי האָבן נישט געהאַט קיין לאָקאַל, האָט יצחק איינגעאָרדנט די ביבליאָטעק ביי זיין שוויגער אין דער בעקעריי. לעבן די פּאַליצעס ברויט און זעמל זענען געשטאַנען די ביכער־שענק. די יוגנט איז אַלע אָוונט געקומען אין ביבליאָטעק טוישן די ביכער. זיי זענען געשטאַנען צוזאַמען מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען קויפן ברויט. מ'האָט נישט געקענט אונטערשיידן ווער פון זיי איז געקומען קויפן ברויט און ווער פון זיי איז געקומען טוישן אַ בוך.

*

צווישן די לייענער, וועלכע קומען אַלע אָוונט טוישן ביכער אין דער בעקעריי, קומט אָפט אַ יונגער שלאַנקער בחור, אַ בראָנעט מיט אַ פּאַרטראַכט פּנים. ער שטייט רויק, וואַרט אויף אַ פריש בוך. דער בחור הייסט פּסח גרין. ער איז געוואָרן איינער פון יצחקס תלמי־דים און געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יוגנט.

די חברה דיסקוטירן, אַמפּערן זיך, ווייזן אַרויס בקיאות, חריפות אין די ביכער, וועלכע זיי האָבן געלייענט. זיי שיטן מיט געדאַנקען און ציטאַטן, חזרן איבער די רייד פון די העלדן און פון די שרייבער. מ'הערט כסדר דערמאָנען: מאַרקס האָט געזאָגט, לענין האָט געזאָגט, באָראָכאָוו האָט געזאָגט. דער בחור שטייט אַביסל צוריקגע־האַלטן, אַביסל שעמעוודיק, הערט זיך צו מיט געוואַלטיקן אינטערעס צו די ויכוחים און איז מקנא די לייענער וואָס זענען אַזוי „היימיש" מיט די מחברים און געדענקען וואָס זיי האָבן געלייענט. זיי קענען אַזוי שיין מיט מאָדערנע אויסדרוקן איבערגעבן די געדאַנקען און אידעען, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון די ביכער.

פסח גרין טראַכט: ווען וועל איך אויך קענען אַזוי דרייסט און פריי אַנטיילנעמען אין די שמועסן? פאַרוואָס זיי, די אַלע אַנדערע מיט וועמען כ׳האָב צוזאַמען געלערנט אין די חדרים ביי די זעלבע מלמדים, זענען שוין אַזעלכע גרויסע וויסער, בקיאים אין פיל שרייבער, שווימען פריי ווי פיש אין וואַסער, צווישן אַלע אידעען און באַוועגונגען, וואָס ווירקן און קעמפן ביים יידישן פאָלק. בעיקר ווייסן זיי וואָס זיי ווילן, האָבן שוין געפונען זייער וועג אין לעבן. ווען וועל איך אויך מיין וועג געפונען? כ׳בין אַוועק פון רבינס בית מדרש, דאָרטן ווו איך האָב געדאַוונט צוזאַמען מיטן טאַטן שבתים און יום טובים, און היינט לייען איך פיל ביכער. אָבער פאַרוואָס זענען מיינע חברים אַרויסגעוואַקסן גרויסע ווייסער? קענען ענטפערן אויף אַלע קאָמפּליצירטע פראַגן, זענען תופס אַלע פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס ווירקן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. זיי האָבן אויף אַלע פראַגן, וועגן גאָט און מענטש, אַ קלאָרן פּרעציזן ענטפער. כ׳דאַרף נאָך אַ סך לייענען און פאָרשן כדי צו קענען זיך גלייכן צו זיי, כדי צו קענען קומען אין דער געזעלשאַפט צווישן מענטשן.

אין ביבליאָטעק פלעגט אויך קומען חבר הערשעלע. אַ נידעריק בחורל מיט אַ פּאָר פאַרקאַטשעטע ליפּן. ער האָט דורך זיינע פליישיקע ליפּן געוואָרפן רעוואָלוציאָנערע בלאַסקענדיקע ראַקעטן.

חבר הערשעלע האָט נישט באַדאַרפט לייענען. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער איז אַ וויסער און די יוגנט אין שטעטל האָט אים געגלויבט אויפן וואָרט. אפילו ביי באַלעבאַטישע מיידלעך האָט ער געהאַט דערפאָלג. וועלכעס מיידל וועט זיך קעגנשטעלן דעם חבר הערשעלע? ער איז דאָך אַ רעדנער! ווער ווייסט, ער קען נאָך אַ ליאַדע טאָג ווערן אַ קאָמוניסטישער קאָמיסאַר!

פסח גרין קוקט זיך צו, ווי חבר הערשעלע דיסקוטירט. ער דערמאָנט זיך ווען ער האָט צוזאַמען מיט אים געלערנט אין איין חדר, ווען דער רבי פלעגט זיך כעסן ביים שיעור, אויך אַמאָל דרייען דאָס אויער. אַז ער, פסח האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבין:

— פאַרוואָס שלאָגט איר נאָר מיך? הערשעלע קען דען בעסער?

האָט אים דער רבי מסביר געווען: הערשעלע בענקאַרט דאַרף נישט קענען, ער וועט זיך אַן עצה געבן אין לעבן, אומעטום וווּ ער וועט נאָר זיין. דו, אויב דו וועסט נישט קענען, וועט זיין אָך און וויי צו דיר.

אין די ויכוחים, וועלכע פירן זיך אין דער בעקעריי, שטייט יצחק סקאַלע, זיין בלייך פּנים איז צעפּלאַמט, ער ווענדט אָן אַלע זיינע כוחות צו צעקלאַפּן הערשעלעס עם הארצות. אין דעם ציוניסטיש סאָ־ציאַליסטישן קרייז, וואָס יצחק סקאַלע האָט אויפגעשטעלט אין שטאָט, איז אויך אַריין פּסח גרין.

אין שכנות מיט ארבעטער

פסח גרינס פאָטער איז געווען אַ סוחר, געהאַנדלט מיט פעל, רויכוואַרג און חזיר־האָר. ער איז געווען אַ קאָצקער חסיד און גע־דאַוונט ביים סאָקאָלאָווער רביץ. ער האָט געהייסן יעקב. אַ ייד אַ הויכער מיט אַ בלאָנד קורץ בערדל. אַ מענטש אַ שטרענגער פול מיט רוגזה און ענערגיע, געוואַלדיק אַרבעטזאַם.

באַגינען, ווען אין דרויסן איז נאָך גרוי, ווען אַלע שכנים שלאָפן נאָך אין זייערע בעטן, איז ער שוין אויף זיינע פיס. מען הערט שון זיין קול אין שטוב. ער איילט זיך שנעל צו די קצבים, צו די יאַטקעס, טאָמער חלילה קומט ווער פריער פון די שטאָטישע פעל סוחרים און קויפט אויס די פעל.

ביינאַכט, ביז אַזייגער צוועלף, איז ער פאַרנומען מיט די קצבים. ביים זאַלצן און אויפהענגען די פעל צום טריקענען. ער ווייסט נישט וואָס איז אַזוינס מידקייט, ווייסט נישט פון קיין רו.

דער מסחר פון די פעל איז נישט ביי אים בלויז אַ מיטל צו פרנסה. ער האָט ליב דעם עצם מסחר. ער לעבט זיך אויס, קוועלט אַן ווען ער קויפט אַ טראַנספּאָרט שעפסן פעל און זיי זענען באַוואַקסן מיט געדיכטע באַקרייזלטע האָר. ער גלעט און צערטלט די שוואַרצע סטראַנקאָווע וואָל פון די פעל. ער שעפט נחת פון פיאַטרעפּקע, וואָס טויג אויף צו מאַכן פעלצן.

ער איז תמיד געווען געזונט, דאָס בלוט האָט געשפריצט פון זיין רויטן קאַרק, וואָס האָט זיך געקאַרבט איבער זיין ווייסן קראַגן פון העמד. ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן צו דער צייט, ווי אַלע שכנים פון דעם געסל. ער איז שטענדיק פאַרנומען. אָט איז געקומען אַ ייד פון אַ נאָענטן שטעטל, ער האָט געבראַכט אַ וועגעלע פעל.

דאַרף מען וועגן, סאָרטירן. שטענדיק זענען דאָ ישובניקעס פון די אָרומי־קע דערפער. איינער ברענגט רינד־פעל, קאַלב־פעל. דער צווייטער ברענגט רויכוואַרג: פעלעכלעך פון פוקסן, טכויערן און האָזן. און ווער שמועסט ווינטער סעזאָן, ווען דאַרפסגייער ברענגען הונדערטער געשאָסענע האָזן, דאַרף מען זוכן גלייך זיי זאָלן אָפּקויפן דאָס פלייש און דאָס פעלעכל זאָל בלייבן. און איצט ווען עס שטעלן זיך די גרויסע ירידים, ווען די אַלע פעלצנמאַכער פאַרקויפן זייערע פעלצן, קומען אַהיים אָנגעשטאָפּט מיט געלט, מוזן די פעל סוחרים מיט זיי טרינקען. גייט מען מיט זיי אין די שענקען, זיי שטעלן געבראָטענע גענדז און פלעשער בראָנפן און זיי קויפן פאַרלאַדעוועטע וועגענער שעפסן־פעל, צום צווייטן סעזאָן.

אין שטוב איז ווי אין אַ וואָגזאַל, איינער אַרויס דער צווייטער אַריין. עס קומען אויך סוחרים פון וואַרשע. זיי קויפן געשווירענע שעפסן פעל אויף הענטשקעס, און גאַרבערס פון ווענגראָוו קומען קויפן רינדפעל אויף יוכטן.

יעקבן פעלט שטענדיק אַ פּאָר שעה צום טאָג. ער זיצט תמיד אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. חיה, פסח גרינס מאַמע לייגט אונטער שטיקלעך האָלץ אין קוימען, כדי די וועטשערע זאָל נישט זיין קאַלט. יעקב עסט שטענדיק די זעלבע וועטשערע. זיין באַליבט מאכל איז קורצע קלוסקעלעך מיט שעפסן פלייש. ער עסט אָפּ און לייגט זיך אַ פּולער אונטער דער פּערענע.

חיה איז געווען אַ רויקע, שטילע, אין קעגנזאַץ צו איר מאַן. אַלץ גענומען פּאַר ליב, זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט. מסתמא דאַרף אַזוי גיין, אז ביי איר זאָל מען נישט עסן צוזאַמען, צו דער צייט, פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע מענטשן. זי זאָל דאַרפן זיצן און וואַרטן, נישט קענען גיין שלאָפן ביז איר מאַן וועט קומען פון גאַס, פון דער יאַטקע, פון די פעלצנמאַכער, כדי צו עסן די וועטשערע. נישט איינמאָל איז יעקב אַהיים געקומען אַ זאַטער פון גאַס. פּונקט אין דעם אָוונט האָבן פעלצנמאַכער געקויפט שוואַרצע לענטפאַרן אויף קעלנער האָבן זיי גע־שטעלט געבראָטענע גענדז און ביר מיט בראָנפן. יעקב פלעגט אַ שמעק טאָן צום עסן און ברומען:

— דאָס היינטיקע שעפּסן פלייש איז נישט געשמאַק, איך קען עס נישט עסן.

חיה פלעגט שעפּטשען צו זיך אַליין:

— אַז די מויז איז זאַט, איז דאָס מעל ביטער.

זי האָט געהאַט אַ רונדיק טונקל פּנים מיט חן־פולע שטריכן, וואָס האָבן דערציילט וועגן איר מיידלשער שיינקייט.

ווען פּסח גרין איז געווען אַ קליין יינגל האָט ער ליב געהאַט צו זיצן לעבן זיין מאַמען אין די לאַנגע ווינטער נעכט ווען זי איז געזעסן ביים אויוון, געוואַרט אויפן מאַן ער זאָל אַהיים קומען פון גאַס, און הערן אירע מעשיות און פּאַסירונגען וואָס זי פלעגט דערציילן די קינדער.

חיה איז געבוירן אין אַ דאָרף אין טרעבלינקע. אַלע אירע יאָרן ביז דער חתונה האָט זי געלעבט אין אַ וואַלד. איר פאָטער איז געווען מאָטל ווענגראָווער, אַ באַוווסטער פּילעווער חסיד און ירא שמים. נאָך זיין חתונה האָט ער זיך פיל יאָרן אַרומגעדרייט אין הויף ביים רבין חיים ישראל פּילעווער. ער האָט נישט געוווסט צו וואָס זיך נעמען. צום רבין אין פּילעוו פלעגט דעמאָלט קומען אויף ימים נוראים אין אַ גע־שפּאַנטער קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד, דער גרויסער וואַלד־סוחר בער־טשע ווענגראָווער. האָט אים דער רבי געזאָגט:

— נעם מיט דעם יונגנמאַן צו דיר אין דיינע וועלדער.

אַזוי אַרום איז מאָטל ווענגראָווער געוואָרן אַ שטיקל שרייבער אין די וועלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן נעבן בוג ביי טרעבלינקע.

חיה האָט אין די אָוונטן דערציילט די קינדער וועגן די אַלע מענטשן וואַנדערער, סוחרים, וואָס זענען געקומען אין די וועלדער און האָבן געגעסן און געשלאָפן ביי זיי אין שטוב. זי האָט געדענקט אַלע אַרבעטער, יידן און גויים, וואָס זענען געווען ביי זיי אין וואַלד די טראַ־צעס און די בערלינקע פירער, די בראַקערס און די וואַלד היטער. די מענטשן וואָס האָבן געטאָפּטשעט און געשמאָלצן פּעסער טערפּענטין

און סמאָלע. אויך אַלע הולאַנקעס מיט די געשלעגן, וואָס דער לעשניק האָט איינגעאָרדנט אין וואַלד.

פסח גרינס שכנים זענען אַלע געווען אַרבעטער. זיינע עלטערן האָבן געוווינט אין אַ הילצערן הויז אויף קאָזע גאַס. דורך די דינע הילצערנע ווענטלעך האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן און דאָס קאָווען פון די שוסטער־וואַרשטאַטן, אַרום וועלכע עס זענען געזעסן אַרבעטער ביז אין דער שפּעטער נאַכט. אויך פון די שניידערקעס, וואָס האָבן געניית באַגלייט מיט לידער, האָט זיך געהערט דורך די ווענטלעך דאָס קלאַפּן און בראַזגען פון די ניי־מאַשינען. ווען זיין מאַמע איז געזעסן אַן אומעטיקע אין די ווינטערדיקע, טריבע, לאַנגווייליקע נעכט, האָט זיך געטראָגן פון די שכנותדיקע שטיבער דאָס געזאַנג פון אַ פריילעכער חברה.

פסח גרין האָט געלערנט ביז צו פופצן יאָר ביי די בעסטע מלמדים אין שטעטל. ער האָט געדאַוונט מיטן טאַטן ביים סאָקאָלאָווער רבין. אַ גרויסער טייל פון די סאָקאָלאָווער חסדים גייען נישט שבת נאָכן דאַוונען אַהיים, נאָר בלייבן אין בית מדרש, אָדער ביי משה דעם רבינס זון אין הילצערנעם בוידעם־שטיבל, וואָס געפינט זיך ביים רבין אין הויף.

אַלע ווייבער מוזן נעבעך זיצן און וואַרטן ביז נאָך הבדלה, אַז זייערע מענער, די סאָקאָלאָווער חסידים, זאָלן קומען אַהיים פון שבת'דיקן דאַוונען. מ'מאַכט קידוש איבער גרויסע, דינע גלעזער זעקס־אונגיינציקער. מ'וואַשט זיך צום עסן, מ'שיקט די יינגלעך זיי זאָלן ברענגען פון די שטיבער די פיש, דאָס פלייש און דעם טשאָלענט. זעלטן ווען יעקב קומט אַהיים שבת נאָכן דאַוונען. חיה זיצט שטענדיק פאַראומערט און וואַרט דער מאַן זאָל אַהיים קומען פון בית מדרש.

פסח גרין האָט אַ וואַזשנע באַשעפטיקונג. ווען אַלע יינגלעך פון געסל גייען מיט זייערע טאַטעס, די בעלי מלאכות, נאָכן עסן צו די קאָרנס, הינטער דער שטאָט אויפן וועג צום באַן, מוז פסח גרין מיט נאָך אַ פּאָר חסידישע יינגלעך, טראָגן איבער די גאַסן די טשאָלענטן צום רבין אין בית מדרש.

די סאָקאָלאָווער חסידים זענען באַוווּסטע טרינקער. זיי ציִען די טראַדיציע פון רבין שמחה בונים פון פשיסכע, דער וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער בעסטער מיטל צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע איז אַ גלעזל בראָנפן. מ׳דאַרף אים אַנשיכורן און אים שיקן צו אַלדע שוואַרצע יאָר. מ׳גיסט אַריין גאַנצע שטאָפן זעקס און ניינציקער און מ׳פאַרקרימט זיך נישט.

דאָס באַליבטסטע מאכל צו פאַרבייסן איז ביי זיי פאַרקילטע פיס. יעקבס פאַרקילטע פיס שמ׳עו ביים רבין אין הויף. יעקב קלייבט אויס דאָ־נערשטיק אין אָוונט נאָך דער שחיטה, ביי די קצבים די בעסטע, פעטסטע רינדערנע פיס. זיין ווייב חיה קאָכט זיי אָפּ און פאַרקילט זיי. שבת נאָכן דאַווענען, קומט פסח גרין מיט צוויי שיסלען און נעמט צו די פאַרקילטע פיס פאַר די חסידים, אויך דעם טשאָלענט מיט דעם גרויסן געפילטן מאָגן, וואָס יעקב ברענגט פון די קצבים, ביי וועלכע ער קויפט די פעל.

פסח גרין האָט זיך אויך איינגעהערט אין די חסידישע שמועסן, אין די פשיסכער־קאָצקער מעשיות. ער האָט געהאָלפן מיטזינגען אַלע ניגונים, וועלכע ער האָט געזונגען יאָרן לאַנג נאָכן פאַרלאָזן דעם רבינס הויף.

ער איז קיינמאָל נישט געווען פאַנאַטיש פרום, ווי זיינע חברים. ער האָט נישט געטראָגן קיין לאַנגע פאות. אָפטמאָל, נאָך זייענדיק אַ קליין יינגל, האָט ער פאַרמיטן אַ מנחה. ער פלעגט זיך אָפטמאָל אַריינכאַפּן, אפילו אין שבת, אינעם סאָד צווישן דיביימער וואָס וואַקסן ביים רבין אויפן הויף, און אָפּרייסן דאָרטן זויערע גרינע עפּל.

אים האָט געצויגן צו פעלדער, צו וועלדער, וועלכע ליגן אַרום שטעטל. אין די חדרים האָט אים פאַראינטערעסירט און געפאַנגען זיין האַרץ די מעשיות, די העלדן פון תנ״ך.

אַז אַרטיסטן זענען געקומען אין שטעטל שפּילן טעאַטער, האָט ער נאָך אַלס יינגל, מיטן יידישן היטל און מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, געקויפט אַ בילעט און געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג, פאַר וואָס דער טאַטע האָט אים אַרויסגעטריבן אויף פיל טעג פון שטוב. אים האָט

באַוועגט עפּעס אַן אינערלעכער דראַנג צו קומען, צו זען אַלץ וואָס קומט פאָר אין שטעטל. אויף דער לויה פון נעכע ווינאָגורא, אויף וועלכער ס׳האָט קיין פרומער בחור נישט גענומען קיין אָנטייל, איז ער מיטגעגאַנגען אין גרויסן פראָסט, ביז צום נייעם בית עולם. ער האָט זיך איינגעהערט אין די לידער, וואָס דער כאָר האָט געזונגען, און געהאָלפן ברומען דעם ניגון. ער איז געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן, אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס די רעדנער האָבן געזאָגט ביי איר אָפענעם קבר.

ער האָט זיך נישט געקאָכט און געטומלט, דעמאָלט ווען מען האָט אין בית מדרש געוואָרפן צום רבין דעם האַנטעך און אים איבער־געריסן זיין דרשה. נישט ווויסנדיק, נישט פאַרשטייענדיק דעם קאָנ־פליקט פון רבין מיט די פּאַרטייען, איז ער מיט זיין האַרץ געווען מיט די ציוניסטן און מיט די בונדיסטן.

ווען זיין מאַמע פלעגט פאַרצערעווען, פאַרלאַטעווען, ביים קאָפּ־טשעדיקן נאָפט־לאָמפּ, איז ער תמיד אַריינגעגאַנגען צו די שכנים, צו זיי אַרבעטער און זיך איינגעהערט אין די ארבעטער לידער, וואָס רופן צום קאַמף פאַר אַ בעסערער, יושרדיקער וועלט.

איבער דער וואַנט ביי זיי האָט געוווינט אַ שניידערקע, אסתר באַרסקי. אַ מיידל מיט אַ געלאָקטן קאָפּ קאַשטאַן האָר. זי האָט געהאַט אַ צעזונגען געמיט, געהאַט אַ שיינע שטימע. אַלע גלידער האָבן ביי איר געזונגען. ווען זי האָט געזונגען האָט מען געהערט אין געסל ביי אַלע שכנים.

פסח גרין פלעגט אין די ווינטער אָוונטן אַריינגיין צו איר זיך אָוועקזעצן ביים טיש און הערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אירע ראָמאַנטישע לירישע לידער. ער האָט פון צייט צו צייט אויך מיט־געהאָלפן, וויאַזוי קען מען זיך איינהאַלטן. ער זינגט אויך שיין, ס׳טרע־לילייקעט זיך. אַז זיין טאַטע האָט געהערט איבערן וואַנט זיין שטים האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין וואַנט און שרייען, אַז דער הויף האָט געציטערט.

ווען ביי בלימען די בעקערין אין בעקעריי האָט זיך געעפנט

אַ ביבליאָטעק, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד און אָנגעהויבן לייענען ביכער. די אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי אים אין שכנות, זעענדיק אַז ער לייענט ביכער, האָבן אים געוואָלט אַריינציען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צווישן זיי איז געווען אַ בונדיסט, דער חבר שיע, וועמען פּסח גרין האָט זייער געשעצט.

דער סאָציאַליסטישער געדאַנק, צו באַפרייען אַלע אונטערדריקטע און בעוולטע, האָט אים אימפּאָנירט, געצויגן זיין האַרץ. אָבער פאַרוואָס דאַרף מען זיין קעגן ארץ־ישראל? — פלעגט ער אָפטמאָל פרעגן חבר שיען. — צי קען מען נישט ביידע געדאַנקען פאַרייניקן?

— ניין חברל, מ׳קען נישט. — האָט אים שיע פּאָטערלעך געענטפערט — ס׳איז נישט קיין פראַגע פון ווילן, נייערט פון מעגלעכקייט. צוריקצוברענגען דאָס יידישע פאָלק קיין ארץ ישראל איז אוממעגלעך, צי מיר ווילן יאָ צי מיר ווילן נישט.

פּסח גרינען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט, אַז עס איז נאָר אָנבאַלאַנגט אין חבר שיען, ווען ער וואָלט געוואָלט אַריינגעמען ארץ ישראל, וואָלט דער „בונד" געווען די בעסטע פּאַרטיי.

אַז בלימע די בעקערינס איידעם האָט געזוכט אין שטעטל בחורים און מיידלעך פאַר זיין ציוניסטיש סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז אַ בחורל, מיט אַזאַ געדאַנקען גאַנג, געווען דער בעסטער קאַנדידאַט. ער איז געווען איינער פון די פאַר צענדליק ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן אין שטעטל שווימען קעגן שטראָם. זיי האָבן אויפגעשטעלט די רעכטע פועלי ציון. מ׳האָט געדונגען לאָקאַלן, מ׳האָט אַריינגעצויגן פיל יוגנטלעכע אַרבעטער. ווען יצחק איז אַוועק קיין וואַרשע, איז שוין פּסח גרין געווען רייפער, עלטער. ער האָט זיך געלערנט און אַ סך געלייענט. מ׳קען אים שוין אויך אין וואַרשע. מ׳שיקט אים אַרום איבער די יידישע שטעטלעך האַלטן רעפעראַטן. ער שרייבט פון צייט צו צייט אין די פּאַרטייאישע צייטונגען, וועלכע דערשיינען אין וואַרשע.

די יאָרן גייען, עס ברעכן זיך די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די קליינע שטעטלעך. די יוגנט אין שטעטל גייט אַרום פּוסט און

פּאַס. יידישע קרעמער פאַרלאָזן זייערע קראָמען. מ׳לאָזט נישט אַריין קיין קריסטלעכן קונה עפּעס צו קויפן ביי אַ ייד. די יוגנט שטראָמט אין „החלוץ" און פאַרט אויף הכשרה אין די קבוצים. אין תהום פון פאַרצווייפלונג שיינט, בלענדט די האָפענונג, אַז מ׳וועט אינגיכן פאַר־לאָזן דאָס שטעטל און עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

אין די טריבע ווינטער נעכט, ווען אין די קויטיקע פינצטערע געסלעך צאַנקען די נאַפט־לעמפּלעך און עס פילן זיך טוכלע ריחות פון די פוילנדיקע וועגט, האָבן די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט, פאַרפלאַכטן שטורעמדיק הורה־טענץ, און ביי דעם אומעטיקן טרויער און דערהויבענער פרייד פון יידישן ניגון פון דעם יידיש־העברעישן ליד, וואָס פּסח גרין האָט זיי אויסגעלערנט, פאַרגעסן אין די בייזע אַנטיסעמיטישע ווינטן, וואָס האָבן געהוליעט אין שטעטל.

די אָרעמקייט איז אויך אַריינגעדרונגען צו פּסח גרינס עלטערן. דער אַנטיסעמיטישער בויקאָט צעברעכט און צעשטערט דעם יידישן האַנדל. עס קומען אויף גויאישע סוחרים אין שטעטל. עס עפענען זיך גויאישע יאַטקעס, ס׳ווערט אַרויסגעריסן דער מסחר פון יידישע הענט. פּסח גרין באַשליסט אויך צו פאָרן אויף הכשרה זיך צוצוגרייטן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ער וויל אויך מיט זיינע אייגענע אויגן זען, מיט־לעבן, מיטפילן, דאָס נייע קאָלעקטיווע לעבן, וואָס פאָרמירט זיך שוין דאָ, אויף דער פוילישער ערד, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

צי איז טאַקע אמת, דאָס וואָס ער דערציילט דער יוגנט אין שטעטל, וועגן דעם אידעאַלן חברישן בשותפותדיקן לעבן אין די הכשרה קבוצים. צי קומט טאַקע שוין אויף דאָ, אין וועג, אַ נייער מענטש?

אַז פּסח גרין איז געווען אין וואַרשע און מ׳האָט אים געפרעגט וווהין ער וויל פאָרן, און מען האָט אים געגעבן אויסצוקלייבן אייניקע שטעט: לאָדזש, קעלץ און ווילנע, האָט ער אויסגעוויילט ווילנע. ער האָט געטראַכט, אַז ווילנע וועט זיין פאַר אים דאָס פּאַסיקסטע אָרט. נאָך דער אַרבעט וועט ער גיין אין דער „סטראַשון ביבליאָטעק" און „ייווא". ער וועט גיין הערן אַלע אינטערעסאַנטע וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן. ער פאָרט אין קיבוץ „שחריה" קיין ווילנע אויף הכשרה.

אין ווילנע אויף הכשרה

הינטערן שטאָט, אינעם געגנט פון סאָבאָטש, ביי הויכע גרינע בערג, שטייען געמויערטע בלאָקן, וואָס מ׳רופט זיי „די ביליקע הייזער״, וועלכע געהערן צו דער ווילנער יידישער קהילה.

אין די בלאָקן וווינט די שטאָטישע אָרעמקייט, ס׳איז דער צענטער פון דער אונטערוועלט. זומער זיצן תמיד אויף די בערג קאָרטן-שפּילער שיכורים, גנבים, פּאַסער, פּרויען־הענדלער און פאַרדעכטיקע נקבות.

פרייטיק קומען אַהיים אין די הייזער, פון אַ גאַנצער וואָך וואַנדערן איבער די אָרעמע שטעטלעך, קונצנמאַכער, קאַטערינשטשיקעס מיט שפּילקעסטלעך, וועלכע זיי טראָגן איבער זייערע פּלייצעס, מיט פּאַפּוגעס און קליינע ווייסע מייזעלעך, וואָס ציען אַרויס קוויטלעך מיט זייערע פּיסקעלעך וואָס לאָסעווען דעם גורל.

אַלע שטאָטישע שאַנד הייזער מיט פרויען הענדלער, אַלפאָנסן, געפינען זיך אין געגנט. תמיד קומען פאָר געשלעגן. שטענדיק מאַכט דאָרטן די פּאָליצײ רעוויזיעס.

ווען ס׳איז אָנגעקומען די ערשטע גרופּע חלוצים פון „שחריה״ קיין ווילנע אויף כיבוש, זענען געשטאַנען אין די ביליקע הייזער ליידי־קע צימערן, אין וועלכע ס׳איז אַמאָל געווען אַן אינטערנאַט פאַר שילער פון יידישן סעמינאַר, וועלכן די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט געשלאָסן.

דער ראש קהל פון ווילנער קהילה, דער ציוניסטישער מנהיג, ד״ר יעקב וויגאָדזקי ז״ל, האָט דאַן די חלוצים אָוועקגעגעבן די ליי־דיקע צימערן אויף איינאָרדנען אַ הכשרה פּונקט. אין אַ האַלב טוץ צימערן האָבן געוווינט צוויי הונדערט חלוצים. ביי די ווענט זענען גע־שטאַנען פון ברעטער געמאַכטע טאָפּלטע בעטן מיט אויבערשטע שטאָקן,

פונקט ווי אין אַ טורמע, אָדער אויף אַ שיף. די אויבערשטע בעטן האָט מען גערופן אינטערנאַציאָנאַלן, די אונטערשטע האָט מען גערופן קאַנט. אַז איינער איז צוגעגאַנגען צום בעט, האָט עס געהייסן אַז ער גייט צו צום קאַנט. אַז אַ חלוץ מיט אַ חלוצה האָבן זיך געליבט, געפלירטעוועט אויפן בעט, האָט עס געהייסן אויפן חלוצישן לשון „קאַנטעווען״.

אין קיך זענען תמיד געשטאַנען, בייטאָג און ביינאַכט, מיידלעך ביי גרויסע פאַרסמאַליעטע קעסלען און געקאָכט שיטערע גרויפּן, געשמאַלצן מיט אייל, אויך אָפּטמאָל מיט שטיקלעך פלייש אָפּפאַלעכץ, וואָס מ׳קויפט ביי די פּאָדריאַטשיקעס, די וואָס שטעלן צו פלייש פאַרן פוילישן מיליטער.

אין די צימערן שלאָפן צוזאַמען יינגלעך מיט מיידלעך, מיט אַזאַ פשוטקייט, מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, ווי מ׳וואָלט זיך אַזוי נוהג געווען פון ששת ימי בראשית.

דער קיבוץ איז אויך דער צענטער, די אכסניה, פאַר דורכרייזנדע חלוצים, וואָס קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, אָדער זיי זענען עולה קיין ארץ־ישראל. לייגט מען אַוועק אַ היטל, טוט מען אויס אַ פּאָר שיך, אַ רעקל, געפינען זיי זיך אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום אין וואַרשע. קומט מען פון דער אַרבעט און מ׳וויל זיך צושפּאַרן, גיין שלאָפן, ליגט שוין ווער פון צוגערייזטע אויפן קאַנט.

באַגינען לאָזן זיך די חלוצים צו דער אַרבעט. מ׳באַקומט אין קיך אַ האַלב לעבל שוואַרץ ברויט מיט אַ שטיקל פּוטער, איין שטיקל צוקער מיט ציקאָריע אויף טיי. אַלע גייען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. ס׳איז נישטאָ קיין געלט צו קויפן שיך. אַז עס קומען פרישע און ברענגען מיט זיך נייע מלבושים, דאַרף מען דאָך אויסשטאַטן, אָנטאָן די, וועלכע ווערן באַשטעטיקט עולה צו זיין. מ׳וועט דאָך נישט לאָזן פאָרן קיין וואַרשע, די וועלכע האָבן נישט די מעגלעכקייט אין דערהיים צו קויפן זיך אַ פּאָר נייע הויזן אָדער אַ קלייד.

צווישן די צוויי הונדערט חברים דרייען זיך אַרום פיל קראַנקע: לונגען לײדנדע, געבראָכטע פון הייבן שווערע קלעצער אין די טאַרטאַקן. דער קיבוץ האָט נישט די מעגלעכקייט זיי צו היילן. און אַהיימשיקן צו זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך דאָרט אויסהיילן — דאָס נישט! ווייל

דאָס איז אין סתירה מיט דער קבוצישער תורה. דרייען זיך אַרום פיל שווינדזיכטיקע, וואָס שפייען מיט בלוט, צווישן די געזונטע און שטעקן אָן אַנדערע מיט זייערע קרענק. שוויערזשבע, מצרעת, איז אַ נאַטירלעכע זאַך. כמעט פופציק פראָצענט שמירט זיך אַלע אָוונט די הענט, די פיס, מיט שוואַרצן שטינקענדיקן מאַשטש צו פאַרטרייבן די קרעץ.

ווער עס האָט נישט קיין שוויעזשבע, איז אין קיבוץ אַ גרינער. דער וואָס קראַצט זיך, איז שוין אויפן וועג, ער האָט זיך שוין איבער־געבראָכן, ער האָט זיך שוין צוגעפּאַסט צום קבוצישן לעבן, ער פאַר־דייעט די הכשרה. צו זיין מצרימניק, אַזוי ווי מ׳רופט דאָרטן, איז אַ סימן מובהק פאַר חלוצישן סטאַזש.

פאַרוואָס אַזאַ הונגער און שמוץ? שווער צו פאַרשטיין. די מער־הייט אַרבעט אין די טאַרטאַקן, מילן, גלאָז־הוטעס, לעדער־פאַבריקן. אַ טייל ביי שניידן און האַקן האָלץ. יעדן טאָג גייען אַרויס צענדליקער פאָרן מיט זעגן און העק, פאַרפלאָכטן די זעגן אויף די לענדן צו צע־שניידן די פיל קלאָפּטערס האָלץ ביי די ווילנער יידן.

די חלוצים האָבן זיך ספּעציאַליזירט ביי דעם פאַך. אַרבעטן בע־סער און שנעלער ווי די פּוילישע און אוקראַינישע האָלצהעקער. אַלע ברענגען אַהיים געלט.

טאָ פאַרוואָס אַזאַ אָרעמקייט? פאַרוואָס וויל דער בעקער נישט מער באָרגן קיין ברויט? יעדן טאָג דאַרף מען וואַרטן אויפן ברויט, אַז דער בעקער זאָל באָרגן. אַלעמאָל קומט ער אין קיבוץ אַריין, שרייט, געוואַלדעוועט, מ׳זאָל אים באַצאָלן דעם חוב, וואָס מ׳איז אים שולדיק.

אין קיבוץ געפינען זיך כל מיני חלוצים, אַ מיש מאַש, אַן אָנ־לויף פונקט ווי אַ לאַגער. די יידישע נויט, די יידישע אויסזיכטלאָזיקייט האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט. איר וועט טרעפן יונגע שיינע מיידלעך, וואָס האָבן געענדיקט אַ תרבות שול, סטודענטן וואָס האָבן איבערגעריסן זיי־ערע לימודים, ווייל זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט ווייטער צו שטודירן. אויך מיידן, אַלטע פאַרזעסענע מיט גרויע האָר, זענען געקומען אַהער, כדי צו קענען עולה זיין קיין ארץ־ישראל, און אפשר אויך געפינען זיי־ער באַשערטן. פיל אַרבעטער, געוועזענע קאָמוניסטן און בונדיסטן,

האָבן נישט ווו צו פאַרקויפן זייערע הענט אין די קליינע שטעטלעך, און ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן נישט קיין אַנדערן וועג און מוזן דורכמאַכן אַ הכשרה. זענען זיי אויך געקומען אין קיבוץ. עס זענען געקומען פיל יוגנטלעכע יינגלעך און מיידלעך פון די אַרומיקע ישובים, וואָס ליגן לעבן ווילנע, זיי זענען אַוועק פון אָרעמע טאַטע מאַמע, זיי זענען געקומען סתם. ברויט איז דאָ און מ׳איז צווישן חברה, דאָס איז שוין אַן עניך. זיצן זיי אין קיבוץ אַ פּאָר יאָר, זיי וואָלטן שוין פון לאַנג באַדאַרפן פאָרן קיין ארץ ישראל, האָבן זיי נישט אויף הוצאות. מ׳גייט אַרום ווי די שאָטנס, דערשלאָגן, מ׳ליגט מיט די מלבושים אויף די ברודיקע לייזיקע קאַנטן, מ׳וואַרט אַז די חדשים זאָלן זיך רירן כדי צו ווערן באַשטעטיקט אויף עליה.

*

פּסח גרין האָט איינגעפּאַקט זיינע רענצלעך, מיטגענומען מלבו־שים, שיך און צידה לדרך, און זיך געלאָזט קיין ווילנע. ביינאַכט איז ער אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און געוואַרט אינעם גרויסן וואָקזאַל אויפן צוג, וואָס גייט קיין ווילנע. צווישן פיל רייזנדע, וואָס זענען געזעסן מיט זייערע פּעק, וואַליזקעס, אויף די בענק, האָט ער באַמערקט אַ מיידל מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר. זי האָט געטראָגן אַ חלוצישע גרינע בלוזע מיט אַ רויטן שנור.

— זי איז דאָך אודאי אַ חלוצה — האָט ער געטראַכט — מ׳דאַרף זי פרעגן וווהין זי פאָרט, אַפשר פאָרט זי אויך קיין ווילנע ? וועט מען זיצן אין צוג צוזאַמען.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט : — חברה וווהין פאָרסטו ?

— קיין ווילנע אין קיבוץ „שחריה״ אויף הכשרה.

— זייער גוט, איך פאָר אויך, וועלן מיר זיצן צוזאַמען אין איין קאַבינע.

אין צוג האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשמועסט. זי האָט אים דערציילט,

אַז זי שטאַמט פון לאָדזש. זי האָט געענדיקט די תרבות שול. זי איז געווען אַ מדריכה פון „החלוץ הצעיר" און איצט וויל זי דורכמאַכן הכשרה, זי האָט געבעטן מ׳זאָל זי שיקן קיין ווילנע. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי הייסט רעגינע.

זי איז נישט געווען קיין שיינע, געהאַט אַ קיילעכיק ברייט פּנים. אַז מ׳האָט זיך פאַנאַנדערגעשמועסט מיט איר, האָט זי געמאַכט א גוטן איינדרוק. שמועסנדיק מיט איר, האָט זיך פסח גרינען געדאַכט, אַז זי האָט זיך געענדערט, באַקומען אַן אַנדער אויסזען אין וועג.

זיי זענען ביידע אָנגעקומען קיין ווילנע. די דראָזשקאָזשעס האָבן שוין געקענט די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אין קיבוץ אויף סובאטש. אַ גוי מיט אַ פּאָר שפּיציקע וואָנצן האָט געכאַפּט זייערע רענצלעך און גע־הייסן אַריינזעצן זיך אין זיין דראָזשקע.

*

עס איז געווען באַגינען, די זון איז אַרויסגעקראָכן פון די גרויע נעפּלען און האָט מיט וויאָלעטענעם שיין באַפאַרבט די וואָלקנס. אין דרויסן האָט געשמעקט מיט מאַיאָוון בעז, וואָס האָט אַראָפּגעכישופט פון די גרינע ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן וועג.

פאַר די בלאָקן הייזער אויף סובאַטש איז פסח גרין מיט דער חלוצה פון לאָדזש אַראָפּגעגאַנגען פון דראָזשקע און זיך געלאָזט צום קיבוץ. אויפן וועג האָבן זיי דערזען אַ שרעקלעך בילד, וואָס האָט זיי געמאַכט אויפציטערן:

אַ פּרוי איז געלעגן אויף דער ערד מיט אַ צעבלוטיקט פּנים, ס׳האָט איר גערינען בלוט פון מויל. לעבן איר איז געשטאַנען אַ יונג וואָס האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ לאַקירענעם דאַשיק אויפן קאָפּ און געקעסטלטע הויזן. ער האָט זי געטראָטן מיט זיינע פיס. די פּרוי האָט געשריגן מיט אַ יאָמערלעך קול. ס׳האָט געקענט רירן אַ שטיין.

פסח גרין איז געוואָרן צעמישט פון דעם בילד, נישט געוווסט וואָס עס קומט פאָר. ער האָט געמיינט, אפשר איז ווער באַפאַלן אַ מיידל

פון קיבוץ. מ׳דאַרף איר העלפן, צונעמען פון דעם יונג. ער האָט פּרו־בירט זיך דערנענטערן צו דער פרוי, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, מיט דער כוונה אויפצוהויבן זי. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ געשריי פון אַ בחור, וואָס איז אַרויס פון קיבוץ צו דער אַרבעט:

— גיי אַוועק, נישט דיין עסק!

זיי האָבן זיך ביידע געווענדט צום בחור, וואָס האָט געהאַלטן איינ־געוויקלט אין אַ פּאַפּיר אַ שטיק שוואַרץ ברויט. דער בחור האָט זיי דער־ציילט, אַז די פאַרשוינען, דער יונג מיט דער מויד, וואָס ליגט אויף דער ערד, זענען פון די שאַנד הייזער, וואָס געפינען זיך דאָ אינעם געגנט. מ׳דאַרף זיך נישט מישן אין זייערע געשלעגן, מ׳קען נאָך כאַפּן אַ מעסער פון זיי.

אינעם לאַנגן קאָרידאָר, אין טומל, איז געניע פאַרשוואונדן געוואָרן. פּסח האָט איר ערשט געזען דאָס צווייטע מאָל אין אַ פּאָר טעג אַרום אין אַ מאָדנעם צושטאַנד.

ער איז אַריין אין סעקרעטאַריאַט מיט זיינע רענצלעך. ביים טיש איז געזעסן דער מזכיר, אַ מיטלוואוקסיק בחורל מיט אַ ווילדער נישט פאַרקעמטער טשופּרינע. ער האָט געהאַט אַ פּנים מיט ברוינע־בלויע פּרישטשעס אין צוויי וואַסערדיקע אויגן. ער האָט געהייסן געצל, גע־שטאַמט פון שטעטעלע סוויר. געצל האָט זיך באַלד צוגעכאַפּט צו פּסח גרינס וואַליזעס און גענומען אויספּאַקן זיינע מלבושים. ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט אַ מילכיקן טאָרט, וואָס פּסח גרינס מאַמע האָט אָפּגעבאַקן אין וועג אַריין פאַר איר זון. געצל האָט מיט ווילדן אימפּעט געפּאַקט דעם קעז־קוכן אין מויל און אַריינגעשריגן אין צווייטן חדר ווו עס זענען געזעסן די חברים פון דער מזכירות:

— חברה, קומט שנעלער אַריין, אַ קעז־קוכן האָט מען געבראַכט!

חברה האָבן זיך געוואָרפן ווי די וועלף, האָבן נישט איבערגע־לאָזט קיין ברעקל.

פּסח גרין האָט אָנגעקוקט דעם פיינעם קבלת פּנים, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט. מילא — האָט ער געטראַכט — כ׳וועל מסתמא אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אויך זיין אויסגעהונגערט נאָך אַ שטיקל קוכן.

עס האָט אים אפילו אַביסל געאַרט. ס׳איז דאָך נישט סתם עפּעס אַ טאָרט, וואָס ער האָט געקויפט, דאָס האָט דאָך פאַר אים זיין מאַמע ספּעציעל געבאַקן. ווי קען מען נעמען זיין מאַמעס געבעקס און מאַכן פון דעם אַזאַ שנעלן וויסטן סוף.

ער האָט אַרויסגענומען פון איין רענצל צוויי פּאָר שיך און גע־מאָלדן דעם סעקרעטאַר: — איך האָב צוויי פּאָר שיך, איין פּאָר טראָג איך. איך גיב אייך אַוועק איין פּאָר פאַרן קיבוץ. די פּאָר נייע שיך, וואָס איך טראָג, און איין פּאָר אַלטע צו דער אַרבעט, וועל איך נעמען פאַר זיך. די איבעריקע פּאָר זענען נאָך אויך נייע, זיי וועלן אייך צוניצקומען, ס׳פעלט אייך אוודאי שיך פאַר די חברים.

געצל האָט זיך איינגעקוקט אין פּסח גרינס פּיס, פון וועלכע ס׳האָט אַראָפּגעגלאַנצט א פּאָר נייע ליאַקירן. ער האָט זיך געווענדט צו פּסח גרין:

— חבר, אַלץ וואָס דו האָסט געבראַכט, געהערט צום קיבוץ, צום קאָלעקטיוו. דו קענסט נישט באַשטימען, מיר וועלן אַליין זען וואָס איז פּאַסיק פאַר דיר.

פּסח גרין האָט איבערגעלאָזט אַ פּאָר שיך אויפן טיש, ער האָט גענומען די פּאָר אַלטע צו דער אַרבעט און פאַרלאָזט דאָס צימער פון סעקרעטאַריאַט. געצל האָט נאָכגעקוקט מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן פּסח גרינס פּיס מיט די שיינע ליאַקערן, וועלכע זענען אַרויס פון זיין צימער.

פּסח האָט באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַל צום שלאָפן צוזאַמען מיט זיינס א באַקאַנטן חבר פון שעדליץ, אונטן אין צווייטן בעט זענען גע־שלאָפן אַ יינגל מיט אַ מיידל. אַז פּסח גרין האָט זיך אויף צו מאָרגנס אויפגעהויבן, האָט ער נישט געהאַט אין זיין רענצל די ליאַקערן. ער האָט געמיינט, אַז עס האָט זיי ווער צוגענבעט. ער האָט אָנגעטאָן די אַלטע אַרבעטס שיך און זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, אפשר, ווער ווייסט, עס זענען דאָך געווען אַ גרופּע חלוצים פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע און פון דאָרטן פאָרן זיי קיין ארץ־ישראל. עס האָט אוודאי אַ בחור, וואָס האָט נישט קיין שיך, זיי צוגענומען, זאָל

אים ווייל באַקומען, ער נעמט זיי דאָך מיט קיין ארץ־ישראל — האָט זיך פּסח גרין געטראַכט.

ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אינעם עס־צימער, צום פרישטיק, צום שוואַרצן ברויט מיט טיי, האָט ער געהערט ווי צוויי מיידלעך, וועלכע שטאַמען פון סוויר, פון געצלס שטעטל, האָבן גערעדט צווישן זיך:

— דו האָסט געזען געצל לאַבודרע, וויאַזוי ער האָט זיך אויסגעסטראָיעט מיט די פּאָר נייע ליאַקערן? ער האָט אין זיין לעבן געטראָגן אַזאַ פּאָר שיך? אַלע פּאָר וואָכן טוט ער אָן אַנדערע מלבושים. אַז ער באַמערקט ביי אַ פרישן אַ פּאָר שיינע הויזן, נעמט ער זיי צו און ער טוט זיי אָן. ער וואָלט באַדאַרפן אַריינפּאָרן מיט די נייע ליאַקערן קיין סוויר, וואָלט מען אים נאָכגעלאָפן. מען וואָלט געמיינט, אַז געצעלע לאַבודרע איז געקומען פון אַמעריקע.

— ער וויל אָפּנעמען פּאָר אַלע יאָרן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען ביי אונדז אין שטעטל מיט אַ צעריסענעם הינטן — האָט איר די צווייטע געענטפערט.

פּסח גרין איז באַלד אינעם זעלבן אָוונט געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט. אויפן ווילנער אַלטן בית־עולם שניידט מען זומער אָפּ די גרויסע ווילדע גראָזן. עס ליגן דאָרטן, צווישן די מצבות, קופּעס פריש אָפּגעשניטן היי. דער פּלויט פון ביידע זייטן, נעבן די מיליטערישע קאַזאַרמעס, איז צעריסן. ביינאַכט קומען אַהין די גויים מיט זעק צונעמען דאָס היי, און צעברעכן אויך די מצבות. האָט די קהילה געדונגען אַ פּאָר חלוצים, אַז זיי זאָלן ביינאַכט היטן דאָס היי אויפן בית עולם.

אַז פּסח גרין האָט געהערט, אַז ער מיט נאָך אַ חבר דאַרפן גיין אויפן בית עולם, יעדער איינער אין אַ צווייטער זייט היטן דאָס היי, איז אים געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. אַ שיין פּנים וואָלט ער געהאַט אין קיבוץ, ווען ער וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט מורא.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ איז ער געגאַנגען היטן דעם אַלטן ווילנער בית עולם. ס'איז דאָן געווען אַ שיינע אויסגעשטערנטע נאַכט.

די לבנה האָט געגאָסן אַ העלע שיין אויף די מצבות. פסח גרין איז אַרומגעגאַנגען און געלייענט די אַלטע אָפּגעריבענע אותיות. ער איז געשטאַנען און באַטראַכט דעם קבר פון גר צדק. פון דאָרטן האָט ער געשפּאַנט ווייטער ביז ער איז פאַרקראָכן צום אהל פון ווילנער גאון. דאָרטן איז ער געוואָרן אויפגעציטערט, פון אהל זענען אַרויסגעקראָכן אַ זעלנער מיט אַ שיקסע. דער זעלנער האָט אים אָנגעכאַפּט און געוואָלט שלאָגן. פסח גרין האָט אים אויפגעקלערט וואָס ער טוט דאָ, אַז ער איז דאָ אַ היטער. דער זעלנער האָט אים אָפּגעלאָזט און דאָס פּאָרל, דער זעלנער מיט דער שיקסע, זענען אַוועק.

לאַנג, לאַנג איז נאָכגעגאַנגען דאָס פּײַנלעכע בילד: אַ זעלנער מיט אַ זונה אין אהל פון ווילנער גאון.

*

עס ציען זיך גרויע נודנע טעג אין קבוץ. קיין שבת, קיין יום טוב, מ׳גייט אַלע טאָג צו דער אַרבעט. מ׳עסט כסדר די זעלבע שיטערע זופּ מיטן שוואַרצן ברויט. פּראָסט וואָכעדיק איז דאָס לעבן. קראַנקע ליגן אין די בעטן. עס שלאָגט אַן עיפּוש פון אַלע חדרים. פיל זענען באַדעקט מיט צרעת. פסח גרין וואָלט געגאַנגען אַמאָל נאָך דער אַרבעט אין שטאָט, באַזוכן היסטאָרישע ערטער, גלוסט זיך אים נישט גיין מיט זיינע אַלטע פאַרלאָטעטע אַרבעטס שיך. די ליאַקערן, וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען האָבן אים געקרענקט. עס האָט אים געדאַכט, ווי מ׳וואָלט ביי אים אָפּגעשניטן אַ שטיק פון זיין לייב. ער האָט געהאָט עפּעס אַ ספּעציעל געפיל צו זיינע ליאַקערן ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש וואָס ער האָט דאָס געכאָוועט. די בליאַסקנדיקע ליאַקערן האָבן אים פאַרשאַפט פרייד, זיי האָבן אים צוגעגעבן יום־טובדיקייט. אַז מ׳האָט ביי אים צוגערויבט זיין פרייד, טוט אים וויי. אַ פחד כאַפּט אים אָן, אַז ער באַטראַכט זיינע צוויי פיס מיט די פאַרלאָטעטע שיך, ער שפּאַנט ווי אַן אַרעסטאַנט אינעם לאַנגן קאָרידאָר אַהין און צוריק. ווען ער זעט געצלען דורכגיין, גיט אים אַ טיאָכקע אין האַרצן.

פסח גרין באַשטימט ביי זיך אַריינצוגיין צום חבר געצל און ביי אים פאָדערן, אַז ער זאָל אים צוריקגעבן זיינע נייע שיך, וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען. ער איז אַריין אין סעקרעטאַריאַט און אים געזאָגט:

— כ׳וויל מיט דיר רעדן.

— ביטע! — געצל האָט זיך אויסגעבויגן ביים טיש און אָנגע־שטעלט זיינע וואַסערדיקע אויגן.

— הער זיך איין, חבר געצל, קלער מיר אויף אין וועלכן חלו־צישן שולחן ערוך שטייט געשריבן, אַז איינער אַ חבר ברענגט דריי פאָר שיך, קומט אים די צעריסענע פאָר? מיר דאַרפן זיך טאָקע טיילן, עס קען נישט זיין, אַז איינער זאָל האָבן צוויי פאָר און דער צווייטער זאָל גיין באָרוועס, אָבער פאַרוואָס קומט דיר די נייע און מיר די אַלטע?

אַ צינישער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף געצלס ליפּן ער האָט געענטפערט פסח גרינען:

— דו ביסט נישט קיין חלוצישער טיפּ, דו וועסט זיך נישט אַריינפּאַסן אינעם קאָלעקטיוון לעבן, וואָס דער קיבוץ בויט.

פסח גרין האָט געוואָלט אים אָנכאַפּן ביי זיין פאַרדאַרטן גאָרגל און דריקן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און אַרויס פון סעקרעטאַריאַט, אַראָפּגענידערט פון די שטיינערנע טרעפּ. ער איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. ער האָט אַרויפגעקלע־טערט הויך אינעם געדיכטן סאָסנע וועלדל אויף די שלאָס בערג, דאָרטן ווו נאַפּאָלעאָן איז געשטאַנען מיט זיינע אַרודיעס. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גרינעם גראָז, אַראָפּגעקוקט צו דעם קרישטאָלענעם שטראָם, וואָס האָט געפּליסקעט, געשפּילט אין דער ווילייקע. ער האָט זיך איינגעקוקט פון דער הויך אין די האַלב־נאַקעטע שלאַנקע ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן פריי, זאָרגלאָז, געשווימען אין ליכטיקן טייך. ער איז מקנא געווען די פריילעכע חברה, וואָס שפּילן זיך אין וואַסער, וואָס טראָגן נישט אויף זייערע פּלייצעס קיין יידישע און וועלט פּראָבלעמען און ווילן נישט איבערבויען די וועלט, ווילן נישט איבערדערציען דעם מענטשן, נאָר לאָזן דאָס לעבן שווימען מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג.

געצלס ענטפער טוט אים מער ווי ווי די צוגעגנומענע שיך. עס מאַטערט אים דער געדאַנק, צי קענען די געצלס זיין די בויער פון אַ בייער געזעלשאַפט? צי קען מען פון געמיינעם מאַטעריאַל בויען אַ פעסטן בנין?

די חברה׳לייט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער באַוועגונג און ניצן זי אויס. זייער פּלאַץ איז דאָך צווישן די רוסישע קאָמיסאַרטשיקעס. פון זיי האָבן זיי געלערנט די רייד, אַזוי ווי עס האָט גערעדט חבר געצל.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. פסח גרין איז צוריקגעגאַנגען אין קיבוץ. אין ווינקל פון קאָרידאָר האָט ער באַמערקט שטיין רעגינען, די חלוצה פון לאָדזש, מיט וועלכער ער איז צוזאַמען געקומען. זי האָט גע־האַלטן איר וואַליזע און געוויינט. ער איז צוגעגאַנגען און זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט. זי האָט אים געזאָגט:

— איך פאַרלאָז דעם קבוץ. עס קומט מיר אויס זיך אַריינצו־וואַרפן אין דער ווילי״ע. וויאַזוי קען איך קומען קיין לאָדזש אַהיים, ווען איך האָב דערצויגן הונדערטער יידישע קינדער צו גיין אויף הכשרה, און איצט פאַרלאָז איך דעם קבוץ!

— אָבער זאָג מיר פאַרוואָס?

— כ׳קען דיר נישט זאָגן — האָט זי געענפערט און געווישט אירע טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט אויף איר ברייט פליישיק פּנים.

ווען פסח גרין איז אַרויפגעקראָכן שלאָפן אויף זיין אינטערנאַ־ציאָנאַל, האָט אים זיין ביישלאָפער, וואָס שלאָפט מיט אים צוזאַמען, דערציילט דאָס וואָס ער האָט געהערט פון חברה ביים עסן, אַז וועלוועלע פאַסטראַק האָט ביינאַכט אַרויפגעקלעטערט אויפן אינטער־נאַציאָנאַל צו דער לאָדזשער חברה, ווען זי איז געשלאָפן אַליין. זי האָט זיך מיט אים געאַמפּערט און אויפגעוועקט די חברה פון שלאָף. אויף צומאָרגנס האָבן אַלע מיידלעך פון איר געלאַכט, דערפאַר פאַרלאָזט זי דעם קיבוץ.

וועלוועלע פאַסטראַק איז געווען פון די ערשטע, וועלכע זענען געקומען פון „שחריה" אויף כיבוש קיין ווילנע. ער ליידט אויף רעווי־מאַטיזם. ביינאַכט ווען אלע שלאָפן מאַכט ער משוגענע געוואַלדן. ער איז א בחור מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, האָט אַ צעשפּרייט מויל, פון

וועלכן עס קוקן אַרויס פּאַרפּוילטע ציין. אַז ס׳קומט אַ פרישע בחורה, כאַפּט ער זיך אַרויף צו איר אויפן קאַנט און דושעט איר ווי אַ האָן.

ער האָט, פאַר זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, געשטעלט אַ חופּה מיט אַ מיידל פון קיבוץ. זי האָט געהייסן כייקע, געקומען פון שטעטל מאַלאַדעטשנע פון אָרעמע עלטערן. זי איז געווען אַן איידעלע, נישט געקענט שווער אַרבעטן, מיט אַ פּאָר פאַרטרוימטע שוואַרצע אויגן. איר קליין קינדיש מויל מיט ליפּן ווי זיסע קאַרשן, האָבן צוגעצויגן אין קבוץ אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

וועלוועלע פּאַסטראַק האָט געוואָרפן אויף איר אַן אויג, ער האָט זי נישט געשיקט צו קיין שווערער אַרבעט. ער פלעגט זיך ביינאַכט צו־כאַפּן צו איר ווען זי איז געשלאָפן. אין אַ שיינעם טאָג האָבן זיי ביידע געשאַפט זיך אַ רינגל און געשטעלט אַ חופּה.

פּאַסטראַק האָט געוווּסט און געפילט, אַז זיין כייקע האָט אים נישט ליב. ער טשאַטעט אויף איר, ווי אַ הונט, ווען זי רעדט מיט וועמען, ווען זי קריכט אַרויף אין אָוונט מיט חברה אויף די גרינע בערג, וועלכע ליגן נעבן קיבוץ. אָבער זי שרעקט זיך נישט פאַר אים. ס׳העלפט נישט זיין קוויטשען, זיין בייסן, זי פלירטעוועט מיט יעדן, ווער עס געפעלט איר.

אָפטמאָל פּאָרט וועלוועלע פּאַסטראַק באַזוכן די נאָענטע הכשרה פּונקטן. פילט זיך דאַן כייקע ווי אַ פרייער פויגל אויף גאָטס שיינער באַטור. פּסח גרין האָט זיך זיינע באַקאַנטע בחורים און בחורות, מיט וועלכע ער זיצט אין אָוונט אויפן באַרג אָדער אין אַ צימער. מען זינגט צוזאַמען די יידיש־העברעישע לידער, וואָס ער האָט געבראַכט אין קיבוץ. אויך צו כייקען קומט ער צו, ווען וועלוועלע פּאַסטראַק פּאָרט אַוועק. זי גיט אים שוין צו וויסן ביי דער אַרבעט, דאָרט וווּ זיי אַרבעטן צוזאַמען. ער זיצט אין צעגענצטע לאַנגווייליקע נעכט ביי איר אויפן קאַנט. זי ליגט צניעותדיק שטיל ווי אַ טויב און ער זינגט איר זיינע לידער. עס טרעפט אויך, אַז ער לייגט אַוועק זיין מידן קאָפּ, גראָבט איין זיין פּנים מיט דער געקרייזלטער שוואַרצער טשופּרינע אין אירע קליינע שפּיציקע בריסטן און ווערט אַנטשלאָפן.

פּסח גרין האָט געאַרבעט איינִיקע חדשים צוזאַמען מיט כייקען

ביי אַרבעט, אין וועלכער ער האָט געפּילט, אַז ער שאַפט עפּעס, אַז ער באַטייליקט זיך אין אַ פּראָדוקטיוון נוצלעכן צווייג.

איבער דער ווילִיע, פון דער צווייטער זייט בריק, אויף אַ באַרג, איז געווען אַ גלאָז־הוטע. זי האָט געהערט צו איינעם אַ ייִד מיטן נאָמען שפּירא, אַ נידעריק יידל מיט אַ קורץ ווייס בערדל. ביי אים האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט אוקראַאינער שגצים און שיקסעס. נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז געלונגען דעם קיבוץ אַריינצודרינגען אין גלאָז־הוטע.

אַ צוואַנציק ייִנגלעך און מיידלעך פון קיבוץ האָבן דאָרט געאַרבעט. ביי אַ גרויסן שמעלץ־אויוון זענען דאָרטן געשטאַנען האַלב נאַקעט, אוקראַאינער אַרבעטער מיט זייערע בלאָזרערלעך, געטונקען אין צעגאָסענעם, צעשמאָלצענעם, פּלאַמיקן זאַמד, און אויסגעבלאָזן מיט אויסערגעוויינטלעכער געשיקטקייט אין אייזערנע פאָרמען פאַרשידענע סאָרטן גלאָזוואַרג. די רויטע אויסגעבלאָזענע פלעשער, גלעזער, האָט מען פון אויוון טראַנספּאָרטירט אין מעכאַנישע וואַגאָנעטקעס אין אַ צווייטן מאַגאַזין. ביי די וואַגאָנעטקעס זענען געשטאַנען די חלוצים און האָבן אָנגעלאַדעוועט און אויסגעלאַדעוועט די גלעזערנע כלים.

אין גרופּע חלוצים האָט אויך געשניטן קלעצער און די שטיקער האָלץ געוואָרפן אין דעם גרויסן הייץ־אויוון. פּסח גרין און כייקע האָבן געאַרבעט ביי די וואַגאָנעטקעס. מ׳האָט געאַרבעט דאָרטן שבת און יום־טוב. אַלע חלוצים גייען שטענדיק אַהיים פון דער אַרבעט צוזאַמען. אַ טייל טראָגן די זעגן אויף די לענדן און די העק אויף די אַקסלען.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה מאַרשירן די חלוצים פון דער אַרבעט. די ייִדן פון ווילנע האָבן שוין געקענט די חלוצים פון סובאַטש. אויף די גאַסן זענען פאַרמאַכט די קראָמען, ס׳בלאָזן שוין קילע האַרבסטיקע ווינטלעך אין ווילנע. עס וועלקן די ביימער אויף די וועגן, ס׳פאַלן קופּערנע, פאַרוויאַנעטע בלעטער פון די צווייגן. ביי די שולן שטייען ייִדן איינגעהילט אין זייערע טליתים. כייקע ווערט אומעטיק, סענטימענטאַל, און זאָגט צו פּסח גרין:

— אוי וויי, ווען מיין טאַטע וואָלט אונדז איצט געזען גיין ראש השנה מיט די העק און זעגן, ער וואָלט דאָס נישט אויסגעהאַלטן.

כּייקע זיפּצט און זעצט פאַר אירע רייד — מיר גייען איצט אַהיים אין קיבוץ עסן דאָס שוואַרצע ברויט מיט דער שיטערער זופּ. גרוי, פינצטער איז אונדזער לעבן. מ׳האָט צעשטערט אונדזער ביסל פרייד, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי אונדזערע אָרעמע טאַטע מאַמע.

— נאַדיר, אָט האָסטו דיר אַ חלוצה. ס׳האָט זיך איר פאַרבענקט צו דער מאַמען, נאָך אַ שטיקל האָניקלעקעך מיט אַ ביסל ווין — שרייט איינע פון דער גרופּע.

אַז יאָ, וואָס איז? מיר איז שוין ליבער מיין מאַמעס דלות מיט איר ראש השנה איידער אונדזער בראָדיאַגיש לעבן.

דער ויכוח איז געוואָרן איבערגעריסן. אַ גרופּע צעפלאַמטע יידן, איינגעהילט אין טליתים, האָבן זיך צעשריגן אויפן קול:

— אפּיקורסים! פּושעים! ראש השנה האַקט מען האָלץ! ווי וואַגט איר צו גיין מיט די העק איבער די גאַסן! הפקר יונגען, איר ווילט בויען ארץ־ישראל?

פּסח גרין איז אַהיים געקומען אין קיבוץ א דערשלאָגענער. ער האָט אָפּגעגעסן שוואַרץ ברויט מיט טיי, אַוועקגעשליידערט זיין צעבראָכענעם גוף אויפן אינטערנאַציאָנאַל שלאָפן.

אויף צומאָרגנס דעם צווייטן טאָג קומט פאָר אַן אסיפה. מען דיסקוטירט וואָס צו טאָן מיט די אַלע קראַנקע. צי זאָל מען זיי אַהיימשיקן צו זייערע עלטערן, אָדער זיי זאָלן בלייבן.

דער מזכיר, חבר געצל, פאָדערט פון דער אסיפה מ׳זאָל באַשטראָפן אַ פּאָר חברים, וואָס מ׳האָט געטראָפן טרינקען אַ גלאָז טיי אין אַ פּריוואַטער שטוב. אויך אויסשליסן פון קיבוץ אַ בחור פון לידע, וואָס ליידט אויף די לונגען. דער חטא באַשטייט אין דעם, ווייל ער איז געגאַנגען צו אַ פּריוואַטן דאָקטער. זיין טאַטע האָט געהערט אין לידע, אַז זיין זון אין קיבוץ איז געוואָרן קראַנק אויף די לונגען, איז ער געקומען ספּעציעל קיין ווילנע און אים אַריינגעפירט צו אַ דאָקטער, אַ מומחה אויף לונגען קראַנקייטן. דאָס איז אַ פאַרברעכן, ווייל נאָר דער קיבוץ

דאַרף אַליין היילן. און אַז מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט, דאַרף מען האָבן געדולד און וואַרטן, נישט גיין מיטן טאָטן צו אַ דאָקטער.

אין דעם ויכוח באַטייליקט זיך פּסח גרין. ער האָט געהאַט אין קיבוץ פיל חברים, וועלכע האָבן געהאַלטן אין פיל פראַגן מיט אים, אָבער אים שטיצן עפנטלעך, פאַר דעם האָבן זיי זיך געשראָקן, דאָס קען חלילה שטערן, אַז מען זאָל זיי נישט באַשטעטיקן צו דער עליה. פּסח גרין האָט נישט גערעדט וועגן די קראַנקע און וועגן די חברים, וואָס האָבן געטרונקען טיי אין אַ פּריוואַטער שטוב. נאָר ער האָט געפרעגט ביי דער פאַרזאַמלונג: „צי מוזן מיר אַרבעטן ראש השנה און יום כיפור? צי דאַרפן חלוצים פאַרשאַפן עגמת נפש די יידן פון ווילנע? דאָס איז נישט אונדזער דרך, דאָס פּאַסט פאַר סאָוויעטן רוסלאַנד! מיר זענען אַ טייל פון יידישן פאָלק, מיט וועמען מיר זענען געקניפּט און געבונדן. מיר טאָרן נישט פאַרשווועכן די הייליקע געפילן ביי די רעליגיעזע יידן".

חבר געצל האָט אים געענטפערט. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ קליינבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע. אים ציט צו די שבתים און יום טובים, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָזט און פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן. ער פּאַסט זיך בכלל נישט אַריין אין דער חלוצישער באַוועגונג.

פּסח גרין האָט פיינט געהאַט די אַלע נאַרישע פּרינציפּן און דאָגמעס. ער האָט נישט מורא געהאַט צו טרינקען טיי ביי באַקאַנטע אין שטאָט. ער איז אַפילו געגאַנגען מיט זיינע באַקאַנטע יונגעלייט, וואָס האָבן געדינט אין ווילנער פּוילישן מיליטער, אין קאַפעען טרינקען אַ גלאָז סאָדע מיט לאָדעס.

ער איז פון צייט צו צייט אַרויסגעפאָרן פון ווילנע. דער צענטראַל קאָמיטעט אין וואַרשע פלעגט אים שיקן האַלטן רעפעראַטן אין די אַרומיקע שטעטלעך. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַלע יידישע ישובים, וועלכע ליגן אין ווילנער געגנט. אַז ער איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע און ס'איז אים געבליבן אַ פאָר גילדן אין קעשענע, האָט ער שטענדיק גענומען אַ פאָר חברים פון קיבוץ, מ'האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שענק אין איינעם פון די שמאָלע צעדרייטע געסלעך פון געטאָ, און דאָרטן זיך אָנגעגעסן צו דער זעט.

פסח גרין האָט זיך אין קיבוץ נישט געהאַלטן, כאָטש ער האָט באמת געוואָלט מיטן גאַנצן האַרץ, נאָך אַלע פּאַסקודנע שטיק, בלייבן ביז צום באַשטעטיקן צו דער עליה.

ט׳האָט זיך ביי אים אויף די פּיס, צווישן די פינגער, באַוויזן פונקט ווי ביי אַלע אַנדערע חברים מצרעת. ער איז אַרומגעגאַנגען און זיך געקראַצט. דאָס האָט אים געגעבן דעם שטויס צו פאָרן אַהיים. ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער, מ׳קען שוין נישט גיין זיך אויסוואַשן, אויסבאָדן אין דער ווילייקע, וואָס פליסט נאָענט נעבן קיבוץ. ער האָט גענומען זיין ליידיק רענצל און פאַרלאָזט ווילנע.

אין קאָרידאָר האָט אים פאַרטשעפּעט חבר געצל: — דו פאָרסט טאַקע אַוועק אַהיים? כ׳האָב באַלד געזאָגט, אַז דו ביסט נישט קיין חלוצישער טיפּ. דו קענסט זיך נישט איבערברעכן און זיך אַריינפּאַסן אין דעם נייעם קאָלעקטיוון לעבן. וויאַזוי וועסטו קומען קיין ארץ־ישראל.

— חבר געצל, זאָרג נישט פאַר מיר. כ׳וועל קומען קיין ארץ ישראל דורך אַנדערע וועגן! — האָט אים געענטפערט פסח גרין און איז אַראָפּ פון די שטיגן. אויפן הויף האָט אים כייקע געדריקט די האַנט.

— אַ שאָד וואָס דו פאָרסט אַוועק, כ׳וועל נאָך דיר בענקען. — האָט זי אים געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אומעטיקע אויגן.

לייזער עלע פּאָרט קיין ארץ־ישראל

רבקה׳לע איז אין די ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל געווען אין אַ קיבוץ, זיך צוגעוווינט צו אַרבעטן. דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט און צוזאַמען מיט איר מאַן פאַרלאָזט דעם קיבוץ און זיך באַזעצט אין פּתח־תקוה. זיי האָבן געגרינדעט אַן אייגענעווירטשאַפט.

ס׳איז זיי אַוועקגעגאַנגען נישט שלעכט. יאָרן זענען אַריבער, ווילדע אַנטיסעמיטישע כוואַליעס טראָגן זיך איבער די יידיש־פּוילישע שטעטלעך. דער עקאָנאָמישער ׳בויקאָט, די פּיקעטן ביי די יידישע קראָ־מען דרינגען אויך אַריין אין סאָקאָלאָוו. לעבן לייזער עלעס קראָם, צווישן די סטראַגאַנעס אויפן מאַרק, שטעלן זיך אויך פּוילישע כוליגאַנעס באַ־לאָדן מיט אייזנס און שטעקנס. זיי לאָזן נישט אַריין קיין קריסטלעכן קונה עפּעס קויפן ביי לייזער עלע אין געוועלב. לייזער עלע, מיט נאָך פיל יידישע קרעמער אין שטעטל, זענען געצוווּנגען צו ליקווידירן זייערע קראָמען, וועלכע גייען איבער אין גויאישע הענט.

לייזער עלע מיט זיין משפחה ליידן הונגער. נישטאָ אין שטוב קיין פּאָר גראָשן אויף ברויט. אין אַלע שפּייז קרעמלעך וויל מען זיי שוין נישט מער באָרגן. וואָך איין וואָך אויס שיקט לייזער עלעס ווייב צו איר טאָכטער רבקה׳לע בריוולעך מיט וויינענדיקע שורות, געשריבן מיט בלוט פון האַרץ, קיין ארץ־ישראל. בריוו וואָס קענען רירן אַ שטיין. קומט פון מאָל צו מאָל אויף יום טוב צו לייזער עלען פון זיין רבקה׳לען אַ פּאָר פונט. די שכנים וויסן. די יידענע פון שפּייז קרעמל, דאָרט ווו שרה קויפט איין שפּייז, וואַרט אומגעדולדיק אויף די פּאָר פונט וואָס דאַרפן אָנקומען פון רבקה׳לען. נישט איין מאָל האָט שוין געטראָפן אַז שרה האָט געמוזט אַוועקלייגן דעם קילאָ צוקער אָדער דאָס מעל, ווייל די שפּייז קרעמערקע האָט נישט געוואָלט מער באָרגן.

רבקהלע ראַנגלט זיך, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. זי וואָלט געקענט אַריבערנעמען אירע עלטערן צו זיך. ביי איר וואָלטן זיי נישט געליטן קיין הונגער. נישט איין נאַכט פאַרגיסט זי טרערן אויף איר געלעגער, אויפן ביטערן מצב פון אירע עלטערן, פונקט ווי איר מאַמע אַמאָל אין שטעטל, ווען דער טאַטע האָט איר אַרויסגעטריבן פון שטוב און זי איז געווען געצוווּנגען צו שלאָפן ביי אירע חברות, אָדער אין לאָקאַל פון פאַריין.

ס׳שרעקט איר אָבער זיי צו ברענגען קיין ארץ ישראל צו זיך. זי קען איר טאַטן, ער וועט איר פאַריאָמערן דאָס לעבן, ער וועט איר פאַרצאַפּן דאָס בלוט, ער וועט איר צעשטערן דאָס ביסעלע גליק וואָס זי האָט דערגרייכט נאָך לאַנגע יאָרן מי אין דעם יידישן לאַנד.

ברענגען צו זיך איר טאַטן, הייסט ברענגען דעם גיהנום, פון וועלכן זי איז אַנטלאָפן. זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן, זי קען אפילו נישט דערציילן פאַר מענטשן, פאַר איר אייגענעם מאַן. ווער וועט זי פאַרשטיין? ווער וועט זי וועלן פאַרשטיין?

עס ציען זיך פּיינפולע נעכט. זיי פרעסן און גריזשען איר האַרץ. די צייטונגען ברענגען יעדן טאָג ידיעות וועגן פּאָגראָמען און עקסצעסן אויף יידן אין פוילן. אָט רעדט מען שטאַרק וועגן דער מלחמה. וואָס היטלער גרייט צו אויף פוילן. איר האַרץ גייט אויס פאַר רחמנות צו איר אָרעמער אומגליקלעכער מאַמען, וואָס איז גובר אַלע שרעקלעכע מחשבות וועגן איר פאַנאַטישן טאַטן. רבקהלע באַקומט ביי דער ענגלישער רעגי־רונג אַ סערטעפיקאַט צו ברענגען אירע עלטערן צו זיך.

*

ווען לייזער עלע האָט געמאַכט הכנות און זיך געגרייט צו זיין רייזע, איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדלעך. פאַרן דעמאָלט קיין ארץ־ישראל איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. כמעט יעדע וואָך זענען אָפּגעפאָרן יידן קיין ארץ־ישראל. ס׳זענען געפאָרן חלוצים, אומלע־גאַלע, מיטלשטאַנד. מ׳האָט שוין אפילו אויפגעהערט מאַכן געזעגענונגס באַנקעטן פאַר די עולים.

אָבער אַז לייזער עלע האָט געפּאַקט זיינע טשעמאָדאַנעס און איז אַרומגעלאָפן צעיאַכמעט, צעשרויפט, דורכפירן די פאָרמאַליטעטן אין דער קהילה, שטאָטראַט און סטאַראָסטווע, האָט אים יעדער ייד אין שטעטל אָפּגעשטעלט און זיך מיט אים געחכמה׳עט:

— ר׳ לייזער עלע, וואָס וועט איר טאָן אין ארץ־ישראל אָן אַ מקוה? דאָרטן וועט איר זיך נישט קענען טובלען יעדן טאָג.

— איי רעדט נישט קיין נאַרישקייט, עס איז דאָרטן אַלץ דאָ. מיין רבקהלע האָט מיר געשריבן. מען קען דאָרט אויך זיין אַן אָפּגעהיטער ייד אויב מען וויל נאָר.

אַז שרה איז אַריינגעגאַנגען צו חנה די שפּייז־קרעמערקע אין קרעמל, דאָרט ווו זי באַרגט שפּייז, האָט זי חנה אויפגענומען מיט אַ זויער פּנים און פאַרזיכטיק זיך געפרעגט, צי עס איז טאַקע אמת, וואָס מען שמועסט, אַז איר פאָרט בקרוב קיין ארץ־ישראל צו אייער רבקהלען?

— יאָ מיר פאָרן, אָבער נישט אַזוי שנעל. עס וועט אוודאי געדויערן נאָך אַ פּאָר חדשים, ביז מיר וועלן האָבן פאַרטיק די פּעסער. איר דאַרפט אייך, חנהשי גאָרנישט זאָרגן, מיר וועלן אייך נישט שולדיק בלייבן קיין גראָשן. איך וועל פאַרקויפן מיין בעטגעוואַנט און אייך באַצאָלן דעם חוב פאַר די שפּייז, וואָס איך האָב ביי אייך גענומען אָן געלט.

— חלילה, נישט דאָס בין איך אויסן — האָט חנה די שפּייז קרעמערין זיך פאַרענטפערט, — איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי איז דאָס אמת, וואָס מענטשן זאָגן. טאַקע גאָטס וווּנדער שרהשי. איר געדענקט, ווען אייער לייזער עלע האָט פאַרטריבן אייער רבקהלען פון שטוב? זי פלעגט דאָך שלאָפן ביי די חברטעס. וויפל מאָל האָב איך איר געבאָרגט אַ פלעצל מיט קעז, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין שטוב עפּעס עסן. אייער לייזער עלע האָט זיך דאָך נישט געוואָלט געזעגענען מיט איר, ווען זי איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל. היינט נעמט זי אַריבער דעם טאַטן. נו? דאָס הייסט אַ יידיש קינד מיט אַ יידיש האַרץ. האָט רחמנות אויף אָרעמע טאַטע מאַמע, פאַרגעסט אָן אַלץ וואָס דער טאַטע האָט איר געטאָן און ראַטעוועט אייך אַרויס פון גיהנום פון די פּוילישע רוצחים.

אויך אין בית המדרש האָבן די רעליגיעזע ציוניסטן דערמאָנט לייזער עלען זיינע אַמאָליקע יאָרן, ווען ער פלעגט ערב יום כיפור קאָנטראָלירן אויף די טישן די קערות. אויב ער האָט באַמערקט אַ טע־לער פון קרן־קיימת, האָט ער אים מיט ווילדער רציחה אַראָפּ געשליי־דערט פון טיש. אויך זיין האַנדלונג לגבי זיין טאָכטער, די וועלכע נעמט איצט אים אַריבער. לייזער עלע ווערט נישט נתפּעל, איז נישט ביי זיך געפאַלן, פילט נישט קיין שום חטא. ער האַלט, אַז ער איז תמיד גערעכט. ער האָט אויף אַלץ אַן ענטפער. ער שטייט אין בית מדרש, צעפּראַלט זיינע פּאָלעס, צעשטראַלט פון פרייד און איז מסביר דעם עולם דעם זין פון זיין רייזע קיין ארץ־ישראל און זיין קוק אויף גאָטס וועלט:

— איר פאַרשטייט וואָס עס קומט פאָר אין אונדזער יידישער וועלט? איר מיינט אַז עס פירט זיך אַליין? דאָס וואָס מיר האָבן דעמאָלט געטאָן, איז געווען דער ווילן פון רבונו של עולם. מיר דאַרפן נישט פרעגן קיין קשיות.

— אונדזער וועלט איז געגליכן צו אַ חתונה, ווען מען פירט חתן־כלה צו דער חופה. פריער לויפן אַלע ווייסע חברהניקעס, די לאַ־פּעטוטן, די שטאָט לאָבוסעס, דערנאָך גייען די געסט און הינטער זיי די מחותנים מיט חתן־כלה. דאָס זעלבע איז אויך מיט ארץ־ישראל. פריער זענען געפאָרן אַלע ווילדע יונגען מיט די מיידן, אַלע לאַפּעטוטן. איצט פאָרן די געסט, דאָס הייסט מיר פרומע יידן. נאָך אונדז וועלן קומען די אמת׳ע מחותנים מיט חתן־כלה — סוועט זיין ביאת משיח צדקנו!

קיין ישראל דורך אמעריקע

דער וועג פון פסח גרין קיין ארץ־ישראל איז געווען אַ ווייטער, אַ לאַנגער. ער האָט געדויערט עלף יאָר. ער האָט זיך נישט געצויגן דורך קאָנצענטראַציע לאַגערן, סיביר, אַזוי ווי דער וועג פון פיל אַנדערע פסח׳ס חברים. פסח האָט דורכגערייזט איינציקע זיד־אַמעריקאַנער לענדער, ביז ער איז געקומען קיין ישראל.

ערב דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ער זיך געגרייט עולה צו זיין מיט דער אומלעגאַלער עליה. ס׳איז אים אָבער נישט געלונגען. פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער פאַרלאָזט פוילן און איז געפאָרן קיין פראַנקרייך, פון דאָרטן קיין באָליוויע, אַלס לאַנדווירט צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט יידישע פליטים פון דייטשלאַנד, פאַר וועמען דער „דזשוינט" האָט באַקומען וויזעס ביים באָליוויאַנער קאָנסול אין פאַריז.

פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע איז פסח גרין געגאַנגען זיך געזעגענען מיט זיינס אַ פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער. דער פעטער האָט געוווינט אין פראַגע. ער איז געווען אַ שטרענג רעליגיעזער ייד. זיין פּרנסה איז געווען מלמדות. געווען אַ מלמד אין איינעם פון די חדרים, וועלכע האָבן געהערט צו דער וואַרשעווער קהילה. דער פעטער האָט געהייסן ברוך, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און אַ פּאָר טיפע אומעטיקע אויגן. ער איז געווען אַ בעל מטופל פון פינף קינדער, געוווינט אויף ראַדזמינסקע אין איין צימער.

פסח גרין איז זעלטן געקומען צום פעטער, ווייל תמיד ווען ער פלעגט קומען צו אים, האָט ער מיט זיינע פרומע יינגלעך פאַרפירט מיט אים אַ ויכוח וועגן רעליגיע און יידישקייט. ער האָט געוווסט, אַז מיט זיינע פרייע געדאַנקען פאַרשאַפט ער דעם פעטער מיט זיין בני־בית עגמת נפש. פלעגט ער צוליב דעם אויסמיידן קומען צו אים אין שטוב.

אַז ער האָט פאַרלאָזט וואַרשע, איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן פעטער. ס'איז פונקט געווען פרייטיק, דער פעטער האָט זיך מכין געווען צו קבלת שבת. ער האָט שטאַרק געבעטן פסח'ן ער זאָל בלייבן ביי אים ביי דער פרייטיק צונאַכטיקער סעודה.

— מילא, היינט פאַרן אַוועקפאָרן וועלן מיר דיך נישט שטראָפן. דו וועסט נאָר איבערלאָזן דעם פעטער לעצט געלט... דו וועסט מאַכן קידוש און דו וועסט מיט אונדז זינגען זמירות. — האָט דער פעטער צו אים געטענהעט.

ער האָט אָבער נישט געהאַלטן וואָרט. פאַרן בענטשן, נאָך פיל נגונים, האָט זיך דער פעטער פאַרגעסן און זיך צערעדט:

— דו פאָרסט אַוועק קיין זיד אַמעריקע. כ'ווייס גאָרנישט וואָס איז דאָרטן מיט יידישקייט, צי קען מען בכלל דאָרטן זיין אַ ייד. ווען דו פאָרסט כאָטש קיין ארץ־ישראל. דאָרטן צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט ביסטו און פאַרבלייבסטו אַ ייד. אָבער אין באָליוויע, וואָס וועט פון דיר דאָרטן ווערן?

ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט און אָנגעוויזן אויף די ליכטלעך, וואָס האָבן געברענט אויפן טיש.

— הער וואָס דער פעטער זאָגט דיר פאַרן אַוועקפאָרן. דו זאָלסט געדענקען מיינע רייד! דו זעסט די ליכט אויפן טיש? ווען זיי ברענען, קענט איר אַלע זיין, אַלע פאַרטייען קענען עקזיסטירן: ציוניסטן, בונ־דיסטן, פרומע און פרייע. אויב חלילה איר וועט אויסלעשן די שבת־ליכט, וועט ווערן ביי יידן פינצטער און מ'וועט אייך קיינעם נישט זען.

די מומע האָט זיך אַריינגעמישט און אים איבערגעריסן זיינע רייד: — דו האָסט דאָך צוגעזאָגט, אַז דו וועסט היינט ביים עסן נישט פירן קיין ויכוחים, איר וועט נאָר זינגען זמירות, און צום סוף האָלסטו נישט קיין וואָרט?

אויפן וועג פון פעטער, פון פראַגע קיין וואַרשע דורך דער אייזערנער בריק, האָבן דעם פעטערס רייד געעגבערט אין מוח פון פסח

גרין. אייניקע וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, איז ער אָנגעקומען קיין באָליוויע.

*

גרוי־מאַנאַטאַן איז דאָס לעבן פונעם יונגן יידישן ישוב אין דער הויפּט שטאָט לא פּאַז. צווישן די הויכע מיט אייביקן שניי באַדעקטע בערג, ווו עס פעלט אויס לופט צו אָטעמען, צו פוסנס ביי דעם אילמאַני באַרג, האָבן זיך מיט איינמאָל אַריינגעשטופּט ווי אין אַ סדום בעטל אַ פּאָר טויזנט יידן, וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט צו די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען פון דעם לאַנד. דורות לאַנג האָט זיך געצויגן דער עמי־גראַציע שטראָם פון אייראָפּע אין די זיד אַמעריקאַנער לענדער. די עמיגראַנטן פון איטאַליע און שפּאַניע האָבן דורכגעוואַנדערט די גרויסע רייכע אוצרות, מיט וועלכע באָליוויע איז געבענטשט, זיי האָבן זיך אָבער צוליב די הויכע בערג און שיטערער לופט, נישט פאַרוואָרצלט, נאָר געצויגן ווייטער אין די שכנותדיקע דרום אַמעריקאַנער לענדער, קיין בראַזיל, טשילע, פּערו און אַרגענטינע.

אייראָפּעער האָבן זיך אין באָליוויע נישט געהאַלטן. די אינדיאַ־נער, וועלכע זיצן שוין דאָרט טויזנטער יאָרן, זענען די מערהייט אין לאַנד. פּלוצים האָבן זיך באַוויזן יידישע פּליטים, וואַנדערער, געטריבן דורך פייערדיקע בייטשן, צעפּייניקטע, דערשלאָגענע וואָס האָבן זיך געשלעפּט פון לאַנד צו לאַנד, געיאָגט פון אַלע דעמאָקראַטישע רעגירונגען, וועלכע האָבן זיי נישט געוואָלט טאָן דעם חסד און דערלויבן זיי צו בלייבן אין זייערע לענדער. די באָליוויאַנער רעגירונג האָט זיי דערלויבט קומען לעגאַל צו זיך, ווייל זי האָט גוט געוווסט, אַז די יידן וועלן זיך סיי ווי סיי נישט האַלטן אין באָליוויע. זיי וועלן פאָרן פון דאָרטן ווייטער, רייזן אין די שכנותדיקע לענדער.

זענען יידן געקומען אויף דערוויל, מיט דער כוונה צו רייזן אין אַלע אַנדערע דרום אַמעריקאַנער לענדער. דרייען זיך אַרום אויף די צעדרייטע, שמוציקע לא פּאַזער גאַסן, צווישן האַלב נאַקעטע אינדיאַ־

נער, פאַרדאַגהטע מיט מרה שחורהדיקע אויסגעלאָשענע אויגן, פיל פּוי־לישע יידן, די עקאָנאָמישע לאַגע איז דערטרעגלעך, ווי האָבן פּרנסה, מ'מאַכט געלט. מען פאַרקויפט סחורה די אינדיאַנער, די טשאָלעס, וועלכע אַרבעטן אין די ריזיקע צינק מינעס. נאָר די מדבר וויסטע בערג, צווישן וועלכע לא פּאַז ליגט ווי אַ פינצטערע עיפּושדיקע גרוב מאַכן אומעטיק און מוטלאָז דעם מענטשן, וואָס איז געקומען פון אייראָפּע. באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ אין די ליימיקע חורבות, אין וועלכע עס וווינען אינדיאַנער, קריכן יידישע פּעדלער מיט פּעקלעך סחורה. פאַר־סאָפּעט, פאַרשוויצט, מיט שוויס באַגאָסענע פּנימער קלעטערט מען אויף די צעדרייטע הויקערדיקע וועגן. יעדער איז אַריינגעטאָן אינעם גע־ראַנגל: וואָס שנעלער „מאַכן אַמעריקע״ — דער אייביקער געיעג, דער אייביקער טאַנץ אַרום עגל הזהב.

נישט קיין שבת, נישט קיין יום טוב. תמיד וואָך, גרויע מיזערנע וואָכעדיקייט. קיין ברעקל פרייד, קיין שום גייסטיקע איבערלעבונג. עס ציען זיך צעגענעצטע ביז חלשות נודנע טעג.

אַ טייל יידן, וועלכע געפינען זיך אין לא פּאַז, האָבן מיט יאָרן פריער מיטגעלעבט מיט די פריידן און ליידן פון זייער פאָלק, אָנטייל־גענומען אין דעם אידעישן געראַנגל פון די יידישע מאַסן אין די גרויסע יידישע צענטערן. היינט זענען זיי אין באָליוויע גייסטיק אַנט־וואָפנט.

פון וואַנען זענען זיי געקומען? פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואַקיי און פוילן. אַ מיש־מאַש פון גלותן, אַ קיבוץ גלויות בזעיר אנפּין, אַ דור הפלגה פון שפּראַכן. יעדער האָט מיטגעבראַנגט פון זיין היים די שפּראַך, קולטור און מענטאַליטעט. די אַלע יידן, וואָס האָבן זיך צוזאַ־מענגעטראָפן אין באָליוויע, זענען פון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנאָטן ווי עס זענען געווען די יידישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין צפון אַמעריקע.

דאָן איז געגאַנגען די יידישע עמיגראַציע אין די אַמעריקאַנער לענדער פון אַן איינהייטלעכן סאָציאַלן שיכט. עמך יידן זענען געפאָרן, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך יידישן פאָלקסטימלעכן לעבנס־שטייגער און

בעיקר די בענקשאַפט צו די יידישע מאַסן און צו זייערע קולטור ווערטן. מיט דער צייט האָבן זיי געגרינדעט שולן, צייטונגען און טעאַטער. קיין באַליוויע זענען נישט געקומען יענע שטאָם־יידן פון מזרח אייראָפּע, נאָר פאַרוועלקטע, פאַרטרוקנטע בלעטער, וועלכע היטלער האָט דערמאָנט אַז זיי האָבן אַ שייכות צום יידישן פאָלק. אויך די פּוילישע יידן זענען אַנדערש ווי די אַמאָליקע יידישע עמיגראַנטן — אַממערסטן פּויליש־רעדנדיקע.

צווישן אָט דעם מענטשן מאַטעריאַל דרייט זיך אַרום ווי אַ שאָטן פּסח גרין. אין לא פּאַז איז פאַראַנען אַ יידישער קלוב מיטן נאָמען „סיר־קולא איזראַליטאַ״. אין די אָונטן פּילט זיך אָן דער קלוב. מ׳שפּילט אין קאָרטן, מ׳פירט מסחר. מ׳טוישט וואַלוטע און מ׳פירט דיסקוסיעס.

הונדערטער יידישע סוחרים, פּעדלער, וועלכע פאַרקויפן פאַר־שידענע שטאָפן, כלים, זייגערס די אָפּגעשטאַנענע באַליוויאַנער אַרבע־טער, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט אין די צינק מינעס, קומען אין אָונט אין קלוב אָנגעשטאָפּט מיט געלט כדי אויסלאָדן זייערע רעוואָלו־ציאָנערע אידעען. בייטאָג פאַרקויפט מען שטאָפן, אינאָוונט פאַרשפּרייט מען סטאַלינס סחורה. צוויי וואַזשנע באַשעפטיקונגען האָבן יידן מיטגע־בראַכט פון זייערע אַלטע היימען: פּעדלעריי פאַר די אינדיאַנער, ביי וועמען מ׳נעמט צו זייערע פאַרהאָרעוועטע פּעזעס, און פאַר יידן — קאָ־מוניזם, וועלט דערלייזונג. אין אָט דעם עולם השקר, צווישן דעם ערב רב, פּלאָנטערט זיך אַרום פּסח גרין.

אָפּט שבת, שפּרייזט ער אַרום הין און צוריק אין דעם קאָרידאָר. אין דעם גרויסן זאַל זיצט מען פאַריאַכמעט, מ׳קלאַפּט מיט די קאָרטן, אַ טייל שיטן מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזן, דערציילן זיך נבל־פּה׳דיי־קע וויצן. אין דער צווייטער זייט פון קאָרידאָר געפינט זיך אַ צימער. דאָרטן קומען אַלע שבת אינאָוונט אַ פּאָר צענדליק יידן און פּראַווען שלש סעודות. מ׳ברענגט חלות, ביר און הערינג. מ׳זינגט זמירות און חסידישע ניגונים.

אינדערמיט, צווישן די רעוואָלוציאָנערע סוחרים, ספּעקולאַנטן,

וואַלוטע הענדלער, קאָרטן שפּילער — פון איין זייט, און די יידן, וואָס פּראַווען שלש סעודות — פון דער צווייטער זייט, דרייט זיך אַרום פּסח גרין. ער ווייסט נישט ווו איז זיין פּלאַץ, אין וועלכן זאָל דאַרף ער אַריינגיין? ווו זעצט מען זיך אַוועק?

צי זאָל ער אַריינגיין צו זיינע היימישע, צו די וועלטלעכע, אָדער צו יענע יידן, פון וועלכע ער איז מיט פּופצן יאָר צוריק אַוועק. צי זאָל ער צוריקגיין זינגען זמירות: אתקונא סעודתא, פּונקט ווי ער האָט אַמאָל אַלס ייִנגל געזונגען אין די שבתדיקע בין השמשות, מיט די סאָקאָלאָווער חסידים.

פּסח גרין זעצט זיך אַוועק צווישן די יידן, וואָס אָרדענען איין שלש סעודות אין לא פּאז, און זינגט צוזאַמען מיט זיי די קאָצקער, פּשיסכער ניגונים, וואָס ער האָט אַמאָל אין זיין שטעטל געזונגען אין שטיבל. די זעלבע ניגונים הערן זיך ווידער אינעם וויטן באָליוויע צו פּוסנס ביים אילמאַני באַרג און טראָגן זיך העט ווייט, ווייט.

פּסח גרין פאַרבלייבט נישט אין באָליוויע. אים ציט צו יידישע מאַסן. וואָס האָט ער צו טאָן צווישן אַ פּאָר טויזנט אָפּגעריסענע פרעמדע יידן? אָט איז אויסגעבראָכן די מלחמה, היטלערס אַרמיי מאַרשירט אויף פּוילן. וואָס וועט ער טאָן אין אַזאַ צעשטורעמטער צייט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווייט פון יידישן לעבן?

באַקאַנטע חברים רעדן אים צו ער זאָל בלייבן, ווילן אים העלפן איינאָרדענען, ווילן אים אַריינפירן אין מסחר, געבן קרעדיטן. — בלייב דאָ — טענהען צו אים באַקאַנטע.

— דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ פון גאַנץ זיד אַמעריקע צו מאַכן געלט. ס׳איז אַ קליינער יידישער ישוב, די אינדיאַנער, די טשאָלעס, אַרבעטן און פאַרדינען, דאָס געלט גיבן זיי אויס אויף פאַרשידענע שמאָכטעס. אַלע פּעדלער וואָס פירן אַוועק אַ ביסל סחורה, קומען צוריק מיט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט געלט.

— בלייב דאָ אַביסל צייט און מאַך אויך אַמעריקע. דערנאָך, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועסטו זיין אַ מענטש. אויב דו וועסט וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָדער צוריקפאָרן קיין פּוילן, וועסטו קענען. דו וועסט

זיין אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. פסח גרין האָט נישט געוואָלט הערן די רייד פון זיינע באַקאַנטע. אים איז געווען ווינציק אַ קליינער יידישער ישוב אָן אַ צייטונג, אָן טעאַטער, אָן אַ יידיש אייגן לעבן. ער מוז זיין דאָרטן, ווו עס לעבן הונדערטער טויזנטער יידן. ער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּוילישע יידן פאַרלאָזט באָליוויע און אַריבער אומלעגאַל די אַרגענטינער גרענעץ.

*

לאַנג, אומענדלעך ציען זיך אַרגענטינער פעלדער און וועלדער. מיליאָנען קי און שעפּסן פּאַשען זיך אין די טיפע גרינע גראָזן. ריזיקע פּלאַנטאַציעס פון טרויבן, עפּל און באַרן, ציען זיך אויף די רחבותדיקע שטחים. ס'איז פרילינג אויף אַרגענטינער ערד. פּסח גרין איז אין שטעטל טאַרטיגאַל, וואָס ליגט נאָענט צו דער באָליוויאַנער גרענעץ. ער שטייגט אויף אין צוג, וואָס גייט ביז צו דער שטאָט קאָרדאָבאַ.

ער זיצט צוגעשמידט צום פענצטער און קוקט צו די צופרידענע זאָרגלאָזע מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וועג ביי די וואָג־זאַלן; צו די קינדער וואָס שפּילן זיך אויף די וועגן; צו די יונגע פּאָר־לעך, וואָס זיצן נעבן זייערע שטיבלעך און צימבלען אויף זייערע גיטאַ־רעס עלעגישע סערענאַדעס אין שלוהדיקער מנוחה אויף גאָטס שיינער נאַטור. אין פרילינג זענען די טעג אין אַרגענטינע העל און לויטער, די זון טריפט מיט פרייד איבער די בליענדע פעלדער. אַ גרינער געזאַנג גייט אויף, שפּרייט זיך איבער באַרג און טאָל.

אַ שפע פון קאָלירן: גרין, בלוי און צעגאָסן זוניק גאָלד, פלירטע־ווען אויף די וועגן, גלעטן זיך, שעמערירן, שפּילן צוזאַמען אויס אַ ניגון לכבוד פרילינג אויף דער געבענטשטער אַרגענטינער ערד. ס'איז פּונקט שמחת תורה. פּוילן ליגט שוין צעטראָטן, צעשמעטערט. די דייטשע אַרמיי איז שוין אַריין קיין וואַרשע. ער דערמאָנט זיך אָן זיין שטעטל, אָן זיינע עלטערן און אָן זיינע נאָענטע. וואָס איז פון זיי געוואָרן? דער צוג לויפט שנעל איבער די שטעטלעך. ווי קומט ער אַהער אין אַ פרעמדער סביבה?

עס האָט אים אַ שטורעם פאַרטראָגן, ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט פון אַ פאַרניכטעטן שטאַם. ער קען אָבער נישט אָפּרייסן זיין בליק פון די באַן סטאַציעס. מיט זשעדנע אויגן קוקט ער זיך איין אין די פריי־דיק צעזונגענע געמיטער פון די אַרגענטינער פאַרליבטע פּאָרלעך. אין זייערע קויל שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן, וואָס שטיפן ווי טשאַטעס טויבן אויף די וועגן. אין די סימעטריש אויסגעפלאַסטערטע גערטנער מיט געדיכטע בלומען פלאַנטאַציעס; אין די פורפור רויזן, וואָס פלעמ־לען זיך ווי צעגליטע קוילן אויף די גרין פלושענע גראָזן, ווי צעצונ־דענע פייערן וואָלטן אויפגעגאַנגען פון דער ערד.

ער דערמאָנט זיך שמחת תורה אין שטעטל. ס׳האָט דאָרט אויך דעמאָלט די זון געשיינט מילד, צאַרט, האַרבסטיק בלייך. אין די שטילע אומעטיקע געסלעך האָט געררוישט מיט יידן. צעיאָכמערט, צע־זונגען איז מען געלאָפן מיט די טעלערס קרעפלעך און געבראָטנס איבער די גאַסן.

דעם רבינס הויף איז געווען פול מיט חסידים. דורותדיקע חסי־דישע תקופות האָט געשפּרייזט מיט זיכערע טריט אויף פּוילישער ערד. שמחת תורה אינאָווונט איז ער אָנגעקומען אַ מידער פון זיין רייזע אין דער שטאָט קאָרדאָבאַ. ער האָט דווקא אויפגעזוכט אַ יידישן רעסטאָראַן. לאָמיר כאָטש זיך דערמאָנען אָן די יידישע מאכלים, אַז עס איז היינט שמחת תורה — האָט ער געטראַכט. נאָך וואָכן לאַנג נישט זען קיין יידישע צייטונג פאַר זיינע אויגן, האָט ער באַמערקט אין רעסטאָראַן אויפן טיש די בוענאָס איירעסער „אידישע צייטונג״.

אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע אותיות, האָט ער דערזען דעם קאָפּ: „די דייטשן האָבן אַרויסגענומען דעם וועגנראָווער רב, דעם סאָקאָלאָווער רבינס זון, און האָבן אים דערמאָרדעט אין מיטן מאַרק. „דער סאָקאָלאָווער רבי, ר׳ יצחק זעליג מאָרגנשטערן, דערהערנדיק די טרויעריקע בשורה, איז פלוצים געשטאָרבן אין אָטוואָצק.״

פון קאָרדאָבאַ איז פסח גרין געפאָרן קיין בוענאָס איירעס. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אים געעפנט. ער האָט קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַרגענטינע זעט אַזוי אויס. מ׳האָט דאָך אין פּוילן

פאַר דער מלחמה קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע.

פסח גרין געדענקט, אַז ביי אים אין שטעטל, אין געסל, האָט גע־וווינט אַן אַלטער ייד, אַ קצב. פלעגן מענטשן דערציילן, אַז דעם קצבס טאָכטער האָט מען פאַרקויפט קיין אַרגענטינע צו די שוואַרצע מענטשן און דאָס געלט, וואָס דער קצב האָט דערהאַלטן, פון זיין טאָכטער, איז טומאה...

ער האָט שוין באַוויזן צו זען דעם קצבס טאָכטער. אַ יידענע פון אַ גאַנץ יאָר, האָט אַ מאַן אַ שניידער, האָבן שוין חתונה געהאַטע קינדער. ער זעט נישט קיין שוואַרצע מענטשן נאָר איראָפּעער. די זעלבע מענטשן וועלכע ער האָט געזען אין פּאַריז.

ווען ער גייט איבער די בוענאָס איירעסער גאַסן, אין יידישן צענטער אין וויזשא קרעספּאָ, דוכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך אין וואַרשע, אין ווילנע.

דריי יידישע טאָג צייטונגען, צוויי סטאַבילע יידישע טעאַטערן, שולן, יידישע רעסטאָראַנען מיט טשאָלענט, קישקע און געפילטע פיש יידישלעך היימיש, ס׳צעגייט אין אַלע גלידער. אַז ער נעמט אַ יידישע צייטונג אין האַנט אַריין, ווערט אים ליכטיק אין די אויגן. ער טראַכט: רבונו של עולם, ווו בין איך? צי איז דאָס נישט קיין חלום? פונקט ווי אין פוילן: פאַרטייען, וואַלן, רעפעראַטן, דיסקוסיעס און לאַנדסמאַנשאַפטן.

פסח גרין באַקומט פליגל צום פליען. אומעטום איז ער דאָ. ער אָרגאַניזירט זיינע לאַנדסלייט, באַטייליקט זיך אין עפנטלעכע ויכוחים, לאָדעט אויס זיינע מחשבות, זיינע שטימונגען, אין אַרטיקלען פעליע־טאָנען און רעפּאָרטאַזשן אין יידישע צייטונגען, וואָס דערשיינען אין בוענאָס איירעס. עפּעס פאַרבאָרגענע קוואַלן האָבן זיך ביי אים אויפגע־ריסן און גערייזלט מיט אימפּעט און שטורעם.

ער באַשעפטיקט זיך די ערשטע יאָרן מיט פעדלעריי. ער אַרבעט אַ פּאָר שעה אין טאָג — מער דאַרף ער נישט. אין דער איבעריקער צייט לייענט ער, שרייבט ער, גייט אין טעאַטער, באַטייליקט זיך אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער פון זיין געמיט יאָמערט אַרויס דאָס

דערדריקטע צעטראָטענע פוילישע יידנטום; זיין חרובע שטעטל, זיין אומגעבראַכטע משפחה. זיי גיבן אים נישט קיין רו.

זיי גייען אים נאָך ווי אַ שאָטן איבער די גאַסן, ווען ער גייט מיט אַ פעקל סחורה און קלאַפּט אין די טירן. אויך אין זיינע פרייע שעהען ווען ער שפּאַצירט, ווען ער זיצט אין קינאָ, אין רעסטאָראַן, אין די פּאַרקן און אויף די שפּיל פּלעצער, ביי די קאָלירטע פאָנטאַנען, באַסיינען און פּלאַזשעס. אויף די רוישנדיקע גאַסן מיט די בלאַסקנדיקע קאָלירטע פייערן, אין דעם סערפּעטין פּלאַנטער אויף די קאַרנאַוואַל פּראָצעסיעס, גייען אים נאָך די געשטאַלטן פון זיין שטעטל.

ער ווערט אַריינגעצויגן אין זיין פּאַרטיי און מוז איבעררייסן די פּעדלעריי. ער פּאָרט אַרום איבער די יידישע ישובים אין די יידישע קאָלאָניעס האַלטן רעפעראַטן, אָרדנט איין קאָלעקטיווע דריטע סדרים, פאַרשפּרייט דאָס יידישע העברעישע ליד אין די ווייטע ארגענ־טינער פּראָווינצן.

אין די קאָלאָניעס מאזעסוויל, מעדאנעס, בערנאסקאני איז ער אַן אָפטער גאַסט. קאָלאָניסטן לייגן איין זייער אַרבעט און קומען אים הערן. ס׳טרעפט פיל מאָל, אַז זיי פאָרן מיט אים פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער. אַז פסח גרין קומט אין דער ווייטער געגנט פון פּאַטאַגאָ־נעס, ווו די יידן לעכצן נאָך אַ יידיש וואָרט, שאַפט דער קאָלאָניסט ישראל קרעמער אַן אויטאָ און מען פּאָרט צוזאַמען באַזוכן די יידישע פאַרוואָרפענע פּונקטן.

ישראל קרעמער פון וויזשע לאנגא, איז אַ הויכער פעסטער ייד, מיט אַ פּאָר ברייטע הויזן. די גויים רופן אים „גאוטשא־כודיא" — יידי־שער קאָלאָניסט. ס׳איז נישטאָ קיין קריסט אין פאטאגאנעסער געגנט, וואָס זאָל אים נישט קענען. אַלע, יונג און אַלט, שרייען אים נאָך: נעגראָ— שוואַרצער. ער גייט שנעל מיט אימפּעט, ווי אַ וויכער וואָלט אים גע־טראָגן, לעבעדיק און לוסטיק. לאַכט הילכיק מיט אַ מויל ווייסע גע־זונטע ציין. ער האָט זיין קעמפּ נישט פון קיין ירושה, נאָר פון אייגע־נער האָראָוואַניע, פון אייגענער אַרבעט האָט ער אים געקויפט.

ער קען פאַראַרבעטן אַ וועלט. ס׳שפּרודלט פון אים ענערגיע און

גבורה. ער זיצט אויפן טראַקטאָר אונטער דער ברענעדיקער זון, זינגט זיך אונטער, ווען די מעסערס שניידן די האַרטע ערד, שטיקער פון ימים־נוראימדיקע תפילות.

ער איז זיך מחיה מיט אַ שטיקל יידישער נגינה. אויף אַלע ראש השנה און יום כיפור אָרדנט ער איין ביי זיך אין שטוב אַ מנין. ער נעמט צונויף מיט געוואַלט דאָס ביסל יידישע משפחות פון די קאָלאָניעס. אויב ער האָט נישט אונטער דער האַנט ערגעץ אַ שטיקל חזן, איז ער זיך מטריח און שטעלט זיך אַוועק אַליין פאַרן עמוד. ער לייגט אַוועק אַ שחרית מיט אַ מוסף.

אַז פסח גרין קומט צו אים קיין וויזשא לאַנגא, גייט ער גלייך צו ישראל קרעמער. ער לייגט אַוועק זיין אַרבעט, שפּאַנט איין זיין סולקע, ברענגט צוזאַמען אַלע קאָלאָניסטן, זעצט זיי אויס ביי אים אין שטוב און זיי הערן פסח גרינס אַ דרשה.

אַז ער איז געקומען דורכפירן אַ קאַמפּיין פאַר דער „הגנה", האָט ישראל קרעמער געשאַפן אַן אויטאָ און מיט אים אַרומגעפאָרן פיל טעג פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע. אַלע נייע יידישע העברעישע לידער האָט ער אים געמוזט אויסלערנען אויפן וועג.

✶

היץ און לויטער זענען די הימלען אין דער געגנט פון פּאַטאַגאַנעס, בלענדן מיט בלויען שיין אויף די שטויביקע וועגן. די זון גלעט מיט געזונטער טרוקענער היץ. מדבר ווינטן בלאָזן, טראָגן, פאַרשיטן די פעלדער מיט פאַרך און שטויב. ס'זענען נישטאָ קיין אויסגעפלאַסטערטע שאָסייען פון איין ישוב צום צווייטן. אויף צעדרייטע צעהויקערטע וועגן שפּרינגט, קרעכצט דער אויטאָ, טרייסלט אַרויס די קישקעס.

פסח גרין מיט זיין באַגלייטער ישראל קרעמער שלעפּן זיך אויף די צעדרייטע וועגן, צו ברענגען דאָס וואָרט פון דעם קעמפנדיקן ארץ־ישראל ישוב צו די איינצלנע יידישע משפחות פון דער שטאָט פּאַטאַגאַנעס, וואָס ליגט ביים רוקן פון טייך ריאַ־נעגראַ, וועלכער פליסט

אַרויס פון די קאַרדיליערן און גיסט זיך אַריין אין אַטלאַנטיק. ווי א בויגן שלענגלט זיך אַרום דער טייך אַרום שטאָט. ליגט ווי אַ טונקע־לער מאַרמאָר אַרום צעגרינטע ראַנדן.

אין די שיינע בלויע נעכט זעט אויס דער טייך ווי אַן אַספאַלטירטער שאָסיי. דאָס וואַסער פליסט רויק, שטיל, אין דעם זילבערנעם לבנה־שיין צווישן וווּנדערבאַרע גרינע בערג.

אַז פסח גרין קומט צוריק פון זיין רייזע אין די ווייטע פּראָווינצן קיין בוענאָס איירעס, איז ער אַן אָפטער גאַסט ביי די אַרגענטינער חלוצים אין קיבוץ „ב. כצנלסון". דאָרטן צווישן די אַרגענטינער יידישע קינדער, וועלכע גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ישראל, געפינט ער דאָס וואָס ער האָט אַמאָל געזוכט און נישט געפונען אין פּוילן, אין קיבוץ „שחריה" אין ווילנע, פון וועלכן ער איז אַוועק. אָט די טייערע יידישע יוגנט אין אַרגענטינע, זיי האָבן געפאַנגען זיין האַרץ.

ער זיצט פיל מאָל צווישן זיי און טראַכט: ווער האָט אייך, חברים, אַהער געבראַכט? וואָס פאַראַ פאַקטאָרן האָבן אייך אַהער געטריבן? וואָס האָט אייך געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אייערע באַקוועמע היימען, אייער טאַטע מאַמע, און קומען אין קיבוץ?

ס'האָט אייך נישט געטריבן דער הונגער, די אַרבעטסלאָזיקייט, נגישות, אַנטיסעמיטיזם. כוליגאַנישע פּאַגראָמטשיקעס האָבן אייך נישט אַרויסגעטריבן פון די שטעטלעך. די פּרנסות ביי אייערע טאַטעס האָט קיינער נישט צוגענומען. פאַר אייך איז דאָ פּלאַץ, ווו מ'קען אַרבעטן און פאַרדינען. טאָ פאַרוואָס זענט איר געקומען אויף „הכשרה"? וואָס טרייבט אייך קיין ישראל?

נאָענט פון קיבוץ ליגט די הויפּט שטאָט פון לאַנד. מאָדערנע מיט נעאָן ליכט באַלויכטענע גאַסן, קאָלירפולע רעקלאַמעס בליאַסקען איבער די קאָפּעס. טעאַטערס, קינאָס און פאַרוויילונגס־פּלעצער ווינקען יצר הרעדיק מיט זייערע העלע פאַרבן און קאָלירן, ציען אַריין דעם מענטשן אין זייערע ליכטיקע עלעקטרישע נעצן. אַ שטאָט פון שפע און אַרבעט. יעדן מענטשן איז לייכט צו באַקומען באַשעפטיקונג. קיינער

ווערט נישט פאַרפאָלגט. פסח גרינען עגבערט די פראַגע: פאַרוואָס זענען די חלוצים אַהער געקומען?

ער געדענקט גוט די בראָשורן און ביכער, וואָס ער האָט אַמאָל געלייענט ביי זיך אין שטעטל, ביכער וואָס האָבן באַוויזן מיט שכלדיקע חקירות, אַז נאָר די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן זענען די מאָטאָרן, וועלכע טרייבן און גיבן אימפעט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאַמפן ביי אַלע פעלקער. אויף פשוט לשון הייסט עס, אַז דער מענטש ווערט אינספּירירט, אָנגערעגט צו קעמפן און זיך מקריב זיין פאַר נאַציאָנאַלער גאולה — דורכן מאָגן.

אָט זיצט ער אין קיבוץ „ב. כצנלסון" און „לייענט" אַ נישט געשריבן בוך, וואָס גיט אַ שטיקל ענטפער אויף אַ הארבן ויכוח, און צעשטערט די טעאָריע, וואָס ער האָט אַמאָל געלייענט. פסח גרין זעט פאַר זיינע אויגן אַ נייע דערשיינונג. ממש אַ יידישער וווּנדער אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר זיינע אויגן אַ נס — דער אייביקער יידישער נס...

די צווייטע וועלט מלחמה ווערט פאַרענדיקט. פאַרשניטן איז געוואָרן דאָס פּוילישע יידנטום. אַלע זיינע נאָענטע זענען אומגעקומען. ס׳אַנטשטייט מדינת ישראל. פסח גרין באַשליסט עולה צו זיין קיין ישראל.

נישט נאָר די מדינה. עס ציען אים אויך די אַלע באַקאַנטע חברים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, וואָס זענען אַרויס פון די וועלדער, בונקערס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, סיביר. צו זיי ציט אים. זיי וויל ער זען, מיט זיי וויל ער שמועסן. ער טראַכט, אַז ער וועט תמיד זיצן נעבן זיי און נישט מיד ווערן פון הערן.

פסח גרין פאַרלאָזט אַרגענטינע מיט טיפער בענקשאַפט צו חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַפריינדעט, צו די פאָלקסטימלעכע הארציקע יידן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט. ער איז עולה קיין ישראל.

מ׳אָרדנט איין געזעגענונגס באַנקעטן, יידישע צייטונגען ווידמען אים אַרטיקלען. אַ טייל שרייבער באַדויערן זיין פאַרלאָזן אַרגענטינע.

דער ערשטער טאָג אין ישראל

ווען די שיף „פיליפּאָ־גרימאַני״, מיט וועלכער פּסח גרין איז געפאָרן פון גענוֹאַ קיין ישראל, האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון חיפה, ווען די טויזנטער עלעקטרישע ליכטער האָבן זיך געלאָשן פון די ווייטע מויערן און ווילעס אויפן כרמל, זענען אַלע עולים אַראָפּ פון זייערע געלעגערס, געלאָפן שנעל אויפן דעק, צו כאַפּן דעם ערשטן בליק אויף חיפה.

פיל האָבן געזונגען, געיובלט פון פרייד. פּסח גרין איז געשטאַנען רויק און זיך איינגעקוקט אָן התפּעלות צו די בלאַסקנדע הייזער, וואָס קלעטערן אויף די בערג צווישן גרינע פּאַלמען וועלדלעך, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַן ארץ־ישראל תושב, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון לאַנד אויף אַ פּאָר מאָנאַטן און איצט קומט ער צוריק אַהיים צו זיך. ער איז נישט איבעראַשט ווי די אַלע עולים פון פּוילן און רומעניע, וואָס פאָרן צוזאַמען מיט אים קיין ארץ־ישראל.

ער שטייט ביים פאַרענטש פון שיף, קוקט צו דעם רויקן ים, וואָס ליגט ווי אַ געשליפענער שפּיגל, וועמענס שטילע כוואַליעס שוועבן קען, גלעטן, די געל־זאַמדיקע ברעגן.

פּסח גרין איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. אויפן שיף, האָט ער באַמערקט אינעם פאַרט צווישן די מענטשן זיין שוועסטער און שוואָגער, אויך אַנדערע באַקאַנטע, חברים, וואָס זענען ספּעציעל געקומען מיט אים זיך טרעפן. זיין שטימונג איז קאַליע געוואָרן אינעם טומל, אינעם רעש. ביים רעווידירן די וואַליזקעס האָט ער באַמערקט זיין בן עיר, דעם חבר הערשעלע מיט פאַרקאַטשעטע ליפּן, דער געוועזענער קאָמוניסט, דער אַלצווייסער ביי אים אין געבורטס־שטעטל. וואָס טוט ער צווישן די באַאַמטע? פון וואַנען קומט ער אַהער אין ישראל?

פּסח גרין, האָט נאָך זייענדיק אין אַרגענטינע, געהערט פון אים,

אַז ער געפינט זיך אין רוסלאַנד. אַ פיינפול בילד האָט אויפגעטויכט אין זיין זכרון פון זיין געבורט־שטעטל: ס׳איז ווינטער אין שטאָט. איינגעטוליעט ווי אין ווייסע תכריכים דרעמלען די הילצערנע שטיבלעך מיט זייערע געבויגענע שינדל־דעכער. אויף אַ הויף אין אַ האַלץ סקלאַד, אויפן ווייסן שניי, שטייען רעליגיעזע חלוצים פון „הפועל המזרחי״. געקומען פון פינסקער געגנט, מיטגעברענגט מיט זיך קאַרלינער חסידישע ניגונים, שאָקלען זיך אין פראָסט מיט זייערע העק, ווי ביי שמונה עשרה, חקרן זיך וויאַזוי מ׳צעשפּאַלט אַ סענק, פונקט ווי ביי אַ בלאַט גמרא. נעבן זיי שטייען יידישע פרויען און ווישן די טרערן פון די אויגן, די יידענע פייגעלע חנה דעם רב׳ס, די באַוווּסטע שטאָט גבאיטע, העשעט ווי אַ קליין קינד, רעדט צו זיך אַליין:

— ווייי איז צו אונדזערע יאָרן, וויי איז צו אונדזערע אויגן וואָס מיר זעען, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט. אַז אַזעלכע איידעלע יידישע קינדער, זאָלן דאַרפן האַקן האָלץ פונקט ווי די גויים, איז שוין עק וועלט!

די יידישע קאָמוניסטן בראש מיט חבר הערשעלע, האָבן געזען אין די חלוצישע האָלצהעקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האַמעווען, האַלטן אָפּ, שטערן מיט זייער צעהאַקט האָלץ, דעם אויפמאַרש פון דער זיגרייכער וועלט רעוואָלוציע.

ווי אַ ווילדע צעיושעטע באַנדע, מיט שטעקנס, מיט אייזנס, אונטער דער קאָמאַנדע פון הערשעלע, האָט מען זיך געלאָזט אויף די חלוצישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און זיי צעשפּאָלטן די קעפּ. בלוט פון יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געגרייט עולה זיין קיין ארץ־ישראל, איז געריגען און באַגאָסן דעם ווייסן שניי. אַזאַ בילד גייט אויף ביי פסח גרין אין דמיון אין חיפה׳ער פּאָרט. ער טראַכט: די וועלכע הערשעלע מיט זיינע חברים האָבן זיי צעשפּאָלטן זייערע קעפּ, זענען אומגעקומען, און די „רעוואָלוציאָנערן״ וואָס האָבן געשפּאָלטן אין נאָמען פון רעוואָלוציע, זענען אַנטלאָפן פון די סאָציאַליסטישע לענדער און זענען געוואָרן באַאַמטע אין חיפה׳ער פּאָרט.

פסח גרין דערמאָנט זיך אויך אין זיין מלמד׳ס ווערטל, ביי אים

אין שטעטל, דעמאָלט ווען ער האָט געלערנט מיט הערשעלען צוזאַמען אין איין חדר:

— הערשעלע דאַרף נישט קענען, ער וועט זיך אַן עצה געבן, ווי ער וועט קומען.

ער טראַכט און זאָגט צו זיך אַליין: — אַזוי גייט דאָס מענטש־לעכע לעבן. ס'איז אַן אַלטע שאלה, מ'האָט איר אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות געפרעגט. ס'האָבן גאונים ביי יידן און ביי די אומות עולם זיך געחקרנט איבער דער אייביקער נישט פאַרענטפערטער פראַגע: „צדיק ורע לו, ורשע וטוב לו" און זענען צו קיין טאָלק נישט געקומען. גייט פרעגט דעם רבונו של עולם קשיות אויף זיינע אומפאַרשטענדלעכע, פאַרבאָרגענע דרכים!

פסח גרין איז געפאָרן קיין תל־אביב. ער האָט אויפן וועג צוריק באַקומען זיין גוטע שטימונג. ס'איז געווען צוויי וואָכן פאַר פסח. דער פרילינג שפרייזט אויף די ישראל וועגן. אַלץ בליט און גרינט. בלוי־לויטער זענען די הימלען, עס טראָגן זיך פאַרשכורנדיקע ריחות פון די פעלדער, פון דער אָראַנזשן בליעכץ. די זון איז מילד. גלעט, צערטלט מיט איר העלן שיין.

ער איז פאַרפאָרן צו זיין שוועסטער, וועלכע וווינט אין אַ שיינער געגנט אויפן צפון. מיט אָפענע אויגן איז ער געשטאַנען און זיך צוגע־קוקט צו די פּרעכטיקע הייזער, אין וועלכע יידישע אַרבעטער וווינען; צו די וווּנדערבאַרע גערטלעך, וואָס רינגלען אַרום די הייזער; צו די פאַרביקע בלומען, וואָס וואַקסן; צו די פאַרשידענעביימעלעך, וואָס וויגן זייערע גרינע צעפּ אויף די לייכטע פרילינג ווינטעלעך; צו דער גרינער שטומער סימפאָניע, וואָס זינגט פון יידישער מי אויף יידישער ערד.

שטייענדיק פאַרטראַכט האָט ער באַמערקט, ווי זיין שוועסטערס פינף יעריק מיידעלע, אַ סאַברעלע, איז שנעל אַרויס פון שטוב. זי איז געלאָפן אַנטקעגן אירע חברות די בשורה. ער הערט ווי זי שרייט אין הויף צו די קינדער:

— הדוד שלי מאמריקה בא והוא מדבר עברית! — מיין פעטער פון אַמעריקע איז געקומען און ער רעדט העברעיש!

— איפה הוא — ווּ איז ער? — האָבן זיך די סאַבּרעס צעשריגן.

— מה הביא? וואָס האָט ער געבּרענגט? איפה הטכסי שלו — ווּ איז זיין טאַקסי?

די סאַבּרעס פון הויף זענען געקומען אָנקוקן דעם פעטער פון אַמעריקע. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. אַלע האָבן אים געפרעגט וואָס ער האָט געבּרענגט, ווּ איז זיין טאַקסי, ווּ זענען זיינע מתנות.

פּסח גרין איז געשטאַנען צווישן די סאַבּרעס פאַרלוירן אומבאַ־האָלפן, ווי ער וואָלט געווען דאָס קליינע קינד צווישן זיי, אַ קינד וואָס די מאַמע האָט אים פאַרלוירן, פאַרגעסן צווישן פרעמדע מענטשן.

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט אירע טונקעלע פליגל איבערן צפון. פון דעם גרויסן פוסטן שטח ביים ירקון האָבן זיך אין איינצלנע, נייע ווייסע בנינים צעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן, זיי האָבן אויסגעזעען אין זיינע אויגן ווי אַ קומענדע לייכטנדע שיף אויף אַן אומענדלעכן ים. אין זיין מידן גוף איז אויפגעגאַנגען אַ זיסע פרייד.

אינהאלט:

1. דער „רבי״ פון די אפיקורסים 7
2. דעם מגיד׳ס זון 18
3. דער ערשטער שטרייק 30
4. יידישע אַקטיאָרן זענען געקומען 34
5. קאַטאַוו הערט דערשאָסן און משה אהרן פּאָרט קיין וואַרשע . . 49
6. אַ טראַגישער סוף 52
7. אַ שותפות׳דיקע ליבע 58
8. חבר׳טע נעכעס לויה 63
9. די ישיבה צעפאַלט זיך 68
10. איבערגעריסן דעם רבי׳נס דרשה 72
11. מ׳פּראַוועט חסידות ביי ר׳ אייזשע הענדל 78
12. משה שואלקעס באַהאַלט שבת זיין טאָכטערס שיך 83
13. בוטשע רובינשטיינס הויף 88
14. לייזער עלע לאָזט נישט גיין זיין טאָכטער אין פּאַריין 100
15. ביי בלומע די בעקערין אין ביבליאָטעק 104
16. אין שכנות מיט אַרבעטער 111
17. אין ווילנע אויף הכשרה 119
18. לייזער עלע פּאָרט קיין ארץ־ישראל 135
19. קיין ישראל דורך אמעריקע 139
20. דער ערשטער טאָג אין ישראל 152

אין פארלאג י. ל. פרץ־ביליאטעק
זענען ביז היינט דערשינען פֿאָלגנדע ביכער:

י. זרבבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי—נײשטאַדט:	דאָס ערשטע אין דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
יצחק לעוו:	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה:	צען ישראל דיכטער
יצחק פּאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
יחיאל האָפּער:	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (ראָמאַן — 2 בענדער)